STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04899

MENSH IBER ALTS

Sh. Hurvits

*Permanent preservation of this book was made possible
by Victor Dizengoff
in honor of
my wife, Sandy, our children & grandchildren*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. הורוויץ

WITHDRAWN FROM YIVO
DUPLICATE COLLECTION

מענש איבער אלץ

●

ניו יאָרק, 1940

דאָס דאָזיקע בוך ווידמע איך צו די פ ר י י ע ד ע נ ק ע ר, ביי וועמען דער מענש איז איבער אַלץ און וואָס פאַרדאָגמאַטיזירן ניט, פאַרהייליקן ניט אידייען און אידעאַלן, וואָס עס קען ניט וויסנשאַפטלאַך באַוויזן ווערן, אַז זיי קענען פאַרווירקלאַכט ווערן אין אונזרעע טעג און אַז זיי וועלן פאַרגרעסערן דאָס גליק, גייסטיק און מאַטעריעל, פון יעדן אַרבעטנדיקן מענשן.

דער מחבר.

אַנערקענונג

דאָס פאָלגנדע ווערק, „מענש איבער אַלץ", באַשטייט פון אַ זאַמלונג פון אַ טייל פון מיינע געדאַנקען, וועלכע זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן די לעצטע יאָרן אין אַרטיקלען אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע", „אידישע אַרבעטער שטימע", „אידישער קעמפּער" און „פאָרווערטס", און פון אַ טייל מאַנוסקריפּטן, וועלכע זיינען אין ערגעץ ניט פאַרעפנטלאַכט געוואָרן.

איך וויל דאָ אויסדריקן מיין דאַנק און אַנערקענונג צו נ. פּאָמעראַנץ, דעם מחבר פון דעם באַלערנדן בוך „רעוואָלוציע אָדער רעפאָרם ?", פאַר זיין וויכטיקן ביישטראַג צו דעם דאָזיקן ווערק. ער האָט אין אייניקע ערטער אויסגעבעסערט די שפּראַך, קלאָרער געמאַכט דעם אַרויסגעזאָגטן געדאַנק און איבערהויפּט צוזאַמענגעשטעלט אין אַן אָרדנונג וואָס איז פּאַסיק פאַר אַ בוך.

ש ל מ ה ה ו ר ו ו י ץ.

פאָרוואָרט

אין דעם פאָרליגנדיקן ווערק „מענטש איבער אַלץ" ווערן ארויסגעזאָגט קלאָר און לייכט שיינע, אמתע געדאַנקען וועגן דעם מענטשלאכן צוזאַמענלעבן אין דער געזעלשאַפט. ער דאַרף ניט ווערן געצוואונגען דורך קיינע דאָגמען פון צוזאַמענ־ווירקונג אַ חוץ זיין אייגענעם ווילן פון מיטאַרבעטן מיט זיינע חברים. אין דעם זינען איז דער מענטש, דאָס הייסט זיין פרייהייט איבער אַלץ. ער מעג און קען אָבער מוז ניט זיין געצוואונגען צו לעבן אונטער אַ געוויסן סדר קעגן זיין ווילן. יעדנפאַלס איז דאָס דער אידעאַל פון אַ פרייהייטלאכן צוזאַמענ־לעבן, אויף וויפיל דאָס קען פאַרווירקלאכט ווערן. אין ער־שטער ליניע דאַרף אָט דער אידעאַל דערקלערט און פראָפּאָ־גאַנדירט ווערן, און דער פאַרפאַסער האָט עס ארויסגעבראַכט גאַנץ קלאָר און דייטלאך, וואָס דערפאַר דאַרף אים דער לעזער זייער דאַנקבאַר זיין.

ספּעציעל אין היינטיקער צייט פון דיקטאַטאָרישן סאָציאַ־ליזם איז אַ באלייכטונג פון פרייהייטלאכע געדאַנקען געוואָרן אַ דרינגענדע נויטווענדיגקייט, און עס איז צו באַגריסן יעדן שרייבער וואָס נעמט זיך די מיע צו באַפעסטיקן די אַלטע אמתן וועגן אַ פרייען מענטשלאכן צוזאַמענלעבן.

איך נעם דעריבער אָט די געלעגנהייט אויסצודריקן מיין נחת רוח מיט דעם מחבר׳ס אַרבעט צו פאַרשפּרייטן די נויטיקע געדאַנקען פון אַ גערעכטן צוזאַמענלעבן אין אַ פרייהייטלאכע געזעלשאַפט.

ד ר. י. א. מ ע ר י ס אָ ן.

אינהאַלט:

מענש און אידעאַל — — — — — — — — — — — 5
סאָציאַליסטישע ספקות — — — — — — — — — 26
קאָלעקטיוויזם און פערזענלאכע איניציאַטיווע — — — 35
דער איינצלנער און די געזעלשאַפט — — — — — — 44
אַז מ׳וויל צופיל . . . — — — — — — — — — — 63
ווען און ווי אַזוי ? — — — — — — — — — — 68
לאָמיר רעפאָרמירן דעם סאָציאַליזם — — — — — — 74
וואָס די רוסישע רעוואָלוציע לערנט אונז — — — — — 84
פאַלשע רעוואָלוציאָנערע הנחות — — — — — — — 90
ב. צ. גאָלדבערג — סטאַלינ׳ס אַפּאָלאָגעט — — — — 98
אידעאישע קעגנער אָדער שונאים ? — — — — — — 105
ברויט . . . און קולטור — — — — — — — — — 108
אַ וואָרט צו דער יוגנט — — — — — — — — — 115
מיר דוכט זיך — — — — — — — — — — — — 122
באַלדיקע דערגרייכונגען — — — — — — — — — 126
איז דער „לא תרצח" אַלעמאָל גילטיק ? — — — — — 130
דיסקוסיע וועגן דעם „לא תרצח" — — — — — — — — 134
מענש און איד — — — — — — — — — — — — 150
געפיל און פאַרשטאַנד — — — — — — — — — — 157
ציוויליזאַציע און קולטור — — — — — — — — — 166
וואָס איז אַנאַרכיזם ? — — — — — — — — — — 173

מענש און אידעאַל

דער מענש איז איבער אַלץ

וואָס עלטער איך ווער, אַלץ אַ גרעסערער אַפּיקורס ווער איך. איך גלויב ניט, אַז מענשן, ווי גרויס, ווי געניאַל זיי זאָלן ניט זיין, קענען וויסן דעם גאַנצן אמת. דערפאַר הער איך זיך צו צו יעדן איינעם, וואָס זאָגט אַ ניי וואָרט, וואָס ווייזט ארויס אָריגינאַליטעט, אַנדערשקייט — מעג ער זיין אַ ראַדיקאַל אָדער אַפּילו אַ רעאַקציאָנער. ווערטער שרעקן מיר ניט. און טרייסטן אומצופרידענע, אומגליקלאַכע מענשן מיט אַ בעסערער צוקונפט, וואָס ניט איך און ניט אימיצער אַנדערש אין דער וועלט קען זיין זיכער אין איר, קען איך ניט.

צי די אידעאַלן, וואָס דער ראַדיקאַלער, אידעאַליסטישער טייל פון דער מענשהייט האָט אַנגענומען פאַר ריכטיק, פאַר ווינשנסווערט, קענען פאַרווירקלאַכט ווערן אין לעבן, — דאָס דאַרף און זאָל דיסקוטירט ווערן. קיין לעבעדיקער מענש ווייס ניט און וועט קיינמאָל ניט וויסן, ווי די ווייטע צוקונפט וועט אויסזען. דעריבער טאָרן די אַלע צוקונפטס־פאָרשטעלונגען און די פלענער ווי אַזוי אָנצוקומען צו דער דאָזיקער צוקונפט ניט פאַרדאָגמאַטיזירט ווערן, און אָוודאַי טאָרן זיי ניט פאַרהייליקט ווערן, ווי רעליגיעזע מענשן טוען עס מיט זייערע גלויבונגען און האָפענונגען.

אַ מענש מיט אַ האַרץ, וואָס זוכט אמת און גערעכטיג־קייט, און האָט אַ קלאָרן פאַרשטאַנד, מוז שטענדיק צווייפלען אין דער אַבסאָלוטקייט, פולקאָמענהייט און אומ־פעלבאַרקייט פון אמת'ן, וואָס זיינען ארויסגעזאָגט געוואָרן פון די גרעסטע גאונים, פון די ערלאַכסטע און בעסטע מענשן.

וואָרים עס איז ניטאָ און קען ניט זיין אַ מענש אויף דער וועלט, וואָס זאָל זיין אַלצוויסנדיק. ניטאָ קיין אַבסאָ־לוטעס אין דער נאַטור, אין דעם אוניווערז, און אַוודאַי ניט אין דער געזעלשאַפט. אַלץ איז רעלאַטיוו. אַלע אמת'ן זיי־נען, אַזוי צו זאָגן, היסטאָרישע, ניט קיין אייביקע; וואָס עס איז אמת אין איין פעריאָד, קען זיין פאַלש אין אַ צווייטן פעריאָד.

נאָר איין אמת איז פאַראַן, וואָס איז גילטיק פאַר אַלע צייטן, פאַר אַלע אייביגקייטן, און דאָס איז, אַז . . . דער מענש איז איבער אַלץ; אַז אַלע אונזערע אידעאַלן, אַלע אונזערע געדאַנקען און האָפענונגען מוזן זיין געצילט בלויז צו דער פאַרגרעסערונג און פאַרמערונג פון דעם מענשנס גליק.

אַלץ, וואָס פירט צו דער פאַרגרעסערונג פון דעם מענשנס גליק באַלד, איצט — איז אמת, איז גערעכט, איז שיין. דאָס מענשלאַכע גליק טאָר ניט אָפּגעלייגט ווערן אויף שפּע־טער, אויף דער צוקונפט, אויף די קומענדיקע דורות. וואָרים, ערשטנס, ווער קען דאָס זיין זיכער, אַז דער אידעאַל קען איבערהויפּט פאַרווירקלאַכט ווערן אין לעבן; צווייטנס, האָט קיינער ניט דאָס רעכט מקריב צו זיין דעם מענשן פון היינט

און זיין גליק אָן זיין הסכמה פאַר דעם גליק פון די צוקינפטיקע דורות, אַפילו ווען אַ מעגלאכקייט צו זיין זיכער אַז דער אידעאַל וועט יאָ פאַרווירקלאכט ווערן וואָלט געווען.

די, וואָס מיינען, אַז מען מעג מקריב זיין דעם איצ־טיקן דור צוליב דעם גליק פון די דורות וואָס וועלן קומען נאָך אים, נאַרן זיך אַליין, אויב זיי מיינען אַז זיי האָבן ליב דעם מין מענש. ניין, אין אמת'ן האָבן זיי קיינמאָל ניט ליב געהאַט דעם מענשן. אין אמת'ן זיינען זיי פאַרליבט בלויז אין זיך אַליין, אין זייערע פאַנטאַזיעס און אילוזיעס, אין דער אומפעלבאַרקייט פון זייערע פאַרשטעלונ־גען וועגן דער צוקונפט.

אַ מענש איז ביכולת צו זאָגן צו זיינע אייגענע קינדער: טראָגט אַריבער הונגער, קעלט און נויט, און לייגט אַוועק אייערע לעבנס, אויב עס איז פאַר אייך אוממעגלאך ווייטער צו לעבן ווי פרייע, חשוב'ע מענשן; אויב איר וועט פאַר־לירן אייערע לעבנס, וועלן אפשר די צוקינפטיקע דורות געווינען דערפון. אָבער קיין מענש וועט ניט זאָגן צו זיינע קינדער: לייגט אַוועק אייערע לעבנס בלויז פאַר דעם צווייפלהאַפטן וואוילזיין פון די קומענדיקע דורות. און אויב קיינער וועט אַזוינס ניט זאָגן צו זיינע אייגענע קינדער, טאָר ער דאָס בשום אופן ניט זאָגן צו אַלע מענשן־קינדער.

אינטעלעקטועלע ערלאכקייט

אויב אַ מענש זוכט באמת נאָר דעם אמת, אָן שום אַנ־דערע פניות, איז אַבסאָלוט נויטיק, אַז ער זאָל זיין ערלאַך,

אינטעלעקטועל ערלאך — סיי מיט אַנדערע, און הויפּטזעכלאך מיט זיך אַליין.

דורך פֿאַרשוויגן אָדער פֿאַרדרייען די פֿאַקטן, דורך זוכן אָפּנאַרן זיך און אַנדערע, דורך אויסמיידן די אומאָנגענעמלאכקייט פֿון צוגעבן אַז מ׳האָט געלעבט אין טעות אָדער פֿון באַזיגט ווערן, — קען מען ניט דערגיין דעם אמת.

איך וואָלט געזאָגט, אַז פֿון די צען מאָס אינטעלעקטועלע אומערלאכקייט, וואָס איז פֿאַראַן אויף דער וועלט, האָבן ניין מאָס צוגענומען די באָלשעוויקעס־קאָמוניסטן און די דיקטאַטאָרס. זיי שטעלן זיך ניט אָפּ פֿאַר קיין זאַך. אויב עס לוינט זיך פֿאַר זייער פּאָליטיק, זאָגן זיי ליגן, פֿאַרלוימדען זיי אָרנטלאכע קעגנער און טראַכטן אויף זיי אויס בלבולים, פֿעלשן זיי געשיכטע, און אַזוי ווייטער; זיי לאַכן זיך אויס פֿון מאָראַל, פֿון עטיק, פֿון רחמנות, פֿון יושר, פֿון גערעכטיגקייט און מענשלאכקייט בכלל. דאָס זיינען סענטימענטאַליטעטן פֿון שוואַכע מענשעלאך; דאָס זיינען בורזשואַזע, קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אויסטראַכטענישן אום צו פֿאַרשקלאָפֿן דעם עולם־גולם, — זאָגן די קאָמוניסטן.

דער רעזולטאַט פֿון אַזאַ פּראָפּאַגאַנדע און דערציאונג איז: אַז מענשן מיט ווייניק וויסן, מיט אַ סך חוצפה און אַ שוואַכן געוויסן — ווער מיט מאַסקעס פֿון כלומרשטן אידעאַליזם און ווער אָן מאַסקעס — ווערן צוגעצויגן צו דער דאָזיקער באַוועגונג און ווערן אין איר די דעה־זאָגער און מאַכטהאָבער. עס זיינען דאָ מענשן, וואָס זיינען געבוירן געוואָרן

מיט איינגנשאפטן פון באַנדיטן און גענגסטערס. נאָר דורך אַ צופאַל זיינען זיי אריינגעפאַלן צווישן סאָציאַליסטיש־דענקענדע מענשן און דעקן־צו זייער שלעכט האַרץ, זייערע ברוטאַלע גע־פילן מיט אַ מאַנטל פון כלומר'שטדיקן אידעאַליזם — רעוואָ־לוציע צוליב דעם מענשנס גליק.

דער וואָס האָט אַן „אויג", אַ חוש צו זען, וועט געפינען אַ סך פון אָט דעם „רעוואָלוציאָנערן" מין פאַרנעמענדיק דעם העכסטן פלאַץ אין די דיקטאַטאָרישע מלוכות...

אויב דער דיקטאַטאָרישער קאָמוניזם־קאָלעקטיוויזם האָט צוגעצויגן צו זיך אַזוי פיל אומאָראַלישע עלעמענטן אין דער געזעלשאפט, וועלכע טוען אָפּ די ערגסטע וואַנדאַלישע אַקטן, אונטער דעם אויסרייד אַז דער ציל הייליקט אַלע מיטלען, — איז דאָס צום אַלעם ערשטן אַ רעזולטאַט פון אינטעלעקטוע־לער אומערלאכקייט.

דעריבער זאָג איך, אַז כדי אַ באַוועגונג אָדער אַן אידעאַל זאָל ניט ארונטערזינקען און דעגענערירט ווערן צו דעם מצב פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג פון אונזער טרויעריקער צייט, דאַרף אין דער ערשטער ריי אָפּגעהיט ווערן די אינטע־לעקטועלע ערלאכקייט.

זעלבסט־ווירדע

קיינמאָל, אונטער קיינע אומשטענדן, טאָר אַ מענש ניט פאַרבויגן זיין זעלבסט־ווירדע, זיין מענשלאכן שטאָלץ. ער טאָר ניט אויסבייטן אָט־די דערהויבנסטע מענשלאכע אייגנ־

שאַפט אויף רייכטום, כבוד, פירערשאַפט און דאָס גלייכן. ווער עס טוט עס, דערנידעריקט זיך מאָראַליש און פאַרדינט פאַראַכטונג.

אינטעלעקטועלע ערלאכקייט און מענשלאכע חשיבות פאָדערט אויך פון אַ מענשן, אַז ער זאָל ביי זיך ניט שאַפן קיין באשטימטע מיינונג איבער געזעלשאַפטלאכע פּראָבלעמען, ביז ער שטודירט ניט פריער אָבזייטיק די פאַרפּלאָנטערטע, פאַרוויקלטע סאָציאַלע פּראָבלעמען. כדי צו קומען צו אַן ערלאכער איבערצייגונג, מוז מען ווי וויט מעגלאך אונטער־דריקן די אייגענע סימפּאַטיען און נייגונגען, אַז זיי זאָלן ניט שטערן דעם שכל און דעם זין פאַר אמת, וואָס יעדער מענש באזיצט מער אָדער ווייניקער, צו קומען צו אַן ערלאכן אויספיר.

גוטע כוונות, גוטע אַבזיכטן קענען ניט פאַרדעקן די שלעכטע מעשים, וואָס מען באגייט קעגן מענשן. דער ציל קען ניט און טאָר ניט באַרעכטיקן די שלעכטע האַנדלונגען קעגן לעבעדיקע מענשן. וואָרים גיט מען נאָר צו, אַז דער ציל באַרעכטיקט אַלע מיטלען, — דאַן מוז מען צוגעבן, אַז אפשר איז טאָרקוועמאַדאַ געווען אַ הייליקער און היטלער איז אַ צדיק. טאָרקוועמאדא האָט אפשר ערלאך געגלויבט, אַז מיטן פאַרברענען די קערפּערס פון אַפּיקורסים ראַטעוועט ער זייערע נשמות פון אייביקן גיהנום. היטלער גלויבט אפשר, אַז מיט זיינע ברוטאַלע, פינסטערע מעשים העלפט ער געווינען פאַרן דייטשן פאָלק וועלט־מאַכט, „גרויסקייט״.

און סטאַלין מיינט אַוודאי אויך, אַז מיט זיינע ברוטאַלע מעשים און טעראָר העלפט ער ברענגען אַ בעסערע צוקונפט פאַר רוסלאַנד און פאַר דער אַרבעטנדיקער מענשהייט איבער גאָר דער וועלט.

אַ מענש מיט מענשלאכער חשיבות, מיט זעלבסט־ווירדע מוז דעריבער פּראָקלאַמירן, אַז נידעריקע, געמיינע מיטלען, צוליב וועלכן צוועק זיי זאָלן ניט געברויכט ווערן, זיינען אומווירדיק און טאָרן ניט באַנוצט ווערן.

פרייער דענקען

ראַדיקאַלע מענשן נעמען אָן פאַר אַ כבוד זיך צו רופן „פריידענקער". אונטער „פריידענקער" פאַרשטייען זיי גע־ווינלאך מענשן, וואָס זיינען ניט געצוואונגען און ניט געבונדן דורך גלויבונגען און הנחות. זיי אָנטזאָגן זיך צו גלויבן אַפילו דעמאָלט, ווען דער שכל קען אַ געוויסע דערשיינונג ניט באַ־גרייפן. גאָט, רעליגיע איז דערוויידער דעם פריידענקער'ס געמיט, ווייל גאָט איז אומבאַגרייפלאך פאַרן שכל און ווייל רעליגיע בינדט־צו צו געוויסע דאָגמעס און לאָזט ניט דעם געדאַנק פריי דענקען.

אין אמת'ן אָבער איז דער „פריידענקער" ווייט פון זיין אַ פרייער דענקער.

דורך דעם, וואָס דער „פריידענקער" האָט פאַר זיך געשאַפן אַ נייע פּראָגראַם, אַ נייעם שולחן־ערוך, אַ קאָדעקס פון נייע מאָראַלע באַגריפן אין וואָס מ'מעג און וואָס מ'טאָר

ניט גלויבן, — דורך דעם איז ער געוואָרן אויס פרייער דענקער. דער פרינציפּ ניט צו גלויבן אין גאָט און אין רעליגיע איז ביי דעם פריידענקער געוואָרן אַ נייע רעליגיע, אַ צוגעבונדנקייט צו אַ געוויסן אַרט דענקען, מ׳קען זאָגן אַ רעליגיע פון גאָלן ניט־גלויבן. כאָטש ניט די וויסנשאַפט, ניט די פילאָזאָפיע קענען געבן די מינדעסטע דערקלערונג וועגן דער ערשטער סיבה פון וועלט־באַשאַף. די וויסנשאפט ווייס ניט אַפילו ווי אַזוי און וואָרום אַ גראָז וואַקסט. מ׳ווייסט, אַז כדי אַ גראָז זאָל וואַקסן מוז זי האָבן וואַסער, וואַרעמקייט א. אז. וו., אָבער וואָרום דאָס וואַסער, די וואַרעמקייט מאַכן די גראָז צו וואַקסן, וואו איז דער מוז, די נויטוועגדיגקייט דערצו, — דאָס ווייסט ניט די וויסנשאַפט. זי ווייס נאָר די דערשיינונג, דעם פאַקט, אָבער ניט מער.

נאָך ערגער איז ווען אָט דער מעטאָד פון ניט־פרייען דענקען ווערט אַריבערגעפירט פון דעם געביט „בין אָדם למקום" צום געביט פון „בין אָדם לחברו". מ׳קען אפשר זאָגן, אַז גאָט וועט שוין אַליין זיין שטעטל באשטיין, אָבער דעם מענשן קומט אויס זייער אַ סך צו באַצאָלן פאַר דעם נייעם דאָגמאַטיזם פון די כלומרשטע „פריידענקער".

דער אמת׳ער פרייער דענקער דענקט פריי טאַקע אויף אַן אמת. ער לאָזט זיך ניט פאַרשקלאַפן פון דאָגמעס, פון הייליגקייטן, פון כלומרשטע נייע אייביקע „אמת׳ן". זיין קאָפּ איז פריי פון די קייטן, מיט וועלכע דער דאָגמאַטיזם האַלט געשמידט דעם סאָציאַלן סכעמאַטיקער. דער פרייער דענקער

פאַרשליסט ניט זיין קאָפּ פאַר נייע געדאַנקען און אידייען. היינט שיינט אים אַ געוויסע אידייע צו זיין לאָגיש און גע־רעכט; אָבער אויב ער געפינט מאָרגן אויס, אַז ער האָט גע־לעבט אין טעות, וועט ער ניט מורא האָבן דאָס צוצוגעבן. דער פרייער דענקער האָט ניט מורא צו בייטן זיינע מיינונגען און איבערצייגונגען, ווען אימיצער אָדער דאָס לעבן באַווייזט אים, אַז זיינע פריערדיקע מיינונגען זיינען געווען איבער־טריבענע אָדער פאַלשע. ער שרעקט זיך ניט פאַר אויטאָ־ריטעטן, פאַר געלערנטע, פאַר פירער. ער וויל טאַקע אַליין פאַרשטיין פאַר וואָס מ'פאָדערט פון אים צו דענקען אָדער צו טאָן אַזוי און ניט אַנדערש.

דער אמת'ער פרייער דענקער וועט ניט אָננעמען דעם פאַלשן געדאַנק, אַז מ'מעג פאַרערגערן דעם מענשנס לאַגע איצט, ווייל דערפון קען אפשר פאַרבעסערט ווערן די לאַגע פון די קומענדיקע דורות שפּעטער. וויבאַלד עס איז, אין בעסטן פאַל, ניט זיכער אַז די איצטיקע שווידערלאכע מעשים וועלן ברענגען גליק שפּעטער, וועט דער פרייער דענקער בשום אופן ניט מסכים זיין מקריב צו זיין די אינטערעסן פון דעם מענשן וואָס לעבט איצט. דער פרייער דענקער וועט זיך האַלטן שטאַל און אייזן פאַר דעם איינפאַכן אָבער מענש־לאַך־געזונטן געדאַנק, אַז דאָס בעסטע פאַר דעם פּראָגרעס איז, וואָס מער צו פאַרגרעסערן דעם גליק פון דעם מענשן שוין איצט, אויף וויפיל עס לאָזט זיך.

אמת, דאָס איז אַ „פּראָסטע" פילאָזאָפיע, אָבער דערפאַר

איז עס, ווי מ׳קען זיך אויסדריקן, א „קעש פּראָפּאָזישאָן״, און ניין־און־ניינציק מיט ניין־צענטל מענשן ווילן דאָס, — מענשן, וואָס זיינען „אויסגעהאַלטן״, „קאָנזעקווענט״ אין זייערע אידייען דאָס גאַנצע לעבן, ניט נעמענדיק אין באטראכט די עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און גייסטיקע ענדערונגען וואָס קומען פאָר אין לעבן, — קענען זיך אפשר זיין טיפע דענקער, אָבער ניט קיין פרייע דענקער.

טאָלעראַנץ

דער פרייער געדאַנק פאָדערט ניט, אַז דער מענש זאָל כסדר האַלטן אין איין וועגן און מעסטן געדאַנקען און אידייען, און קיינמאָל ניט קומען צו געוויסע איבערצייגונגען. דער פרייער געדאַנק פאָדערט בלויז, אַז נאָכדעם ווי איינער קומט צו געוויסע איבערצייגונגען, זאָל ער ניט פאַרשליסן זיין מוח פאַר נייע געדאַנקען; זאָל ער ניט מיינען, אַז יעדערער וואָס דענקט אַנדערש ווי ער מוז בויטוועגדיקערווייז זיין אַ פאַרקויפטע נשמה, אַ געמיינער מענש; זאָל ער זיין טאָלעראַנט צו דער מיינונג פון אַן אַנדערן; און, — וואָס איז די הויפּט־זאַך, — ער זאָל יענעם ניט בארויבן פון דער פרייהייט זיין מיינונג ארויסצוזאָגן.

אָפּגעזען פון דעם, וואָס די מענשלאכע חשיבות פאָדערט אומבאדינגט, אַז יעדערער זאָל זיין פריי אויסצודריקן זיינע מיינונגען און געדאַנקען, איז דאָס אויך נויטיק פון אַ ריין־פּראַקטישן שטאַנדפּונקט. ווי אַזוי קען מען דערוואַרטן צו

ענדערן אָדער אויסצובעסערן פאַלשע מיינונגען און טאַקטיקן, אַפילו ווען זיי זיינען ערלאַכע, אַן דער פרייהייט זיי צו קריטיקירן און פאַרצושלאָגן אַנדערע מיינונגען און געדאַנקען?

פון דעם ריין־אוטיליטאַרן שטאַנדפונקט פון שאַפן אַ מעגלאַכקייט צו קאָרעגירן טעות'ן, איז פרייע רעדע און טאָלעראַנץ פשוט אַן אומבאַדינקטע געזעלשאַפטלאַכע נויטווענדיגקייט, אַן וועלכער מ'קען זיך ממש ניט באַגיין.

ווי אַזוי קען מען איבערהויפט קומען צו אַ פרייער, ערלאַכער איבערצייגונג, ווען עס איז ניטאָ קיין מעגלאַכקייט צו הערן אַן אַנדער מיינונג חוץ דער אָפיציעלער, דער אָנגענומענער מיינונג? ווי אַזוי קענען מענטשן פאַסן אַ פרייע מיינונג איבער קאָמפּליצירטע סאָציאַלע פּראָבלעמען, אויב זיי האָבן ניט קיין מעגלאַכקייט אויסצוהערן פאַרשיידענע מיינונגען וועגן די דאָזיקע פראַגן? און ווי אַזוי קענען זיי פריי אָפּשאַצן יענעמס מיינונגען, אויב זיי הערן זיך ניט צו צו זיי מיט אַן אָפענעם מוח, מיט טאָלעראַנץ?

פון ביידע שטאַנדפונקטן — סיי פון שטאַנדפונקט פון מענטשלאַכער ווירדע, און סיי פון שטאַנדפונקט פון געזעלשאַפטלאַכער נוצלאַכקייט, — איז טאָלעראַנץ פון דער העכסטער וויכטיגקייט.

איבערהויפט זיינען יונגע מענטשן מיט ווייניק דערפאַרונג גענויגט מיט אַ גרינגן האַרצן אָנצונעמען געוויסע אידייען און געדאַנקען אַלס די לעצטע, איינציקע אמת'ן, און אַרויסצואַווייזן די גרעסטע אומגעדולד צו מיינונגען וואָס שטימען ניט

מיט זייערע. דאָס איז זייער אַ געפערלאכע טענדענץ, און קיין וויכטיקערע אויפגאַבע ווי צו באקעמפן די דאָזיקע ניי־גונג פון דער יוגנט קענען זיך אונזערע שולן און קאָלעדזשעס ניט שטעלן.

לויט מיין מיינונג, וואָלטן די לערער און פּראָפעסאָרן געדאַרפט כסדר ארייגהאַמערן אין קאָפּ פון זייערע תלמידים דעם דאָזיקן איינפאַכן אמת: „געדענקט, פאַרשרייבט זיך עס אויפן שטערן, פאַרגעסט ניט, אַז דאָס ערשטע, וואָס איר, יונגע בחורים און מיידלאך, זאָלט וויסן, איז אַז... איר ווייסט ניט!" „אויב איר ווילט ניט האָבן פאַרשווענדט אומזיסט אייערע יאָרן אין די לערן־אינסטיטוציעס, זאָלט איר מיט זיך מיט־נעמען אָט דעם כלל: וויסן אַז מיווּיִם ניט איז שוין אַ הויכע מדרגה פון וויסן". „אויב איר גייט ארויס פון שול מיט אַ געפיל, אַז איר ווייסט שוין אַלץ, אַז קיינער קען אייך גאָרניט לערנען, דעמאָלט האָט איר אייגנטלאך גאָרניט גע־לערנט".

אַזוי וואָלטן די אויטאָריטעטן פון פּעדאַגאָגיע געדאַרפט אָנזאָגן זייערע תלמידים. אָבער איך בין שטאַרק מסופק צי די תלמידים וואָלטן זיך צוגעהערט צו אָט די ערלאכע רייד, ווייל — יוגנט איז וואַגנדיק, ווילד, פרעך.

מאַטעריע און גייסט

עס זיינען דאָ צוויי שיטות אין דער פילאָזאָפיע וועגן דעם וועלט־באַשאַף: איינע אַ מאַטעריאַליסטישע, די צווייטע

אַ אידעאַליסטישע.ביידע שיטות האָבן וואָגיקע אַרגומענטן צו באשטעטיקן זייערע השערות.

מיר דוכט זיך, אַז דער איינשטעל פון אַ מענשן צו דער דאָזיקער פראַגע הענגט אָפּ פון דעם מהות, פון דעם כאַראַקטער, אייגנשאפטן און פערזענלאכקייט וואָס דער באטרעפנדער באַזיצט. איז ער גענויגט צו קערפּערלאכע פאַרגעניגנס — וועט ער אָננעמען די מאַטעריאליסטישע שיטה. איז ער גענויגט צו גייסטיגקייט, צו נשמה'דיגקייט — וועט ער אָננעמען די אידעאַליסטישע שיטה.

מענשן וואָס באַזיצן ניט קיין געפיל פון רעליגיאָזיטעט, קיין געפיל פאַר מיסטיק, פון דעם געפיל, וואָס מאַכט אים פאַרגעסן אָן פיזישע פאַרגעניגנס און טראָגט אים אַוועק אין די העכסטע הויכן פון גייסטיגקייט, — אָט די מענשן וועלן קיינמאָל ניט קענען פאַרשטיין וואָס גייסטיגקייט איז. זיי וועלן ניט פאַרשטייך דעם אמת־רעליגיעזן מענשן, און אויך ניט די נשמה פון דעם באַגאָבטן פּאָעט, וועלכער איז אַ גייסטיקער ברודער פון דעם רעליגיעזן מענשן.

עס איז טאקע אמת, אַז דער מענש האָט זיך אַנטוויקלט פון דער חיה און גע'ירשנ'ט אַ סך חיה'שע אייגנשאפטן, און דערפאר האנדלט דער מענש אָפט חיה'ש. אָבער מ'קען דאָך אויך ניט אָפּלייקענען, אַז דער מענש אונטערשיידט זיך פאָרט פון דער חיה מיט אַ סך אייגנשאפטן. די פעאיגקייט צו טרוימען, חלומ'ען און פּלאַנעווען פאַר אַ בעסערער וועלט, איז זיכער אַן אייגנשאפט מיט וועלכער דער מענש אונטער־

שיידט זיך פון דער חיה. דער ערשטער באַדינג, דער ער־שטער שטרעבן פון אידעאַליסטישע מענשן איז תמיד געווען אויסצודריקן איבערגעבנקייט, סימפּאַטיע און ליבשאַפט צום מיטמענשן.

די ליבע און זאָרג פאַר דעם מיט־מענשן האָט אַלעמאָל געשפּילט די הויפּט־ראָלע אַלס מאָטיוו פאַר אַלע אידעאַליס־טישע באַוועגונגען פון מענשן. אויך דער סאָציאַליסטישער אידעאַל איז אָנגערעגט געווען פון מענשלאַכקייט.

אויב עס איז דאָ אַ ציל אין לעבן — איז עס די נשמה, דער גייסט פון וועמענס וועגן דעם גוף איז באַשאַפן צו באַדינען. און אויב עס איז ניטאָ אין דער נאַטור קיינע צילן — דאַן זאָל די אויסאיידלונג, די דערהויבונג פון דער נשמה צו די העכסט־מעגלאכסטע הויכן פון ריינקייט, שיינקייט און מענשן־ליבע ווערן דער ציל פון דעם מענשן.

דער סאָציאַליזם־קאָלעקטיוויזם, וואָס דאָס איז דאָס זעלבע וואָס שטאָטס־קאַפּיטאַליזם, האָט אָבער דעם סאָציאַליזם אויס־געליידיקט פון זיין אידעאַליסטישן אינהאַלט און האָט אים פאַר־וואַנדלט אין אַ פשוט׳ן עגאָאיסטישן וואונש צו פאַרבעסערן די מאַטעריעלע לאַגע פון דעם מענשן, צו פאַרזיכערן זיינע עקאָ־נאָמישע נויטן. די גייסטיקע באַדערפענישן פון דעם מענשן זיינען פאַקטיש איגנאָרירט געוואָרן; זיי זיינען אַ תפל, אַ צוטשעפעניש. זאָלן פריער די גוף־אינטערעסן פאַרזאָרגט ווערן,

די גייסטיקע אינטערעסן וועלן פאַרזאָרגט ווערן שפּעטער — אין דער „ממשלה פון פרייהייט".

דאָס איז אָבער אַ גרויסער, אַ געפערלאַכער טעות. מיר דאַרפן נאָר אַ קוק טאָן אויף דער באָלשעוויסטישער אָרד־נונג אין רוסלאַנד צו באגרייפן, וואָס עס ווערט פון גייסטיקע ווערטן, פון מענשלאַכקייט ווען זיי ווערן אָוועקגעשטעלט אויפן צווייטן פּלאַן, אַלס סעקונדער צו די מאַטעריעלע נויטן.

וויל מען אויסמיידן די גרוילן פון דער באָלשעוויס־טישער אָרדנונג אין רוסלאַנד — די גרויזאַמקייט פון מענש צו מענש, די שרעקלאַכע אונטערדריקונג, דעם טעראָר א. אז. וו., א. וו. — מוז מען זיך אָפּקערן פון דעם קאָלעקטיוויסטישן וועג, מוז מען באַטאָנען אַז דער סאָציאַליסטישער אידעאַל איז פאַר דעם מענשן און אַז טאָן זאַכן וואָס דערנידעריקן און פאַר־שקלאַפן דעם מענשן איז פאַר אמת'ע סאָציאַליסטן אַ פאַרברעכן.

נאָר דעמאָלט ווען דער סאָציאַליזם וועט צוריקגעקערט ווערן צו דעם דאָזיקן אידייאישן איינשטעל, וועט זיין אַ האָפע־נונג צו געווינען דעם רעספּעקט און צוטרוי פון דער פּראָגרע־סיווער וועלט צום סאָציאַליזם.

און דער דאָזיקער ציל קען ניט דערגרייכט ווערן סיידן די יוגנט אונזערע וועט אַריבערגעוואונען ווערן פאַר דעם געדאַנק פון סאָציאַליסטישן אידעאַליזם, פאַר דעם גלויבן אין דער הייליגקייט און חשיבות פון דעם מענשן.

די יוגנט

עס זיינען דאָ אַ סך יונגע מענשן, וועלכע איך קען פערזענלאך גאַנץ גוט, וועלכע זיינען ערלאך, פעאיק און קלוג, אָבער זיי זיינען, צום באדויערן, אומדערפאַרן, נאַאיוו, און זיי לויפן נאָך יעדן שאַרלאַטאַן, וואָס פאַרשטייט ווי אָנצורעגן זייערע היציקע טעמפעראַמענטן מיט געפליגלטע פראַזן און צו פאַנגען זיי אין זייערע נעצן.

אַ באַקאַנטע מיידל, וואָס איך קען פון איר געבורט־אָן, — אַ גוטע, ערלאכע נשמה מיט אַ קאַלעדזש בילדונג, — איז געווען אַ גאַסט ביי מיר אין הויז.

— ביזטו זיכער, — האָב איך איר געפרעגט, — אַז דער קאָמוניזם, ווי די באָלשעוויקעס פאַרשטייען אים, קען און וועט פאַרווירקלאכט ווערן? און, אויב יאָ, צי וועט ער ברענגען גליק דעם מענשן?

— זיכער קען מען ניט זיין, — האָט זי מיר געענטפערט, — אָבער פרובירן דאַרף מען. עס קען זיין, אַז ער וועט פאַרווירקלאכט ווערן, און ער וועט ברענגען גליק דער מענשהייט.

— אויב אַזוי, — האָב איך איר געזאָגט, — אויב דו ביזט ניט זיכער, טאָ מיט וואָס פאַר אַ רעכט קוקסטו צו גלייכגילטיק ווי אַזוי מען הרג'עט אויס הונדערטער טויזנ־

טער מענשן אין רוסלאַנד, ווי אַזוי מיליאָנען מענשן ווערן פאַרשיקט אויף שווערער אַרבעט, ווי אַזוי 170 מיליאָן מענשן ליידן הונגער און פּיין ? און ווי אַזוי קענסטו ביי זיך פּועל׳ן נאָך גוטצוהייסן אַזעלכע מעשים, צוליב אַ ציל, אין וועלכן דו ביזט ניט אַבסאָלוט זיכער ?

— איז וואָס־זשע זאָל מען טאָן ? — האָט זי געענט־פערט, — אַז קיין אַנדער וועג איז ניטאָ. זאָל מען אפשר זיצן און וואַרטן — אויף וואָס ?

אָט דער קליינינקער עפּיזאָד האָט פאַר מיר מער ווי אַלץ קלאָר געמאַכט, ווי אַזוי די ערלאַך־מיינענדיקע, די גוט־מיינענדיקע, אָבער אומדערפאַרענע יוגנט, וואָס קען זיך ניט פאַנאַנדערקלייבן אין די קאָמפּליצירטע סאָציאַלע פּראָבלעמען, פאַלט אריין אין די נעצן פון די כיטרע, דורכגעטריבענע קאָמוניסטישע שווינדלער.

און איך האָב זיך אַליין געזאָגט : ניטאָ קיין וויכטיקערע אויפגאַבע ווי אויפקלערן אונזער יוגנט, אַז זיי זאָלען זיך אַנטזאָגן צו זיין בלויז קאַנאָנען־פלייש פאַר די רעוואָלוציאָ־נערע קאָמוניסטישע פּלענער ; אַז זיי זאָלן עטוואָס לערנען פון דער דערפאַרונג פון מענשן וועלכע האָבן זייער גאַנצן לאַנגן לעבן אָוועקגעגעבן דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג ; אַז זיי זאָלן זיך פאַרטראַכטן אין דעם וואָס עלטערע פון זיי האָבן געלערנט פון דערפאַרונג.

איך ווייס, מ׳וועט מיר זאָגן : „זאָגט אונז, ליבער פריינט, ווען איר זייט אַליין געווען יונג, האָט איר דען ניט געטראַכט

און געהאַנדלט אַזוי ווי מיר טוען איצט? אויב מיר זיינען יונג און אומדערפאַרן, איז וואָס קענען מיר זיך העלפן? ווען מיר וועלן עלטער ווערן, וועלן מיר אפשר דעמאָלט איינזען אונזערע איצטיקע טעות׳ן. דערוויל אָבער קענען מיר ניט טראַכטן און האַנדלען לויט אייערע דערפאַרונגען, מיר מוזן זיך אויפפירן לויט אונזער אייגענעם שכל״.

גיב איך צו, אַז עס איז פאַראַן זייער אַ סך אמת אין אַזעלכע ווערטער. די יוגנט הויבט תמיד אָן פון אָנהויב און באַגייט אַלע פעלערן וואָס די אַלטע, די וואָס זיינען געקומען פאַר זיי, זיינען באַגאַנגען. און לערנען וועלן זיי ניט פון די עצות פון די עלטערע, נאָר פון זייער אייגענער דערפאַרונג.

פונדעסטוועגן באַטראַכט איך עס פאַר אַ פליכט צו ריידן צו דער יוגנט, מיט דעם געדאַנק: טאָמער וועלן זיי פאַרט עפּעס לערנען פון די טעות׳ן און פעלערן, וואָס די פריער־דיקע סאָציאַליסטישע דורות זיינען באַגאַנגען. אפשר . . .

עס שרעקט מיר שטאַרק דאָס האַרץ פאַר אונזער היינ־טיקער יוגנט. זי איז צו איינזייטיק, צו פאַר׳עקשנ׳ט, צו בלינד צו זען וואָס עס טוט זיך ארום איר, צו טויב צו די רייד פון דערפאַרענערע פון זיי — מער ווי אַפילו מיר זיינען עס געוועזן אין אונזער יוגנט. יעדנפאַלס, מער ווי איך אַליין בין געוועזן אין מיין יוגנט. אמת, איך בין אין מיינע יונגע יאָרן אויך געוועזן לייכט־גלויביק — געגלויבט אין יעדער זאַך וואָס האָט געהאַט אַ שיין פון פאָרטשריט, פון אמת. אָבער איך האָב קיינמאָל ניט פאַרשטאָפּט מיינע אויערן ניט

צו וועלן הערן וואָס דער קעגנער האָט צו זאָגן; און ווען דער קעגנער האָט מיך איבערצייגט, בין איך אַלעמאָל גרייט געווען אַריבערצוגיין אויף זיין שטאַנדפונקט אָדער איינשטעל. אונזער היינטיקע יוגנט איז אָבער ניט אַזוי.

איצט, ווען איך האַלט ביים שוועל פון אַריבערקלייבן זיך אין דער „אמת'ער" וועלט, באַטראַכט איך עס פאַר מיין פליכט צו ריידן צו דער יוגנט, דערציילן איר צו וועלכע שלוסן איך בין געקומען דורך נאָכדענקען און פאָרשן אין פאַרלויף פון אַ לאַנגן לעבן.

מיר האָבן ליב דער יוגנט און מיר האָבן אַלעמאָל געלייגט גרויסע האָפענונגען אויף איר. די יוגנט איז פול מיט פלאַמיקער באַגייסטערונג און מיט גרייטקייט צו קעמפן פאַר אירע איבערצייגונגען. די לעצטע יאָרן האָבן אָבער ביי אונז אַרויסגערופן אַ חשד, צי מיר קענען זיך פאַרלאָזן אויף דער יוגנט. ווען מיר האָבן דערזען, ווי גרייט די יוגנט איז נאָכצולויפן יעדער באַוועגונג, וואָס פּרעדיקט ברוטאַלע געוואַלט — ווי דעם באָלשעוויזם, דעם פאַשיזם, דעם נאַציזם — האָבן מיר זיך געפונען געצוואונגען צו פאַרטראַכטן זיך וועגן דער יוגנט און אָנהויבן שטעלן פראַגן. ווערט די באַגייסטערונג און קאַמף־גרייטקייט פון דער יוגנט טאַקע אָנגעטריבן פון אידעאַליזם, אָדער איז עס ניט מער ווי אַן אויסדרוק פון איבערפליסיקער ענערגיע, פון אַ נייגונג אַרויסצואווייזן העלדישקייט גלאַט אין דער וועלט אַריין, פון אַוואַנטוריסטישער אומפאַראַנטוואָרטלאַכקייט?

נעמט מען אין באטראכט, אַז אָן דער ענטוזיאַסטישער הילף פון דער יוגנט וואָלטן די מוסאָליניס, די היטלערס, די פראַנקאָס און די אַנדערע רעאַקציאָנערע כחות פון דער וועלט ניט געקומען צו דער מאַכט; אַז ווען ניט די הילף פון דער יוגנט וואָלט די וועלט איצט ניט געליטן פון די צרות און אומגליקן אין וועלכע זי באָדט זיך איצט, — מוז מען מודה זיין, אַז די יוגנט־פּראָבלעם איז די וויכטיקסטע, וואָס שטייט פאַר אונז היינט־צו־טאָג.

ריידן אויף דאָס ניי צו דער יוגנט; וועקן אין איר דעם אינסטינקט פון אידעאַליזם, פון מענשלאַכקייט; ריידן און וועקן איר פאַרשטאַנד, אַז זי זאָל איינזען, אַז אָן דעם אידעאַליסטישן פונדאַמענט, אָן מענשלאַכקייט איז דער סאָציאַליזם־קאָלעקטיוויזם מיט זיינע מאַטעריעלע דערגרייכונגען גאָרניט ווערט, — אָט דאָס איז דער געבאָט פון דער שעה!

דעם דאָזיקן געבאָט פאָלג איך, און איך זאָג צו דער ליבער יוגנט:

וואַך אויף, דו יוגנט! הער זיך צו צו דיינע פרייהייטס־געפילן. שרעק זיך ניט פאַר פרייהייט. פרייהייט איז דער עסענץ פון לעבנס־גליק. אָן פרייהייט איז דאָס לעבן קיין לעבן ניט!

אָן פרייהייט הערט דער מענש אויף צו זיין אַ מענש, פאַרלירט ער זיין מענשלאַכן פּרצוף! האַלט דעריבער טייער די פרייהייט ווי דאָס אויג אין קאָפּ!

קריץ איין אין דיין יונגן האַרצן און אין דיין מוח די פֿאָלגנדע ווערטער פון אַן אַלטן פּאָעט און חכם: „גיב אַוועק געלט וויפיל דו קענסט, אָבער דיין האַרץ האַלט ביי זיך. שיינק אַוועק פּערל, דימענטן און רובינען, אָבער דיין גייסט זאָל בלייבן פריי!"

סאָציאַליסטישע ספקות

(„דער וואָס ווייס גלויבט ניט, דער וואָס גלויבט ווייס ניט")

אַן אַני מאמין, אַן אידעאַל ווערט ביי מענשן מיט דער צייט אַ דאָגמע, אַ הייליגקייט. מיר זעען דאָס ביי מאַרקסיסטן, וואָס גלויבן אַז דער סאָציאַליזם וועט און מוז קומען, צי מיר ווילן צי ניט. און אויך ביי ניט־מאַרקסיסטישע סאָציאַליסטן איז דער סאָציאַליזם אַ הייליגקייט. מ'טאָר אים ניט קריטיקירן, מ'טאָר ניט האָבן קיין ספקות אין די עיקרים פון סאָציאַליזם, און דער וואָס האָט יאָ אַזעלכע ספקות ווערט פאַררעכנט פאַר אַן אַפיקורס אָדער גאָר פאַר אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנער. מעג דער קריטיקער האָבן די בעסטע אַבזיכטן; מעג ער זיין דער בעסטער, איבער־געבנסטער פריינט פון די אַרבעטער און אַלע אונטערדריקטע און ליידנדע מענשן. מעג דעם קריטיקער'ס לעבנס־אַנשויאונג און לעבנס־ציל זיין מער גליק פאַר אַלע מענשן, וואָס דאָס איז דאָך דער עיקר און הויפּט־כונה פונם סאָציאַליזם, ווערט ער אַלץ פאַררעכנט, מילד גערעדט, פאַר אַ פרעמדן, אויב ניט פאַר אַ שונא, מיט וועמען מ'דאַרף זיך האַלטן פון דערווייטנס.

מען פאַרגעסט, אַז אַפיקורסות איז אַ ברכה פאַר דעם מענשלאכן פראָגרעס; אַז אָן קריטיק, אָן ספקות וואָלטן מיר נאָך איצט געשטאַנען אויף דער זעלבער קולטור־מדרגה וואָס

אונזער עלטער־זיידע תרח, איידער זיין זון אברהם האָט צע־בראָכן זיינע געצן. די סאָציאַליסטן פאַרגעסן, אַז זייער אַני־מאַמין איז, נאָך אַלעמען, ניט מער ווי אַ גלויבן, אָט אַזוי ווי ביי אַ רעליגיעזן מענשן זיין אַני־מאַמין. זיי פאַרגעסן, אַז דער סאָציאַליזם איז נאָר אַ טעאָריע, וואָס ניט אַלע זיינען מסכים מיט איר. מעג די טעאָריע זיין לאָגיש, קאָנזעקווענט, אָן ווידערשפּרוכן; און מעג די טעאָריע זיין באַזירט אויף ווירק־לאַכע פאַקטן פון לעבן, וואָס דאָס איז דאָך די וויסנשאַפטלאַכע זייט פון דעם סאָציאַליזם, — אָבער וויבאַלד מ'הויבט אָן ציען שלוסן פון די איצטיקע פאַקטן אויף דער צוקונפט, הערט עס אויף צו זיין וויסנשאַפט און ווערט בלויז אַ השערה, אַ היפּאָ־טעזע.

עס זיינען דאָ געלערנטע מענשן, וואָס שטייען ניט נידע־ריקער אין וויסן און פאַראַנטוואָרטלאַכקייט פאַר זייערע אידייען און אידעאַלן ווי די בעסטע סאָציאַליסטן, וועלכע זיינען ניט נאָר ניט מסכים מיט דער סאָציאַליסטישער טעאָריע, נאָר זיי דענקען, אַז דער סאָציאַליזם (וואָס מיינט באמת שטאַט־קאַפּי־טאַליזם) איז אַ רעאַקציאָנערע אידייע, און זיי גיבן אָן גאַנץ וואָגיקע אַרגומענטן, אויף וועלכע די סאָציאַליסטן האָבן נאָך ביז איצט ניט געגעבן קיין קלאָרן ענטפער. די ניט־סאָציאַ־ליסטישע געלערנטע פרעגן: וואָס איז די טרייב־קראַפט, וואָס שאַפט פּראָגרעס? און זיי ענטפערן: דער עגאָ, וואָס ליגט ביי יעדן מענשן צו וועלן זיין גליקלאַך. אָט דער עגאָאיזם טרייבט יעדן מענשן צו פאַרבעסערן זיין לאַגע, און דערפון

שאַפט זיך ממילא פראַגרעס. דאָס איז אַ געדאַנק, וואָס לעגט זיך אויפן שכל און פאַרענטפערט אַלע היסטאָרישע דערשיינונגען אינם מענשנס לעבן.

וואָס ענטפערן אויף דעם די סאָציאַליסטן ? זיי זאָגן, אַז כבוד, וואָס ליגט אויך אין דעם מענשנס נאַטור, וועט פאַרנעמען דעם אָרט פון עגאָאיזם. מענשן וועלן זיך פלייסן צו טאָן בעסערע אַרבעט, אָדער צו דערפינדן נייע מאַשינען כדי צו קריגן כבוד. אָבער דער ענטפער הינקט אונטער, אויב ניט אויףביידע פיס, איז זיכער אויף איין פוס. אמת, כבוד שפּילט **אַ ראָלע אינם מענשנס לעבן, אָבער** ווייט ניט אַזויפיל ווי זעלבסט־אינטערעס. און מיר זעען, אַז די גרויסע מאַסן יאָגן זיך גאָרניט נאָך כבוד.

און די „בורזשואַזע" געלערנטע האָבן נאָך אַ טענה צו די סאָציאַליסטן : ווי קען מען אַגיטירן פאַר אַ רעוואָלוציע, ווען די סאָציאַליסטישע טעאָריע איז נאָך קיינמאָל ניט אויסגעפּרובירט געוואָרן, און אויף וויפיל זי ווערט געשטעלט צו פּראָבע אין רוסלאַנד, פירט זי ניט צו פרייהייט נאָר צו שקלאַפעריי ? ווי אַזוי קענען פאַראַנטוואָרטלאַכע מענשן שטעלן אין סכנה מענשלאַכן האָב און גוטס, מענשלאַכע לעבנס צוליב אַ טעאָריע וואָס איז נאָך ניט אויסגעפּרואווט געוואָרן ?

דאָס אויבן געזאָגטע איז גענוג אַריינצוואַרפן יעדן דענקענדן מענשן אין ספק וועגן דער ריכטיגקייט פון דער סאָציאַליסטישער טעאָריע. און דערפאַר האָב איך ניט קיין אַני־מאמינס, נאָר א י נ י ־ מאַמישנס — ד. ה. ניט־גלויבונגען.

איך גלויב ניט, אַז די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג וועט לאַנג עקזיסטירן אין דער פאָרם ווי זי איז איצט. אַלץ אין דער וועלט אַנטוויקלט זיך און ממילא ענדערט עס זיך, — וועט די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג זיך אויך ענדערן. וואַרשיינלאך וועלן די קאַפּיטאַליסטן מאַכן הנחות צו די אַרבעטער, און די אַרבעטער וועלן זיין קלוג גענוג צו נעמען וואָס מ׳גיט און פאָדערן נאָך מער, און גאָר אָן רעוואָלוציעס וועט די לאַגע פון די אַרבעטער פאַרבעסערט ווערן. זעען מיר דאָך די ענדערונג וואָס איז פאָרגעקומען אין די לעצטע 50—75 יאָר, ווי די אַרבעטער האָבן געלעבט דאַן און ווי זיי לעבן איצט. זיי לעבן דאָך איצט פיל בעסער ווי דעמאָלט.

איך גלויב ניט, — ווען אַפילו עס זאָל זיך איינגעבן צו דעראָבערן די מאַכט דורך אַ רעוואָלוציע, ווי אין רוסלאַנד, למשל, — אַז מען זאָל קענען איינפירן דעם סאָציאַליזם, ד. ה. אָפּשאַפן פּריוואַט־אייגנטום, סאָציאַליזירן די פּראָדוקציע־מיטלען און ברענגען די מענשן מער גליק, וואָס דאָס איז דאָך דער ציל פונם סאָציאַליזם. ערשטנס, נעמט עס פיל יאָרן אויפצובויען דאָס, וואָס די רעוואָלוציע האָט צושטערט, און עס איז אַ גרויסע פראַגע צי די מענשן וועלן האָבן געדולד צו וואַרטן אַזוי לאַנג. צווייטנס, איז די גרויסע מערהייט מענשן זייער קאָנסערוואַטיוו און וויל ניט אָננעמען די נייע פּאַראַגראַפּס. דריטנס, ניט האָבנדיק קיין אייגענע איניציאַטיווע, וויסנדיק אַז אַלץ, וואָס ער, דער אַרבעטער, אַרבעט־אויס, באַלאַנגט ניט צו אים נאָר צום שטאַט, וועט ער זיך ניט פּלייסן און טאַקע

פשוט אונטערפוילן זיך ווי מיר זעען דאָס אין סאָוועטן־פאַר־באַנד און אין אַלע קהלשע געשעפטן. און איך בין שטאַרק אין ספק צי דער קאָלעקטיוויסטישער שטאַט וועט קענען געבן מער גליק, ווי די מאַסן געניסן איצט אין די פרייע לענדער.

איך געדענק ניט וואו קראָפּאָטקין זאָגט ערגעץ, אַז אין רוסלאַנד וועט זיין גרינג איינצופירן דעם קאָמוניזם, ווייל דער רוסישער פּויער האָט נאָך טראַדיציעס פון דער אַמאָליקער „אָבשטשינאַ״. מיט מיין גרויסער אַכטונג צו קראָפּאָטקינען, מוז איך אָבער זאָגן, אַז ער האָט געהאַט אַ גרויסן טעות. עס איז ניטאָ נאָך אַזאַ קלאַס מענשן, וואָס זאָלן זיין אַזוי שטאַרק פאַר פּריוואַט־אייגנטום ווי דער רוסישער פּויער. און עס איז גאַנץ נאַטירלאַך. אַלץ, בפועל ממש אַלץ, וואָס ער פאַרמאָגט, האָט ער באַשאַפן מיט זיין קראַפט און שוויס. ער האָט קיינעם ניט עקספּלואַטירט, אָבער אים האָט יעדערער עקספּלואַטירט. איך דערמאָן זיך אָן אַ משפט אין סאָוועט־רוסלאַנד אין די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָלוציע, וואו מ׳האָט גע׳משפט אַ פּויער דערפאַר, וואָס ער האָט פאַרקויפט אַ קעלבל צו אַ אידן. „האָסטו געהערט״, פרעגט דער ריכטער, „ווי מ׳האָט אָנגעזאָגט אין דיין דאָרף, אַז מ׳טאָר ניט פאַרקויפן קיין זאַך צו קיינעם חוץ דער רעגירונג ?״ „געהערט״, ענטפערט דער פּויער, „אָבער פאַרוואָס טאָר איך ניט פאַרקויפן מיין אייגן קעלבל, וועלכע איז ביי מיר געבאָרן און אויסגעהאָדעוועט געוואָרן ?״ פרעגט דער פּויער. ער קען ניט באַגרייפן, פאַרוואָס ער איז ניט דער בעל־הבית אויף זיין אייגענער אַרבעט, און ער באַטראַכט עס

פאַר אַן אומגערעכטיגקייט, פאַר אַן אונזין. און איצט — 22 יאָר נאָך דער רעוואָלוציע — זעען מיר, ווי אַזוי דער רוסישער פויער באַציט זיך צום קאָלעקטיוויזם.

איך גלויב ניט, אַז מ׳קען בויען סאָציאַליזם דורך רעוואָלוציע. רעוואָלוציעס, ווי מלחמות רופן ארויס דאָס בייזע, דאָס שלעכטע, וואָס עס איז דאָ אין דעם מענשן. „כי מנחש יוצא צפעני״ — פון אַ שלאַנג ווערט געבאָרן אַ שלאַנג, — זאָגט דער נביא. און ווי קען עס אַנדערש זיין? אין רעוואָלוציעס און מלחמות ווערן מענשן פאַרקריפּלט, דערנידעריקט כמעט צו דער מדרגה פון אַ חיה. אַ מענשנס לעבן האָט קיין ווערט ניט; מיטלייד צום קעגנער ווערט פאַררעכנט פאַר פאַרראַט; מאָראַל פאַרלירט איר גילטיגקייט; דער געוויסן ווערט פאַרטעמפּט. און אַט־אַ די מענשן זאָלן דאָס זיין ראוי צו בויען דעם גליק פון דער מענשהייט! אַט־אַ די מענשן וועלן דאָס איינפלאַנצן אין דעם מענשן גערעכטיגקייט, יושר און ליבע צו אַלע מענשן! איך קען דאָס ניט גלויבן!

אידעאַל אוןווירקלאַכקייט

וואָס־זשע זאָלן מיר טאָן? זאָלן מיר זיצן און וואַרטן ביז די עוואָלוציע וועט פאַר אונז ברענגען משיח׳ן? ניין, מיר דאַרפן האָבן אַ ריכטונג, אַן אידעאַל און אַ פּראָגראַם ווי און וואָס צו טאָן אום צו שאַפן פאַר זיך און פאַר דער גאַנצער מענשהייט מער גליק און פרייד.

אונזער אידעאַל זאָל זיין: מער גליק פאַר אַלע מענשן.

אונזער פּראָגראַם זאָל זיין: נעם אַלץ, וואָס דו קענסט קריגן באַלד, אַלץ וואָס פאַרגרעסערט דיין גליק. זאָלן די צוקינפטיקע דורות זאָרגן פאַר זיך. זיי וועלן בעסער וויסן וואָס עס איז גוט פאַר זיי און אויך ווי צו דערגרייכן עס. מיר דאַרפן זאָרגן פאַר זיך און פאַר אונזערע קינדער. מיטן פאַרגרעסערן אונזער אייגענעם גליק וועלן מיר לאָזן בירושה צו די צוקינפטיקע דורות מער גליק, ווי אונזערע עלטערן האָבן איבערגעלאָזט פאַר אונז.

זאָלן מיר אָרגאַניזירן אַלע אַרבעטער און ארבעטנדע אין אַ יוניאָן. זאָלן מיר אויסקעמפן דערוויל אַ זיבן שעה׳דיקן טאָג אַרבעט און שפּעטער אַ זעקס־שעה׳דיקן; זאָלן מיר קעמפן פאַר אַ פאַרזיכערונג פון אַרבעטסלאָזיגקייט; זאָלן מיר שאַפן אַן אַרבעטער־פאַרטיי; זאָלן מיר... אָבער לאָמיר אויסקעמפן דערווייל וואָס מ׳קען און שפּעטער וועלען מיר ווידער קעמפן פאַר אונזער גליק. אַלץ מיט אַמאָל קען מען ניט דערגרייכן. „תפשת מרובה לא תפשת", אַז מען וויל צופיל האָט מען גאָרניט.

אָבער, וועט מען זאָגן, וואָס פאַר אַ נייס לאָזט מען אונז דאָ הערן? מיר קעמפן דאָך פאַר אַלע די אויסגערעכנטע פאָדערונגען; דאָס איז דאָך אונזער מינימום־פּראָגראַם. איז אָבער די מעשה אַזוי און פאָרט ניט אַזוי. אמת, ווען עס קומט אָן, אַז איינע פון די פאָדערונגען ווערט אַ טעגלאכע נויטווענ־דיגקייט, קומען די סאָציאַליסטן צו הילף מיט זייערע צייטונגען, מיט זייער גאַנצן איינפלוס, וואָס זיי פאַרמאָגן. אָבער ווי אַזוי ווערט דאָס געטאָן? עס ווערט געטאָן אַזוי ווי מ׳טוט אָפּ עפּעס

אַ חוב, וואָס מ'קען זיך ניט אָפּזאָגן. דער עיקר איז דער גאַנצער, פּולקאָמענער סאָציאַליזם, אַזוי ווי מאַרקס און אַנדערע פרומע סאָציאַליסטן האָבן אונז געלערנט. די גאַנצע ענערגיע אונזערע, די גאַנצע קראַפט דאַרפן מיר אָנווענדן אויף דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. האָט מען אויסגעקעמפט אַ שטיקל רעפאָרמע פאַר דעם אַרבעטער, נעמט מען זיך ווידער פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. מ'פילט, אַז די באַלדיקע רע־פאָרמע איז נאָר אַ תפל, אַ צוטשעפּעניש, פון וועלכער מ'קען זיך ניט אָפּזאָגן.

ניין, אַזוי טאָר עס ניט זיין. דער עיקר אין אונזער לעבנס־ציל דאַרף זיין די באַלדיקע פאַרבעסערונג פון דעם אַרבעטערס לאַגע. און ממה נפשך: וועלן מיר קומען צום סאָציאַליזם און עס וועט זיך ארויסווייזן, אַז ער גיט מער גליק פאַר די מענשן, איז דאָך אַוודאי גוט. אלא וואָס דען, עס וועט ניט פירן צום סאָציאַליזם, נאָר צו עפּעס אַנדערש, וואָס מיר קענען איצט ניט זען, דאַרפן מיר דאָך ניט אָוועקוואַרפן דעם וודאי, דאָס זיכערע, צוליב דעם ספק.

און דערפאַר זאָג איך: לאָמיר אָנווענדן אונזער גאַנצע קראַפט און פעאיגקייט פאַר די באַלדיקע „קליינע" פאַרבעסע־רונגען, וואָרים אָט די קליינע רעפאָרמען גיבן זיך ניט איין אַזוי גרינג ווי מיר וואָלטן וועלן; מ'מוז גאַנץ שטאַרק קעמפן פאַר זיי.

וועגן דער ווייטער צוקונפט קען מען פילאָזאָפירן און חקירה'ן זיך וויפיל מ'וויל. „והדרש תדרש" — זאָל מען

דרש׳ענען ווי און וואָס מ׳וויל, — אָבער דעם היינט טאָר מען ניט פאַרלאָזן. דערווייל איז נאָך ניט געבאָרן געוואָרן דער מענש, וואָס זאָל זען קלאָר די צוקונפט; מ׳קען נאָר גלויבן, און גלויבן איז דאָך אַזוי ווייט, אַזוי ווייט פון וויסן! לאָמיר פאַרזאָרגן דעם היינט, וועט דער מאָרגן זיין אַ שענערער, אַ גליקלאַכערער!

לאָמיר אָפּהיטן אונזער טייערן אוצר — די פרייהייט, וואָס מיר מענשן האָבן אויסגעקעמפט פאַר אַ צייט פון טויזנטער יאָרן. לאָמיר זי אויסברייטערן, אָבער בשום אופן ניט פאַר־שאַכערן צו די יעניקע, וואָס שטעלן די מאַטעריעלע זייט העכער פון דער גייסטיקער.

קאָלעקטיוויזם און פּערזענלאכע איניציאַטיווע

סאָציאַליזם מיינט סאָציאַליזירטעווירטשאַפט, דאָס הייסט, אָדער קאָלעקטיוויזאַציע, ווי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואו אַלץ געהערט צום שטאַט און וואו דער אַרבעטער ווערט באַצאָלט לויט זיינע פעאיגקייטן און סכום אַרבעט, ווי אין די קאַפּי־טאַליסטישע לענדער; אָדער קאָמוניזאַציע, ווי אין די קבוצות אין ארץ ישראל, וואו אַלץ געהערט צו דער קאָמונע, צו דער קבוצה; וואו אַלע אַרבעטן צוזאַמען און אַלע געניסן פון זייער אַרבעט גלייכע חלקים, ניט רעכענענדיק זיך דערמיט, צי איינער האָט אויסגעאַרבעט מער און בעסערע פּראָדוקטן פון אַ צווייטן.

דער צד השוה פוןביידע פאָרמען קאָלעקטיוויזם איז: פּריוואַט אייגנטום אויף לאַנד און פּראָדוקציע־מיטלען איז אָפּגעשאַפט אין די קבוצות אין ארץ־ישראל, ווי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. און ווי די אַנהענגער פון דעם קאָלעקטיוו־קאָמוניסטישן פּלאַן דענקען, וועט יעדער אַרבעטער געניסן פיל מער פון דער שותפות'דיקער אַרבעט, ווי ווען ער זאָל אַר־בעטן פאַר זיך, פּריוואַט.

לאָמיר אָננעמען פאַר אַ ווײַלע, אַז דער געדאַנק איז אַ ריכטיקער. דאַרפן מיר אָבער ניט פאַרגעסן, אַז „לא על הלחם לבדו יחיה האָדם", אַז אַ מענש איז נישט בלויז גשמיות,

גוף, נאָר אויך רוחניות, גייסט. און ניט ארייננלאָזנדיק זיך אין טיפע חקירות וואָס עס איז וויכטיקער — דער גוף אָדער די נשמה — נעמען מיר אָן, אַז ביידע זיינען גלייך וויכטיק.

פרעגט זיך: קומט דאָס גרעסערע שטיקל פלייש, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון דער שותפות'דיקער אַרבעט, אויף דער רעכענונג פונם גייסט, וועלכער מוז נויטווענדיקערוויז אין אַ קאָלעקטיוו איינשרומפּן, אָפּגעטעמפּט ווערן דורך דער אונ־טערדריקונג פון דער פּערזענלאַכער איניציאַטיווע?

דער ענטפער קען זיין איינער: יאָ. די אינדיווידואַ־ליטעט, די פרייהייט צו אַנטוויקלען די פּערזענלאַכע אייגנ־שאַפטן ווערן פאַרשטיקט, אויב ניט דערשטיקט. און דער סך־הכל איז: דער שכר פונם גרעסערן שטיקל פלייש דעקט ניט דעם גייסטיקן פאַרלוסט. נאָך מער: אונטערדריקנדיק דעם גייסט, די פּערזענלאַכע איניציאַטיווע, מוז, מיט דער צייט, אָפּגעשוואַכט ווערן די ענערגיע, און דער רעזולטאַט איז: די אַרבעטס־קראַפט ווערט שוואַכער און, פאַרשטייט זיך, די פּראָדוקציע קלענער.

אָבער לאָמיר זיך ניט פאַרלאָזן אויף אונזער באַגרעניצטן שכל, לאָמיר נעמען פאַקטן פון לעבן גופא, און זאָלן זיי אונז זאָגן וואָס עס איז אמת און וואָס איז פאַלש.

שרייבט מ. מ. ראָזענבאַום אין „צוקונפט" פון נאָוועמ־בער, 1937 אַזוי: „אויך אין די אייגענע ראַמען פון דער קבוצה גופא לאָזט זיך שטאַרק פילן דער פאַקט, וואָס אַ היפשע צאָל פון די חברים האָבן זיך נאָך ניט אויסגעלערנט צו

אידענטיפיצירן אינגאנצן די אינטערעסן פון קאָלעקטיוו מיט זייערע אייגענע אינטערעסן. ניט אַלע אַרבעטן מיט דער זעלבער איבערגעבנקייט, ווי זיי וואָלטן עס געטאָן פאַר אייגע־נער פּריוואַטער בעל הבית׳ישקייט. מען היט ניט אָפּ קהל׳שע האָב־און־גוטס אַזוי גוט, ווי אַ טיכטיקער פאַרמער היט אָפּ זיין פּריוואַטן רכוש. מען לאָזט זיך וואַלגערן אַרבעטס־אינסטרומענטן און אַנדערע זאַכן; עס גייט אין ניוועץ אַ היפּש ביסל עסנוואַרג".

אַזוי זאָגט אַן עד־נאמן, אַן אינטעליגענטער סאָציאַליסט־אידעאַליסט, וואָס נעמט אַן אַקטיוון אַנטייל אין אַ קבוצה אין ארץ־ישראל. מען טאָר אויך ניט פאַרגעסן, אַז די חלוצים אין ארץ־ישראל זיינען האַלבע און גאַנצע סאָציאַליסטן־אידעאַ־ליסטן געטריבן פון צוויי פאַקטאָרן: פון נויט און פּאַגראָמען, און פון אַ גרויסן אידעאַל צו בויען אַ היים פאַר זיך און פאַר מיליאָנען אידן אויף אייגענער ערד אונטער אַן אייגענעם הימל — אַ אידיש לאַנד; און דאָך קענען די חלוצים ניט בייקומען דעם אינסטינקט פון „אדם קרוב לעצמו", אַ מענטש איז זיך געטרייער, אַן אייגנשאַפט וואָס איז אַלע מענטשן גע־מיינזאַם אין אַ קלענערער אָדער גרעסערער מאָס.

מען דאַרף ניט זיין קיין געלערנטער, קיין עקאָנאָמיסט כדי דעם דאָזיקן אמת איינצוזען. אַזוי איז עס אין די קבוצות, אין ארץ־ישראל; אַזוי איז עס אין דעם קאָלעקטיוויזירטן סאָוועטן־פאַרבאַנד; אַזוי איז עס אין אַלע קהל׳שע אונטער־נעמונגען אויף דער גאַנצער וועלט. דער טעות וואָס פילע

אינטעליגענטע סאָציאַליסטן־אידעאַליסטן מאַכן איז: זיי מעסטן אַלעמען מיט זייער אייגענער מאָס. זיי פילן, אַז זיי זיינען איבערגעגעבן בלב ונפש צו זייער אידעאַל, דענקען זיי, אין זייער באשיידנקייט, אַז אַלע מענשן שטייען מאָראַליש אויף דער זעלבער הויך. דאָס איז אַ גרויסער טעות.

דער גאָר גרויסער רוב מענשן זיינען ווייט ניט נאָר פון אַזאַ הויכן אידעאַל, נאָר פון אידעאַליזם בכלל. זיי קענען האָבן אַן אידעאַל און דאָך ניט זיין קיינע אידעאַליסטן. אַן אמת'דיק און קלוג וואָרט האָט געזאָגט לענין: „די קאָמוניס־טישע פּאַרטיי באשטייט פון זעכציק פּראָצענט זשוליקעס, דרייסיק פּראָצענט נאַראָנים און נאָר צען פּראָצענט קאָמו־ניסטן”. אַזוי זיינען מענשן. מען דאַרף זיך שטאַרק רעכע־נען מיט אָט דעם פאַקט. עס איז ארויסגעוואָרפענע אַרבעט צו וועלן ענדערן די מעשה־בראשית, די נאַטור פון מענשן מיט אַמאָל.

די פּויערים, די אַרבעטער זיינען, מיט אייניקע אויס־נאַמען, ניט קיין אידעאַליסטן. זיי טוען אַלץ בלויז צוליב זיך, צוליב אַ גרעסערן שטיקל ברויט פאַר זייערע פאַמיליעס. דער פּויער איז פון דער נאַטור שטאַרק פאַר פּריוואַט אייגנ־טום, פאַר דעם אייגנטום וואָס ער האָט באַשאַפן מיט זיין מוח און כוח, ניט עקספּלואַטירנדיק אימיצן אויף אַ האָר. דערפאַר דענקט ער, — און מיט רעכט, — אַז קיינער האָט ניט קיין רעכט אריינצומישן זיך אין זיין באַלעבאַטישקייט און זאָגן דעות קעגן זיין ווילן.

ווען דער פויער באַטראַכט זיין האָב־און־גוטס: זיינע צוויי פערד, זיין בהמה, שאָף, חזירים, הינער, געגנז, ענדיקעס און ענטלאַך; זיין שפייכלער פול מיט שפייז פאַרן גאַנצן יאָר פאַר זיין פאַמיליע און פאַרן „סקאָט"; זיין קעלבל וואָס וועט איבער אַ יאָר שוין זיין אַ בהמה; זיין לאָשיק (יונג פערדל) וואָס אין צוויי יאָר אַרום וועט ער שוין גיין אין דער סאָכע, — ווען ער באַטראַכט דאָס אַלץ, איז צו זיין פרייד קיין גרעניץ ניטאָ, און ער איז מוכן ומזומן ווידער און ווידער צו אַרבעטן מיט אַלע זיינע כחות. אָט דער אינסטינקט פון זעלבסט־דערהאַלטונג, אָט דער פשוטער עגאָאיזם איז די טרייב־קראַפט וואָס שאַפט דעם פּראָגרעס. אַזוי זאָגן די „בור־זשואַזע" געלערנטע. די סאָציאַליסטישע געלערנטע האָבן נאָך ביז איצטער ניט געגעבן קיין צופרידנשטעלנדן ענטפער אויף דער פראַגע: וואָס איז די טרייב־קראַפט וואָס שאַפט דעם פּראָגרעס?

גאָר אַנדערש פילן די אַרבעטער וואָס אַרבעטן אין אַ קאָלעקטיוו, וואו די פרוכט פון זייער אַרבעט באַלאַנגט צום שטאַט און זיי באַקומען שכירות פאַר דעם טאָג אָדער פאַר דער וואָך אַרבעט וואָס זיי טוען. זיי זיינען ניט פאַראינטערעסירט צו אַרבעטן פלייסיק און ארויסגעבן בעסערע פּראָדוקטן. אויך אין דער קבוצה, וואו די פרוכט פון דער אַרבעט באַלאַנגט צו אַלעמען און דאָך צו קיינעם ניט, קען קיינער ניט זאָגן: אָט דאָס איז מיינס, דאָס געהערט צו מיר. דאָרט וואו יעדער אַרבעטער פילט זיך ווי אַ שרייפל אין אַ מאַשין; וואו זיין

דעה איז איינע קעגן אַ סך אַנדערע; וואו פּערזענלאכע איני־
ציאַטיווע איז אונטערדריקט, איז דאָס לעבן פון אַ מענשן וואָס
די נאַטור האָט אים נישט באַשאָנקען מיט די מעלות פון אַ
„סטאַכאַנאָוועץ“, נאָר מיט אַ שווערן גוף און שווערע אברים,
וואָס קענען זיך ניט באַוועגן שנעל, אָבער דערפאַר האָט זי אים
געגעבן אַ חוש צו דערפילן די שאַרפע בליקן אין די אויגן
פון זיינע חברים און דערזען די אומצופרידנקייט אויף זייערע
פנים'ער מיט זיין לאַנגזאַמער אַרבעט, — אַ גיהנום. און
אַפילו אַז מען איז יאָ געבענשט מיט רירעוודיקע אברים,
מיט אַ באַוועגלאכן גוף, אָבער עס פעלט אויס דער חשק,
די טרייב־קראַפט צו אַרבעטן פלייסיק — איז וואָס זאָל איינער
טאָן? וואו זאָל ער עס קויפן? מ'קען זיך ניט אויסלערנען
צו אידענטיפיצירן די אינטערעסן פון קאָלעקטיוו מיט די
אייגענע אינטערעסן, אויב מען האָט עס ניט אין האַרצן, אין
דער נשמה — אין זיך. ווען מען אַרבעט אָבער פאַר זיך,
פאַר דער אייגענער פאַמיליע, דאַרף מען זיך ניט אָנשטרענ־
גען צו אַרבעטן פלייסיק. דער חשק, די ענערגיע גיסט זיך
אריין אין אַלע אברים פון זיך אַליין. אַזוי זיינען מענשן.

אָבער, וועט מען זאָגן, דאָס טענה'ן דאָך די קאַפּיטאַ־
ליסטן אויך; דאָס איז דאָך איינער פון זייערע אַרגומענטן,
מיט וועלכע זיי באַרעכטיקן זייער רויב־סיסטעם; דאָס מיינט
דאָך, אַז סאָציאַליזם, דאָס הייסט, קאָלעקטיוויזם, פירט ניט
צו מער גליק, צו מער פרייהייט; דאָס שוואַכט דאָך אָפּ

אונזער האָפענונג אויף אַ בעסערער, גערעכטערער אָרדענונג פון מענשלאכן צוזאַמענלעבן.

איז ערשטנס: הערט דען אויף דער אמת צו זיין אַן אמת, אויב די קאַפּיטאַליסטן גלויבן אויך אין אים? דאָס דער־מאָנט אָן יענעם חסיד, וואָס איז געקומען צום רבין מיט אַזאַ שאלה: אין דער תורה הקדושה שטייט „ובחוקותיהם לא תלכו" — אין זייערע (גויאישע) געזעצן זאָלט איר ניט גיין. — וואָס זשע וועלן מיר אידן טאָן, אויב די גויים הויבן אָן לעגן תפילין? און אַז די קאַפּיטאַליסטן גלויבן אין פערזענלאכער איניציאַטיווע און נוצן עס אויס פאַר זייערע פערזענלאכע עגאָאיסטישע צוועקן, דאַרפן עס סאָציאַליסטן אָפּלייקענען, כאָטש דאָס איז אַ פאַקט פון לעבן גופא?

צווייטנס: אונזער האָפענונג אויף אַ גערעכטן, מער גליקלאכן מענשלאכן צוזאַמענלעבן ווערט ניט אויף אַ האָר קלענער, ווען מיר פאַרוועגדן אונזערע כחות, אונזערע פעאיג־קייטן, אונזער איניציאַטיווע ניט כדי צו עקספּלואַטירן אַנ־דערע מענשן, נאָר צוליב דעם וואוילזיין פון יעדן יחיד, און ממילא אויך פון כלל. מען מוז ניט גלויבן, ווי אין אַ הלכה למשה מסיני, אַז אַלע ווירטשאפטן מוזן קאָלעקטיוויזירט ווערן, און וויבאַלד ניט, — איז עס שוין ניט קיין סאָציאַליזם. מ׳קען און מ׳מעג גלויבן, אַז אַלץ וואָס עס פאָדערט זיך איז אָפּשאַפן דעם פּראָפיט־סיסטעם, די עקספּלואַטאַציע פון איין מענש דורך אַ צווייטן, און די רויב־סיסטעם וועט פאַרשווינדן צוזאַמען מיט די קאַפּיטאַליסטן.

כידוע, קען ניט זיין קיין סאָציאַליזם אָן פרייהייט. איז דאָך קלאָר, אַז סאָציאַליזם מיינט ניט בלויז קאָלעקטיוויזאַציע פון די ווירטשאַפטן, נאָר אויך — נאָך מיין מיינונג דער עיקר — דעמאָקראַטיע, פרייהייט. קאָלעקטיוויזם איז אָבער אין זיין עצם, אין זיין תוך קעגן פרייהייט און פאַר דיקטאַטור, ווען אַפילו אין אַ מילדערער פאָרם ווי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. אַ קאָלעקטיוויסטישע אָרדנונג קען ניט דערלויבן יעדן אַרבעטער צו אַרבעטן אויף זיין אייגענעם שטייגער. יעדער אַרבעטער מוז זיך אונטערוואַרפן דעם באשלוס פון דעם רבים, כאָטש פון דער פּראַקטיק ווייסן מיר, אַז די אויסגעקליבענע פון דער מערהייט ווייסן ניט און קענען ניט וויסן אַלע פּרטים פון דער אַרבעט, און האָבן ניט און קענען ניט האָבן די דערפאַרונג, וואָס מיליאָנען מענשן האָבן דערוואָרבן פאַר אַ צייט פון טויזנטער יאָרן. קאָלעקטיוויזם איז קעגן דער נאַטור פון מענשן.

די גמרא זאָגט: „פוק חזי מאי עמא דבר" — לאָמיר פרעגן דאָס פאָלק און הערן וואָס ער זאָגט. אַז מיר וועלן פאָלגן די דאָזיקע קלוגע עצה און פרעגן דעם פויער וואָס ער דענקט וועגן קאָלעקטיוויזם, איז ביי מיר קיין ברעקל ספק ניט, אַז אַלע פויערים וועלן ענטפערן: מיר ווילן ניט קיין קאָלעקטיוויזם. אַ ראַיה? רוסלאַנד. ממילא איז קלאָר, אַז קאָלעקטיוויזם קען נאָר איינגעפירט ווערן דורך צוואַנג. איז שוין ממילא אויך קלאָר, אַז קאָלעקטיוויזם מוז פירן ניט צו פּראָגרעס, נאָר צו רעגרעס; ניט צו פרייהייט, נאָר צו שקלאַפעריי; אַז סאָציאַליזם־קאָלעקטיוויזם איז ניט דאָס זעלבע וואָס

סאָציאַלער יושר. קאָלעקטיוויזם פֿילט צו צענטראַליזם, צו דיקטאַטור, און דיקטאַטור איז דער היפּך פֿון יושר. דערפֿון איז אויך קלאָר, אַז קאָלעקטיוויזם טאָר ניט זיין קיין עיקר, קיין יסוד אין אונזער אידעאַל פֿאַר דער צוקונפֿט. עס איז איבערהויפּט אוטאָפּיש אויסצואַרבעטן אַ שיטה, אַ סיסטעם ווי מענטשן זאָלן לעבן אין דער צוקונפֿט.

זאָלן קאָלעקטיוויזירט ווערן יענע ווירטשאַפֿטן, וועלכע איינצלנע אַרבעטער מיט זייערע פֿאַמיליעס זיינען ניט ביכולת צו פֿאַרוואַלטן, ווי אייזנבאַנען, שיפֿן, מינען א. ד. גל. אָבער וואָס איז שייך די ווירטשאַפֿטן, וואָס דער יחיד מיט זיין פֿאַמיליע קען זיי באַאַרבעטן, ווען אַפֿילו מיט אַ ביסל פֿאַרלוסט פֿון צייט און קראַפֿט, אָבער דערפֿאַר מיט אַ גרויסן גייסטיקן געווינס און מיט דער מעגלאַכקייט צו אַנטוויקלען זיין אינ־דיווידואַליטעט, — טאָר ניט שטיין אין וועג דער אָרטאָדאָק־סישער אָפּגעלעבטער סאָציאַליסטישער באַגריף, אַז סאָציאַליזם מיינט נאָר און בלויז קאָלעקטיוויזאַציע פֿון אַלע ווירטשאַפֿטן.

אויב אונזערע חכמים האָבן געמעגט פֿאַרטייטשן, אַז „עין תחת עין, זו ממון" („אַן אויג פֿאַר אַן אויג" מיינט גאָר געלט־שטראָף), — מעגן מיר אויך פֿאַרטייטשן, אַז . . . סאָציאַליזם מיינט וואָס מער גליק, וואָס מער פֿרייהייט פֿאַרן יחיד, און ממילא פֿאַרן כלל, באַלד, אין אונזערע טעג.

דער איינצעלנער און די געזעלשאַפט

מ. מ. ראָזענבאַום זאָגט (אין דער „צוקונפט" פון דעצעמ־בער, 1938): „מיר שיינט, אַז עס איז אַ טעות צו דענקען, אַז פאַר אַ סאָציאַליסטישן צוזאַמענלעבן פאָדערט זיך אַ ספּע־ציעל הויכער גראַד פון אַלטרואיזם, אַ באַזונדערס שטאַרקע אַנטוויקלונג פון דעם מענטשנס מהות".

איז קיין „ספּעציעל הויכער גראַד" פון אַלטרואיזם פאָדערט זיך טאַקע ניט, אָבער ניט קיין ספּעציעל הויכן גראַד, גלויב איך, דאַרף מען יאָ האָבן. מיט די מענטשן, ווי זיי זיינען איצט, קען מען בויען אַ „סאָציאַליסטישן" צוזאַמענלעבן נאָר ווי אין רוסלאַנד אונטער סטאַלינס רעזשים, אָבער ניט קיין אמת סאָ־ציאַליסטישן צוזאַמענלעבן, וואו די אינטערעסן פון דעם כלל זאָלן אידענטיפיצירט ווערן מיט די אינטערעסן פון דעם יחיד.

דער מענטשלאַכער מהות

וועגן דעם מענטשנס מהות זאָגט זיגמונד פרויד (אין „די צוקונפט פון אַן אילוזיע"): „מ'דאַרף, דענק איך, זיך רעכענען מיט דעם פאַקט וואָס עס זיינען פאַראַן אין אַלע (אונטערשטראָכן פון מיר—ש.ה.) מענטשן פיל צעשטערנדעס, און דערצו אויך אַנטי־געזעלשאַפטלאַכע און אַנטי־קולטורעלע נייגונגען. און ביי אַ גרויסער צאָל מענטשן זיינען די דאָזיקע נייגונגען שטאַרק

געגוג צו באשטימען זייער אויפפירונג אין דער מענשלאכער געזעלשאפט".

אנאטאל פראנס, ווידער, זאגט: „די מענשן וועלן קיינ־מאל ניט זיין גליקלאך. זיי בויען אויף ביז א געוויסן פונקט און צושטערן עס. זיי הויבן אן ווידער בויען און צושטערן עס ווידער. אזוי לעולם ועד".

פאר יעדן בר־דעת איז קלאר, אז מען קען ניט בויען טעאריעס, מאכן פלענער ווי צו בויען א מאשין פון שטאל און אייזן, ניט זייענדיק גוט באקאנט מיט די אייגנשאפטן פון שטאל און אייזן. על אחת כמה וכמה אויפשטעלן טעאריעס און מאכן פלענער ווי אזוי מיליאנען מענשן, פעלקער גאנצע, זאלן לעבן אין דער צוקונפט, ניט וויסנדיק גרינטלאך די אייגנשאפטן פון זייערע ביז גאר קאמפליצירטע, פארפלאנטערטע, סתירות׳דיקע, קאפריזנע נשמות, — קען מען דאך אודאי ניט.

א מענש, מעג ער זיין דער גרעסטער גאון, ווייס ניט און קען ניט וויסן, ווי ער אליין וועט פילן און דענקען וועגן ענינים, וואס האבן א שייכות צו דעם מענשנס פסיכיק, צו זיין נשמה, אין צוואנציק יאר ארום. לא־כל־שכן קען ער ניט וויסן, ווי מיליאנען מענשן וועלן פילן און דענקען אין הונדערט יאר ארום און שפעטער. „וראית את אחורי, ופני לא יראו" — א מענש קען נאר זען דאס פארגאנגענע, — אויך ניט גענוג קלאר, — אבער די צוקונפט קען דער מענש ניט זען; דאס איז ניט פאר זיינע כחות.

איז פון דאס אויבן־געזאגטע קלאר, אז ניט נאר מעג מען,

נאַר עס איז אַ חוב איבערצואַשצן אַלטע ווערטן און זען צי זיי שטימען מיט אונזערע איצטיקע דערפאַרונגען, אָנגעזאַמלטן וויסן און באַגריפן.

קומט חבר ראָזענבאַום און באַדויערט, וואָס די רעדאַקציע פון „אידישן קעמפער" האָט מיין אַרטיקל „קאָלעקטיוויזם און פערזענלאכע איניציאַטיווע" אָפּגעדרוקט (אין נומער פון 20טן מאַי, 1938) „לײדער אָן אירגענד וועלכע באמערקונגען". איז עס גאַנץ פאַרשטענדלאך. אַ מענש ווי דער זייער חשוב'ער און ליבער חבר מ. מ. ראָזענבאַום, וואָס האָט גאַר גרויסע פאַר־דינסטן פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע און פאַרן סאָציאַליזם, פאַר וועלכע ער האָט אַ סך מאָל געשטעלט אין סכנה זיין פריי־הייט און אויך זיין לעבן, אַז מ'קען זאָגן: ראָזענבאַום און סאָציאַליזם איז איינס; אַז יעדער אַטאָם זיינער איז אָנגעלאָדן מיט ריינעם סאָציאַליזם, אַנשטאָט מיט עלעקטראָנען, — איז עס קיין וואונדער ניט, זאָג איך, וואָס אַזאַ מענש ווי ראָזענ־באַום זאָל פאַררעכענען יעדן אָפּנויג פון דער סאָציאַליסטישער גענעראַל־ליניע פאַר אַפּיקורסות, קעגן וועלכער מ'דאַרף מזהיר ומודיע זיין די לייענער, זיי זאָלן חס וחלילה ניט געשטרויכלט ווערן דורך אים.

אייגנטלאך, וואָלט איך אויך געקענט מאַכן אַן ענלאכן פאַרוואורף דער רעדאַקציע פון „צוקונפט". זאָגט דאָך חבר ראָזענבאַום: „איך וויל דאָ גלייך פון אָנהויב קלאָר מאַכן, אַז איך האַלט ניט דעם קאָמונאַלן צוזאַמענלעבן פאַר אַ חוב פאַר איטלאכן סאָציאַליסט". זיינען דען די דאָזיקע ווערטער גופא

ניט קיין גוואַלדיקע אַפּיקורסות? סאָציאַליזם מיינט דאָך סאָ־
ציאַליזירטעווירטשאַפט, ווי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אָדער אין
די קבוצות אין ארץ־ישראל, — טאָ ווי אַזוי זשע קען ראָזענ־
באַום זאָגן, אַז קאָמונאַלער צוזאַמענלעבן איז ניט קיין חוב פאַר
אַ סאָציאַליסט?

„איך האָב דורכגעבלעטערט די גאַנצע סדרה בראשית, —
זאָגט חבר ראָזענבאַום, — און האָב ניט געפונען, אַז גאָט זאָל
האָבן באַשאַפן דעם מענשן זעכציק פּראָצענט זשוליק, דרייסיק
פּראָצענט שוטה און נאָר אַ קאַפּיטשקע קאָמוניסט". אָבער
ווען חבר ראָזענבאַום פוילט זיך ניט און מישט איבער נאָך אַ
פּאָר בלעטער, וואָלט ער געפונען, אַז גאָט האָט געזאָגט קלאָר
און דייטלאָך: „כי יצר לב האָדם רע מנעוריו" — וואָרים די
טראַכטונג פון דעם מענשנס האַרצן איז שלעכט פון זיין יוגנט
אָן" (יהואָש'ס איבערזעצונג). איז כאָטש דאָס איז געזאָגט
געוואָרן מיט איבער דריי טויזנט יאָר צוריק, איז עס נאָך אמת
היינט, אין אונזערע טעג.

די געפילן פון רחמנות און אַכזריות, פון ליבע און האָס,
פון קעגנזייטיקער הילף און ברוטאַלן עגאָאיזם האָבן זיך אַנט־
וויקלט ביי דעם מענשן אין איין־און־דערזעלבער צייט, פון איין־
און־דערזעלבער הויפּט סיבה — פון דעם קאַמף פאַרן דאַזיין,
פאַרן קיום. אונזערע אור־אור־עלטערן, אין דער געשטאַלט
פון מאַלפּעס, האָבן הונדערטער טויזנטער יאָרן געפירט אַ קאַמף
פאַר זייער עקזיסטענץ מיט די שטאַרקערע חיות פון זיי. כדי
צו באַשיצן זייערע לעבנס און אויך כדי צו אַנגרייפן די שטאַר־

קערע חיות, האָבן אונזערע אור־אור־עלטערן געמוזט פּאַראַליזירן זיך מיט נאָך שוואַכע חיות פון זייער מין. אַזוי־אַרום האָבן זיך אַנטוויקלט צוויי קעגנגעזעצטע געפילן אין איין־און־דערזעלבער צייט, און פון איין־און־דערזעלבער הויפּט־סיבה — פון איין זייט אַכזריות, שנאה צו די שטאַרקערע, און פון דער אַנדערער זייט רחמנות און סימפּאַטיע צו די שוואַכע. אָט־אָ־די געפילן און אינסטינקטן פון זעלבסט־פאַרטיידיקונג, פון ליבע און האַס, פון סימפּאַטיע און אַכזריות האָבן אין לויף פון הונדערטער טויזנטער יאָרן זיך איינגעזאַפּט, איינגעפּרעסט אין זייער האַרצן און מאַרך, אין די נערוון און בלוט, אַזוי אַז עס איז געוואָרן אַ ביאָלאָגישער געזעץ, וואָס ווערט איבערגעגעבן בירושה צו די צוקונפטיקע דורות.

און אַזוי ווי די אומשטענדן האָבן זיך נאָך ניט געענדערט אויף אַזוי פיל, אַז דער מענש זאָל ניט דאַרפן קעמפן פאַר זיין חיונה און ניט פירן קיין מלחמות, — זיינען נאָך אָט יענע חיה'שע איינגעשאַפּטן, וואָס דער מענש האָט גע'ירשנ'ט פון זיינע אור־אור־עלטערן, די מאַלפּעס, אין פולער קראַפט אין דעם מענשנס איינגעווייד, אין זיין בלוט. עס איז גענוג אַ בלעטער צו טאָן די געשיכטע פונם מענשנס אַנטוויקלונג צו געפינען, אַז אַלע מענשן, פון די גאַר אַלטע צייטן ביז איצט, זיינען איינגעטונקט אין רויב, מאָרד און בלוט. די ציוויליזאַציע האָט געווירקט בלויז אויף דעם מענשנס מוח, אויף זיין שכל; אָבער זיין האַרץ און זיינע געפילן זיינען כמעט ניט באַרירט געוואָרן. עס איז גענוג איין בליק אויף סטאַלינס רוסלאַנד, היטלערס

דייטשלאַנד, מוסאָליניס איטאַליע א. אַז. וו., כדי צו איבער־צייגן זיך, אַז דער מענש איז נאָך ווייט פון זיין אַ מענש.

אַט טאַקע דערפאַר, וואָס דער מענש איז נאָך זייער ווייט פון זיין אַ מענש, טאָר מען ניט מאַכן קיין רעוואָלוציעס אַ־לאַ לענין, טראָצקי און זייער חברותא, טאָר מען ניט פּרובירן מיט גוואַלט אָראָפּשלעפּן משיח'ן פאַר די האָר באַלד, אין אונזערע טעג. רעוואָלוציעס, מלחמות און דיקטאַטור פאַרדאַרבן נאָך מער דעם מענשנס נשמה; זיין מאָראַל פאַלט נידעריק, כמעט צו דער מדרגה פון אַ חיה.

„לא בחיל כי אם ברוח" — ניט מיט געוואַלט, נאָר מיט גייסט — מיט גערעכטיגקייט, מיט אמת און מיט יושר — וועט געבויט ווערן דאָס גליק פאַר דעם מענשן — אַט אַזוי ווי אונזערע טייערע און ליבע חברים אין ארץ־ישראל, די חלוצים אונזערע, בויען אונזער לאַנד. געבענטשט זאָלן זיי זיין דערפאַר! די אידן פון אַמאָל האָבן געגעבן אַ תורה ווי מען זאָל לעבן עטיש, מאָראַליש. די אידן פון היינט באַ־ווייזן דער וועלט ווי מען לעבט עטיש, מאָראַליש, ווי מען בויט אַ לאַנד אָן רויב, אָן גזלה, אָן בלוט־פאַרגיסונג פון זייער זייט. נאָר דורך אַרבעט, מיטן שווייס פון זייערע פּנים'ער ווערן ווידערבאלעבט די חורבות, די מדבריות מיט מענשלאכע ישובים, וואו מען לעבט אַ לעבן פון צדק און יושר, און וואו עס ווערט געשטרעבט צו לעבן — ווען מען זאָל נאָר ניט שטערן — באמת אין שלום מיט זייערע שכנים און מיט אַלע מענשן־קינדער.

צוואַנג אָדער פרייוויליקע קאָאָפּעראַציע?

צוויי ברייטע שטרעמונגען זיינען ניכּר אין דער מענש־לאַכער געזעלשאַפט. איינע שטרעבט צו אונטעריאָכן דעם איינצלנעם צום כּלל — וואָס מ׳קען אָנרופן מיט דעם אַלגע־מיינעם נאָמען צענטראַליזם; די צווייטע שטרעבט צו באַפרייען ווי ווייט מעגלאך דעם איינצלנעם פון דער הערשאַפט פון כּלל. די לעצטע שטרעמונג שטעלט זיך איין פאַר דעם, אַז אַפילו קאָלעקטיווע אונטערנעמונגען זאָלן זיין אָרגאַניזירט לויט דעם פּרינציפּ פון דעצענטראַליזאַציע, זאָלן ווי ווייט מעגלאך אָנהאַלטן דעם כאַראַקטער פון פרייוויליקער קאָאָפּעראַציע אָנ־שטאָט צוואַנג פון אויבן, פון דרויסן, פון ערגעץ אַ „צענטער".

דאָס איז אַן אַלטע מחלוקת צווישן די אַנאַרכיסטן און די שטאַטס־סאָציאַליסטן. די אַנאַרכיסטן גלויבן, אַז אַלע צרות און פּורעניות קומען פון רעגירונג, פון געזעץ, דערפאַר פּרע־דיקן זיי קעגן רעגירונג, קעגן געזעץ, און פאַר דער אַבסאָלוטער פרייהייט פון דעם יחיד. די שטאַטס־סאָציאַליסטן גלויבן יאָ אין רעגירונג און געזעץ. זיי גלויבן, אַז וואָס מער געזעלשאַפט־לאַכע פונקציעס עס וועלן קאָנצענטרירט ווערן אין דעם רשות פון דער רעגירונג, אַלץ מער מזל־ברכה וועט זיין פאַר אַלע־מען. די באָלשעוויקעס אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, געטרייע מאַרק־סיסטן, האָבן איינגעפירט אַ „פּראָלעטאַרישע" דיקטאַטור, האָבן קאָנצענטרירט אַלע געזעלשאַפטלאַכע פונקציעס — גייסטיקע אַזוי גוט ווי מאַטעריעלע — אין איין צענטער — אין סטאַלינען.

ווען איך האָב געשריבן אין „אידישן קעמפער", אַז אין

אַ קאָלעקטיוו מוז דער גייסט, די אינדיווידואַליטעט פאַרטעמפּט ווערן, האָב איך, פאַרשטייט זיך, געֿרעדט וועגן אַ קאָלעקטיוו פון אַ מלוכה׳שן פאַרנעם, ווי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואו די רעגירונג קאָנטראָלירט און זאָגט דעות, און ניט פון אַ קבוצה אין ארץ־ישראל, וואָס באַשטייט פון עטלאַכע צענדליק אָדער אַ פּאָר הונדערט מענטשן און וואָס טראָגט דעם כאַראַקטער פון אַ שותּפות׳דיקער אונטערנעמונג אָדער פון אַ פרייער גרופּע, וואָס ווערט פאַרוואַלטעט פון די אַרבעטער אַליין, אָן וועלכן עס איז קאָנטראָל פון דער רעגירונג. דערפאַר איז ניט „לחלוטין פאַלש", ווי חבר ראָזענבוים מיינט, נאָר לחלוטין אמת, אַז אין אַ קאָלעקטיוו אונטער דעם קאָנטראָל פון דער רעגירונג, מוז די פּערזענלאַכע איניציאַטיווע, די אינדיווידואַליטעט אונטער־דריקט ווערן. צענטראַליזם און פרייהייט איז אַ ווידערשפּרוך אין זיך גופא, ווי, למשל, ליכטיקע פינסטערניש. סטאַלינס רוסלאַנד גופא איז אַ קלאָרער באַווייז, ווי ריכטיק מיין באַהויפּ־טונג איז.

פון חבר ראָזענבאום׳ס ווערטער אין „צוקונפט", אַז „אַ היפּשע צאָל חברים אַרבעטן ניט מיט דערזעלבער איבערגעבנ־קייט, ווי זיי וואָלטן עס געטאָן פאַר אייגענער פּריוואַטער באַלע־באַטישקייט" (אונטערשטראָכן פון מיר — ש. ה.), — מען היט ניט אָפּ קהל׳שע האָב־און־גוטס, מען לאָזט זיך וואַלגערן אַר־בעטס־אינסטרומענטן, עס גייט אין ניוועץ אַ היפּש ביסל עסנ־וואַרג, — פון די דאָזיקע ווערטער איז, דוכט זיך, קלאָר, אַז ער אַליין גיט־צו, אַז מענטשן אַרבעטן פלייסיקער אין פּריוואַ־

טער באַלעבאַטישקייט, ווי אין אַ קבוצה. אָבער זאָל זיין, אַז אין די קבוצות אין ארץ־ישראל איז די פּערזענלאכע איניציאַטיווע ניט אונטערדריקט, איז אָבער אַלץ דערפון ניט געדרונגען, אַז קאָלעקטיוויזם בכלל, און אומעטום, קען זיין אַ דערפאָלג. און אָט פאַרוואָס: די חלוצים אין ארץ־ישראל זיינען ניט קיין פויערים־בני־פויערים פון דורות. זיי האָבן אין זיך ניט איינגעזאַפּט דעם ריח פון דער ערד און דעם טוי פון הימל; זיי האָבן זיך נאָך ניט צונויפגעוואַקסן מיט דער נאַטור, מיט די וועלדער און טייכן, מיט די ווינטן, רעגן, האָגל, מיט דעם הייסן זומער און קאַלטן ווינטער; זיי זיינען נאָך ניט צונויפגעוואַקסן מיט די בהמות, אייזלען און געפליגל; זיי, די חלוצים, האָבן ניט קיינע טראַדיציעס, יענע געפילן און סענטימענטן, וואָס נאָר פויערים פון פילע דורות האָבן. די חלוצים, קינדער פון אַ גלות־פאָלק, זייענדיק אַליין פאַרפאָלגט, געטריבן פון שטורעם, פון בייזע ווינטן צו פאַרזיכערן זיך אַ מקום מנוחה, אַן אָרט, וואו אויסצוגלייכן די מידע ביינער, צו אָפּכאַפּן דעם אָטעם, — פון זיי, זאָג איך, קען מען ניט אָפּלערנען און ציען שלוסן אויף אַנדערע לענדער מיט אַ פויערימשאַפט מיט גאָר אַן אַנדער דערציאונג, אַנדערע געוואוינהייטן און טראַדיציעס, וועלכע לעבן אונטער אַנדערע אומשטענדן.

איך רייד אָבער אין מיין אַרטיקל וועגן סאָציאַליזם־קאָלעקטיוויזם אַלס אַ פאָרם פון מענשלאכן צוזאַמענלעבן אומעטום, אין אַלע לענדער, ווי דער סאָציאַליזם לערנט אונז. איך האָב געבראַכט פאַר אַ ביישפּיל דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואו די

רעגירונג איז געצוואונגען צו געברויכן טעראָר־מעטאָדן קעגן די אַרבעטער און פּויערים. געפינט אָבער חבר ראָזענבאָום אַ זכות אויף די רוסישע פּויערים, וואָס זיי זיינען אומצופרידן מיט סטאַלינס רעזשים. מיט גוטן, מיט גוטע ביישפּילן, מיט אויפקלערונג, זאָגט ער, וואָלטן די רוסישע פּויערים אָנגענומען דעם קאָלעקטיוויזם באהבה רבה.

איז, ערשטנס, האָבן די באָלשעוויקעס אין רוסלאַנד אָנגעהויבן מיט גוטן. אָבער דאָס רוסישע פאָלק, די פּויערים, האָבן זיך אַבסאָלוט אָטנזאָגט צו גיין אין קאָלעקטיוו. בלית ברירה, האָבן די באָלשעוויקעס געמוזט געברויכן געוואַלט. צווייטנס, וואָס וואָלטן די עס־ערן און די סאָציאַל־דעמאָקראַטן געטאָן, ווען זיי וואָלטן געווען די פירער פון דער רוסישער רעוואָלוציע? וואָלטן זיי געוואַרט ביז די רוסישע פּויערים וועלן אויפגעקלערט ווערן מיט גוטע ביישפּילן? אַ רעוואָלוציע קען ניט וואַרטן אַזוי לאַנג. אלא וואָס דען, די עס־ערן און די ס. ד. וואָלטן דערוויל צעטיילט די פּריצימשע ערד צווישן די פּויערים אַלס זייער אייגנטום. וואָלטן זיי געוויס געטאָן אַ גוטע זאַך, אָבער קיין סאָציאַליזם וואָלט עס ניט געווען.

אָבער, וועט מען זאָגן, דאָס אַלץ איז דאָך ניט קיין באַווייז, אַז אין אַ רואיקער צייט, אָן רעוואָלוציעס און מלחמות, וועלן די פּויערים ניט אָננעמען דעם קאָלעקטיוויזם דורך אויפקלערונג און גוטע ביישפּילן.

איז, ערשטנס, „המוציא מחברו עליו הראיה" — ווער

עס וויל איבעראַנדערשן דעם לעבנס־שטייגער אויף אַ נייעם, דאַרף באַווייזן, אַז ער איז גערעכט. צווייטנס, זאָג איך נאָך אַמאָל וואָס איך האָב שוין געזאָגט: לאָמיר פרעגן די פויערים פון אַנדערע לענדער, וועלכע לעבן אַ נאָרמאַלן, רואיקן לעבן, צי זיי ווילן גיין אין אַ קאָלעקטיוו, וואו די רעגירונג זאָל האָבן דעם קאָנטראָל, צי ניט. איך בין זיכער, אַז זיי וועלן ענטפערן, אַז זיי ווילן ניט.

וועט איר פרעגן: פון וואַנען אַזאַ זיכערקייט? איז די מעשה אַזוי: פון מיין פריער קינדהייט האָב איך צענדליקע יאָרן געלעבט צווישן און מיט די רוסישע פויערים. איך קען זייער לעבן אין זייערע „כאַטקעס", אויפן פעלד ביי דער אַרבעט, אויף דער „סכאָדקע" צו פאַרהאַנדלען קהל'שע גע־שעפטן, און אין שיינק ביי אַ גלעזל בראַנפן. איך בין גוט באַקאַנט מיט פויערים פון צענדליקע דערפער אין טשערני־גאָווער, כאַרקאָווער, פּאָלטאַווער, קיעווער און סמאָלענסקער גובערניעס. איך ווייס זייער אַרט דענקען און פילן, זייערעליידן און זייערע גאַר ווייניקע פריידן. דאָס בארעכטיקט מיך צו ריידן וועגן פויערים מיט אַזאַ זיכערקייט.

פּיאָטר קראָפּאָטקין האָט אַמאָל געשריבן, אַז אין רוסלאַנד וועט זיין גרינג איינצופירן דעם קאָמוניזם, ווייל דער רוסישער פויער האָט נאָך טראַדיציעס פון דער געוועזענער „אָבשטשינאַ". אויך חבר ראָזענבאָום ברענגט די פּרימיטיווע „אָבשטשינאַ" פאַר אַ באַווייז, אַז דער רוסישער פויער איז מסוגל אָנצונעמען די תורה פון סאָציאַליזם־קאָלעקטיוויזם. אָבער איך דערוועג

זיך פונדעסטוועגן צו זאָגן, אַז דאָס איז אַ טעות, אַ זייער גרויסער טעות.

איך ווייס ניט ווי וויט עס גייט חבר ראָזענבאומס באַקאַנטשאַפט מיטן רוסישן פּויער. וואָס איז שייך קראָפּאָטקינען, אָבער, ווייס איך, אַז ער האָט ניט געלעבט לאַנג גענוג צווישן די רוסישע פּויערים, און דערפאַר איז זיין קענטשאַפט פון דעם רוסישן פּויערס נשמה אַן אויבערפלעכלאכע.

אמת, אין צייט פון „סענאָקאָס" — היי־שניט — אָדער פון דרעשן תבואה, פאַראייניקן זיך 5—4 פּויערים־שכנים און שניידן די היי אָדער דרעשן די תבואה צוזאַמען — היינט ביי איינעם, מאָרגן ביי אַ צווייטן. דאָס איז דערפאַר, ווייל מיט 5—4 „צעפּען" (צו אַ לאַנגן שטעקן איז צוגעבונדן אַ קורצער) דרעשן זיך אויס די קערנער פון די זאַנגען בעסער ווי מיט צוויי „צעפּן". אויך היי שניידן קומט אויס וויט פון דאָרף. מען דאַרף נעכטיקן עטלאכע נעכט אין פעלד, איז פּשוט פרייליכער מיט מער מענשן. אַמאָל, ווען מען דאַרף פאַרריכטן די וועגן, בויען אַ בריק אָדער גיין אויף „אָכאָטע" (יאַגד) שיסן וועלף, וועלכע זיינען געוואָרן צו חוצפּה'דיק און פאַרצוקן צופיל שאָף — קלייבן זיך צונויף עטלאכע צענדליק פּויערים און טוען צוזאַמען אָפּ די דאָזיקע קהל'שע אַרבעט. אָבער דאָס איז וויט, וויט פון קאָלעקטיוויזם.

פּיאָטר קראָפּאָטקין, אָט דער זעלטענער גרויסער מענש, מיט אַ זייער נאָבעלער, ריינער נשמה, מיט אַ האַרץ פול מיט ליבשאַפט צו אַלע מענשן־קינדער, — אָט־דער מענש, וואָס

געאָרג בראַנדעס זאָגט וועגן אים, אַז ער איז אַ מאָדעל, אַ מוסטער פון דעם צוקינפטיקן מענשן, אַט־אָ־דער מענש האָט געשאַפן אַ טעאָריע ווי אַזוי מענשן זאָלן לעבן גליקלאַך — דעם אַנאַרכיסטישן קאָמוניזם, אַ מענשלאַכער צוזאַמענלעבן אָן רעגירונג, אָן געזעץ, אָן צוואַנג, אָן שטראָף — אַבסאָלוטע פרייהייט פאַר יעדן יחיד. וואָס־זשע איז געוואָרן פון זיין אַנאַרכיסטישן קאָמוניזם? איז כאָטש פאַראַן אַ באַדייטנדע אַנאַרכיסטישע באַוועגונג היינט צו טאָג? ניין, ניטאָ אַזאַ באַוועגונג. און אַפילו די אַנארכיסטן־סינדיקאַליסטן אין שפּאַניע האָט דער בירגער־קריג געעפנט די אויגן, אַז מ׳קען ניט מיט אָן־אַרכיע, מיט רעגירונגסלאָזיקייט און געזעצלאָזיגקייט, מיט אַבסאָלוטער (ביי אַנאַרכיסטן איז אַלץ „אַבסאָלוט״) פרייהייט זיך שטעלן קעגן באַוואָפנטע, דיסציפּלינירטע סאָלדאַטן.

איז ווי קומט עס, וואָס אַזאַ געלערנטער און קלוגער מענש ווי קראָפּאָטקין זאָל מאַכן אַזאַ גרויסן טעות? דער תירוץ איז: זיין פאַלשע גרונט־הנחה וועגן דעם מענשנס מהות, אַז דער מענש איז פון דער נאַטור וואויל און גוט, נאָר די קאַפּי־טאַליסטישע אָרדענונג איז די סבת כל הסבות — די הויפּט אורזאַך פון אַל־דאָס בייז — האָט קראָפּאָטקינען פאַרפירט צו דענקען: זאָל מען נאָר אָפּשאַפן די אורזאַך פון אַלע צרות, דעם קאַפּיטאַליזם, וועט דער מענש איבערנאַכט ניי־געבוירן ווערן, אָן מחשבות זרות, אָן שלעכטע געדאַנקען, ווי אין פסוק שטייט: „ולבי חלל בקרבי״ — מיין האַרץ איז ליידיק, פוסט אָן אַ ברעקל יצר־הרע. אַ ביישפּיל האָט ער גענומען פון זיך

אַליין. היות, איך, קראַפּאָטקין, פיל מיט אַלע מיינע חושים, אַז איך קען לעבן אָן אַ רעגירונג, אָן געזעץ, — וואָרום־זשע זאָלן אַלע אַנדערע מענטשן ניט קענען אַזוי לעבן? און, כידוע, זיינען די געפילן די העכערע איבער דעם שכל, האָבן די גע־פילן געגעבן אַ באַפעל דעם שכל אַז ער זאָל אויס׳שׂכל׳ען אַן אַנאַרכיסטיש־קאָמוניסטישע טעאָריע. דערפון נעמט זיך זיין טעות.

און חבר ראָזענבאומס נשמה, דוכט זיך מיר, איז זייער אַ נאָענטע קרובה צו קראָפּאָטקינס נשמה. ער זעט נאָר די גוטע זייטן אין דעם מענטש. און דערפון נעמט זיך זיין שטאַרק איבערטריבענער אָפּטימיזם.

לא זו הדרך — ניט אויף דעם דאָזיקן וועג קען מען מאַכן פלענער פאַר די צוקינפטיקע דורות. „אל תצדק הרבה״, זאָלסט ניט זיין צופיל צדיק, האָט מען אונז געלערנט. וואָס צו — איז אומגעזונט. צופיל נאַציאָנאַליזם איז שאָוויניזם, היטלעריזם; און צופיל סאָציאַליזם־קאָלעקטיוויזם איז . . . שקלאַפעריי, ווי אין סטאַלינס רוסלאַנד.

אַ רב האָט אין אַ ויכוח מיט אַ משכיל געזאָגט: די צרה מיט אייך, משכילים, איז, וואָס איר פאַראיידלט גאָט אַזוי שטאַרק, אַז עס בלייבט פון אים גאָרניט... די צרה מיט די פרומע, קאָנזעקווענטע, אויסגעהאַלטענע סאָציאַליסטן איז, וואָס זיי פאַרהייליקן דעם אַבסטראַקטן אידעאַל און פאַרגעסן אָן דעם קאָנקרעטן מענטשן.

אויב מיר קענען ניט אָפּפּרואוון דעם סאָציאַליזם מיט די

מיטלען פון ריינער וויסנשאפט, טאָ לאָמיר אים באטראכטן מיט די מעטאָדן, ווי דער קאַפּיטאַליסט באטראכט זיין אונטער־נעמונג. ער, דער קאַפּיטאַליסט, רעכנט זיך ניט מיט זיינע סימפּאַטיען אָדער אַנטיפּאַטיען; ער לאָזט ניט צו צום מוח ניט קיין אָפּטימיזם און ניט קיין פּעסימיזם; נאָר איין־איינציקע זאַך שטייט פאַר זיינע אויגן — פּראָפיט. לאָמיר אויך צוגיין צום סאָציאַליזם, האָבנדיק אין זינען און אין האַרצן איין־איינציקע זאַך — וואָס מער גליק, וואָס מער פרייהייט פאַר אַלע אַרבעטנ־דיקע, שוין באַלד, אין אונזערע טעג.

„איך גלויב, — שרייבט חבר ראָזענבאָום, — אַז אַפילו אונזערע אָפּטימיסטישע דערוואַרטונגען זיינען בלויז אַ בלאַ־סער אָפּבילד פון דעם, וואָס אמת'ער סאָציאַליזם אונטער אַ פרייען דעמאָקראַטישן רעזשים וועט מיט זיך ברענגען". ער מיינט דערמיט צו זאָגן: ניט האָבנדיק קיין דאגת־פרנסה און אַרבעטנדיק נאָר עטלאכע שעה אין טאָג, וועלן מענשן פאַר־ברענגען זייער פרייע צייט אין וויסנשאַפט, פילאָזאָפיע, קונסט, מוזיק און אַזוי ווייטער. אָבער דאָ שטעלט זיך די פראַגע: און טאָמער פאַרקערט? ניט האָבנדיק קיין דאגת־פרנסה, ניט נויטיקנדיק זיך אין קעגנזייטיקער הילף, אין מיטלייד, אין סימפּאַטיע, — וועלן אפשר אָט־די מענשלאכע מדות מיט דער צייט פאַרשווינדן פון דעם מענשנס האַרצן? (כידוע, ווערן דאָך אברים און געפילן אַטראָפירט, אויב מען באַנוצט זיי ניט אַ לאַנגע צייט). אפשר וועט דער מענש גאָר אויסגעליידיקט ווערן פון די סימפּאַטישע, מענשלאכע אייגנשאפטן און ער וועט

ווערן אַ מענש־גולם. אפשר וועט ער די גאַנצע פרייע צייט זיינע פארוועגדן אויף פינאַקל, געמבל, שכרות, זנות? ווער קען וויסן וועלכע איינגעדרעמלטע געפילן עס וועלן אויפוואַכן אין דעם מענשן? פון צופיל פרייע צייט קען דער מענש אפשר דעגענערירט ווערן?

אָבער לאָמיר זיך ניט ארײַנלאָזן אין ווייטע ספעקולאַציעס. לאָמיר זיך ארײַנטראַכטן אין די באַלדיקע מעגלאַכקייטן ווי צו פאַרגרעסערן, פאַרשענערן און פאַרבעסערן דעם מענשנס לעבן בימינו ובזמן הזה. קראפּאָטקין און אַטלאַנטיקוס האָבן אויס־גערעכנט, אַז מיט אונזער איצטיקער וויסנשאַפט און טעכניק קען מען שוין איצט איינפירן אַ 3—4 שטונדיקן אַרבעטס־טאָג. צוואַנציק יאָר געזעלשאַפטלאַכע דינסט איז גענוג צו פאַרזיכערן יעדן מענשן מיט כל־טוב דאָס גאַנצע לעבן. דר. חיים זשיט־לאָווסקי, אין זיין צוועלפטן אַני־מאַמין („טאָג", אָקטאָבער 14, 1939) שרייבט: „אין קורצן איז דער גרונט־געדאַנק אַזאַ: שוין ביי דעם איצטיקן צושטאַנד פון פּראָדוציר־מיטלען און מיט דער געהעריקער פאָרם פון דעם פּראָדוציר־פּראָצעס קען יעדער מענש מיט אַ פיר־פינף יאָר אַרבעט פּראָדוצירן אַלץ וואָס דער מענש דאַרף צו באַפרידיקן זיינע הצטרכות'ן אין שפּייז, קליידונג, וואוינונג, געזונט און מיטעלער בילדונג. און דאָס — פאַר זיין גאַנצן לעבן, פון געבוירן אָן ביז צום טויט".

דר. זשיטלאָווסקי זאָגט אָבער ניט וויפיל שעה אַ טאָג מ'דאַרף אַרבעטן. איך נעם אָן, אַז ער מיינט געוויס ניט מער פון 7 שעה אַ טאָג. זאָל זיין זיבן שעה אַ טאָג, כדי אויסצור־

גלייכן זיין אָפּשאַצונג מיט דעם חשבון פון קראַפּאָטקין און אַטלאַנטיקוסן. פינף יאָר אַרבעט צו זיבן שעה אַ טאָג גלייכט זיך אויס אומגעפער מיט קראַפּאָטקינס און אַטלאַנטיקוס׳ צען־צוועלף יאָר צו דריי־פיר שעה אַ טאָג.

איז הלואי וואָלט עס אמת געווען. אָבער אַזוי ווי איך בין געניגט צו אַפּיקורסות, און וויסנדיק אַז פון „וכך היה אומר״ ביז „וכך היה מונה״ פאַלט מען עטלאכע מאָל כורעים, דענק איך, אַז פון אויסרעכענען אויף פּאַפּיר ביז פאַרווירקלאכן אין לעבן איז דאָ אַ היפּשער אונטערשייד. דאָך בין איך מוכן ומזומן צו אַרבעטן מער מיט אַ שעה אַ טאָג און אַ פּאָר יאָר מער דינען דער געזעלשאַפט, אַבי לאָמיך שוין זען די „מזומנים״; לאָמיך וויסן מיט וועלכע מיטלען און מעטאָדן מיר וועלן אריין אין גן־עדן — מיט די מיטלען און וועגן פון צענטראַלי־זאַציע, אָדער מיט די מיטלען און וועגן פון דעצענטראַלי־זאַציע? מיט די וועגן פון קאָלעקטיוויזאַטאָרישער שקלאַפעריי, אָדער מיט דעמאָקראַטיע און פרייהייט? אַט וועגן דעם איז דאָך די גאַנצע מחלוקת.

איז „לדידי״, נאָך מיין מיינונג, אויב מען מוז אָנקומען אין גן־עדן דורך די וועגן פון צענטראַליסטישן קאָלעקטיוויזם, ווי אין סטאַלינס רוסלאַנד, — איז אויב אַפילו מ׳זאָל מיך פאַרזאָרגן מיט אַ פולער שיסל קאַשע מיט אַ סך חזיר־שמאַלץ דאָס גאנצע לעבן מיינס, אָבער אָן פרייהייט צו אויסדריקן מיינע געדאַנקען בעל־פה און בכתב, אָן דער פרייהייט זיך צו פאַרזאַמלען מיט מיינע מיטמענשן צו באַטראַכטען אונזערע איינ־

טערעסן און עסקים — ווייל איך ניט אַזאַ „סאָציאַליזם". עס איז ניט קיין סאָציאַליזם, עס איז אַ חזיר־שטאַל! און ווען אַפילו די צוקינפטיקע דורות, וועלכע וועלן ניט וויסן פון קיין אַנדער פאָרם פון מענשלאַכן צוזאַמענלעבן און וועלן זיך פילן „גליקלאַך" אונטער אַ סטאַלין־רעזשים, אויך דאַן וועלן זיך געפינען מענשן מיט אַ געפיל פאַר פרייהייט און זעלבסט־ווירדע, וואָס וועלן אויסשרייען: אומגליקלאַך איז דער שקלאַף, וואָס ווייס ניט אַז ער איז אַ שקלאַף!

הייליק איז בלויז דער מענש

געשיכטע שטייט ניט אויף איין אָרט. צייטן בייטן זיך, אומשטענדן ענדערן זיך, און מיט זיי ענדערן זיך אויך די מענשלאַכע באַגריפן פון אמת, רעכט, הייליגקייט, שיין, מיאוס און אַזוי ווייטער.

ניטאָ קיין אייביקע אמת'ן; ניטאָ קיין פולקאָמע רעכט; ניטאָ קיין הייליקע הייליגקייטן. וואָס אַמאָל איז געווען אמת, רעכט און הייליק — איז היינט שקר, אומרעכט, אומווירדיק.

סאָקראַטעס און פּלאַטאָן האָבן געגלויבט, אַז אָן שקלאַפן קען ניט עקזיסטירן קיין מענשלאַכע געזעלשאַפט. היינט גלויבן מיר פונקט פאַרקערט: אַ געזעלשאַפט געבויט אויף שקלאַ־פעריי איז אוממענשלאַך. דאָס זעלבע וועט אין אַ צייט ארום פּאַסירן מיט אונזערע אמת'ן, רעכטן און הייליגקייטן. און אַפילו איצט, אין אונזער צייט, זיינען ניט אַלע מענשן מסכים מיט אונזערע סאָציאַליסטישע אמת'ן און הייליגקייטן.

פאַרשיידענע מענשן אין פאַרשיידענע צייטן, און אַפילו אין דער זעלבער צייט, ווענדן אָן פאַרשיידענע מיטלען. אָבער דער וואָס באַרויבט דעם מענשן פון זיין פרייהייט אוןווירדע, דער פאַרשוועכט דאָס איינציקע וואָס איז הייליק אויף אַלע צייטן און אונטער אַלע אומשטענדן!

הייליק איז בלויז דער מענטש אויף אַלע אייביקייט! **דאָס** איז כל התורה כולה. דאָס איז דער איינציקער גרונט־יסוד, דער עיקר פון אַלע עיקרים. דאָס איבעריקע איז נאָר אַ פּירוש, אַ מיטל, אַ וועג צו דערגרייכן דעם ציל. אָבער די מיטלען, די וועגן מוזן זיין אין איינקלאַנג מיט דעם גייסט פונם ציל.

אַז מ׳וויל צופּיל . . .

מען פאַרגלייכט געוויינלאַך דעם איצטיקן סאָציאַלן בנין צו אַ חרוב׳ער הויז אָדער צו אַן אַלטן, צעריסענעם מלבוש. און אַזוי ווי פון אַ חורבה קען ניט ווערן אַ נייער בנין, וויפיל מ׳זאָל ניט פאַרריכטן דעם רינענדיקן דאַך און די איינגעבויגענע ווענט; און אַזוי ווי פון אַן אַלטער, צעריסענער קאַפּאָטע וועט ניט ווערן קיין נייער בגד, וויפיל לאַטעס מ׳זאָל ניט לייגן אויף איר, — אַזוי אויך קען מען ניט אויפבויען אַ נייעם סאָציאַלן בנין מיט רעפאָרמעס.

מען וויל מיט דעם זאָגן: אַפריער מוז מען פאַרניכטן דעם היינטיקן, אַלטן, צעפוילטן סאָציאַלן בנין — פאַרשטייט זיך, דורך אַ רעוואָלוציע — כדי מ׳זאָל קענען אויפבויען אויף דעם זעלבן אָרט אַ נייעם, אַ בעסערן און אַ שענערן סאָציאַלן בנין.

לויט מיין אָרימען שכל קומט אויס, אַז מ׳קען ניט פאַרגלייכן אַ געזעלשאַפטלאַכע אָרדנונג צו אַ הויז אָדער אַ מלבוש. אַ הויז, אַ מלבוש זיינען גשמיות, זיי פאַרנעמען אַן אָרט אויף דער ערד און אין דער לופט, און עס איז אַן אוממעגלאַכקייט אויפצובויען אַ נייע הויז אָדער אַ נייעם מלבוש אויף דעם זעלבן אָרט, ניט אַראָפּוואַרפנדיק פריער דאָס אַלטע הויז אָדער דעם אַלטן מלבוש.

אבער אַ געזעלשאַפטלאַכע אָרדנונג איז ניט קיין גשמיות, זי פאַרנעמט ניט קיין אָרט אויף דער ערד, און ניט אין דער לופט. עס איז נאָר אַזאַ מין „אָפּמאַך" אין די מענשנס מחות, אַז דער קאַפּיטאַליסט האָט אַ רעכט אויף „זיין אייגנטום" און איז באַרעכטיקט צו דעם פּראָפיט, וואָס ער „פאַרדינט" פון דעם אַרבעטערס פּראַצע. איז כדי צו פאַרבייטן דעם „אָפּ־מאַך" פון פאַלשע, שעדלאַכע געדאַנקען אין די מענשנס מוחות אויף אַן אַנדער „אָפּמאַך" מיט גערעכטע און יושר'דיקע אידייען, — קען מען ניט אַרויסוואַרפן די פאַלשע אידייען פון די מענשנס מוחות מיט אַמאָל, אַזוי ווי מען וואַרפט אַראָפּ אַן אַלטן בנין, נאָר ביסלאַכווייז מוז מען אַריינשטעלן אין די מוחות נייע געדאַנקען, נייע אידייען, מער יושר'דיקע, מער נוצלאַכע פאַר די אייגנטימער פון די מוחות, ביז די נייע אידייען ווערן פאַרוואָרצלט אין די מוחות און ווערן איינגעזאַפּט אין פלייש און אין בלוט פון די גרויסע מאַסן מענשן. און אַזוי אַרום שטופּן די נייע אידייען אַרויס די אַלטע, אָפּגעלעבטע אידייען, און דער גאַנצער סדר־העולם קען געענדערט ווערן ביסלאַכ־ווייז, אַן בלוט־פאַרגיסונג.

עס דוכט זיך מיר, אַז דער מאָרגן איז פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיטן היינט מיט טויזנטער פעדים; אַז אין דעם היינט ליגן שוין די קערנדלאַך פון דעם מאָרגן.

עס דוכט זיך מיר, אַז די געשיכטע מאַכט ניט קיין גרויסע שפּרונגען און קערט ניט איבער דעם סדר־העולם מיט אַמאָל. דאָס אַלטע גייט אונטער ביסלאַכווייז און דאָס נייע פאַרנעמט

איר אָרט גאַנץ לאַנגזאַם. מענשן זיינען קאָנסערוואַטיוו, עס מוז נעמען צייט ביז זיי לעבן זיך איין מיט נייע געדאַנקען, און די אינטעליגענציע, די רעוואָלוציאָנערן, וועלכע ווייסן פיליכט בעסער וואָס די מאַסן דאַרפן וועלן, קענען אָבער ניט מאַכן די מאַסן שוין באַלד דאָס צו וועלן.

די קאַפּיטאַליסטישע פּראָפיט־סיסטעם איז אַ רינגעלע פון אַ לאַנגער קייט פון סבות און גלגולים פון מקח וממכר, פון משא ומתן, פון קויף־ און פאַרקויף, פון האַנדל, וואָס מענשן האָבן פּראַקטיצירט טויזנטער יאָרן, ווען אַפילו אין אַ סך אַ קלענערער מאָס לגבי איצטיקן פאַרנעם.

ניט אין אַ יאָר און ניט אין צענדליקער יאָרן ווערט איבערגעבויט אַ געזעלשאַפטלאַכע אָרדענונג. מיר ווייסן ניט פון קיין שפּרונגען אין דער געשיכטע פון מענשלאַכער אַנט־וויקלונג, וואָס זאָל ברענגען מער גליק דעם מענשן. די קאַ־פּיטאַליסטישע אָרדענונג, וואָס האָט פאַרנומען דעם אָרט פון דער פעאָדאַלער אָרדנונג, האָט געלעבט און לעבט איצט אויך זייט ביי זייט מיט דעם פעאָדאַליזם לאַנגע יאָרן.

און אויב דער סאָציאַלער בנין איז אַ מענשלאַכע סטרוק־טור, באַשאַפן פון מענשלאַכע ווילנס און איינזעעניש, ווי די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן דענקען, פרעגט זיך: וואָרום זאָלן מענשן מיט שטאַרקע ווילנס און איינזעענישן ניט צונויפ־ריידן זיך און דערנענטערן דעם קץ, אַראָפּשלעפּן דעם „ענדציל" אין אונזערע טעג? וואָרום ניט זיין קאָנזעקווענט און אָננעמען די מעטאָדן פון די באָלשעוויקעס־קאָמוניסטן?

דער תירוץ איז, אַז כדי צו מאַכן די מענשן זאָלן איינזען און וועלן אַן אַנדער אָרדענונג, מוז מען ענדערן די פסיכאָ־לאָגיע פון די מאַסן; און כדי צו ענדערן די פסיכאָלאָגיע פון די מאַסן, — מוז מען זיי אויפקלערן, בילדן. אָבער דאָס גע־דויערט אַ לאַנגע צייט, אפשר הונדערטער יאָרן, און דאָס קען נאָר מיינען איינס — רעפאָרמיזם.

איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז כדי דורכצופירן אַ וויכטיקע רעפאָרם, וועט מען מוזן געברויכן גוואַלד, אויב די קאַפּיטאַ־ליסטן וועלן, ווי זייער שטייגער איז, באַנוצן מיליטער קעגן אַרבעטער און פויערים, — דאַן וועט דער רעפאָרמיסט אַליין פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פייערדיקן רעוואָלוציאָנער; ער וועט קעמפן און אָפּגעבן מיט פרייד זיין לעבן פאַר פרייהייט און גערעכטיגקייט. אָבער קינסטלאַך ארויסרופן רעוואָלוציעס פאַר דער צייט, — דאָס טאָר מען ניט.

מען וועט זאָגן: אָט איז אַ לעבעדיקער ביישפּיל, וואו מיט איין מאָל האָט מען אָפּגעווישט פון דער ערד די גאַנצע קאַפּיטאַליסטיש־פעאָדאַלע סיסטעם און באַשאַפן דורך שטאַרקע ווילנס אַ נייע אָרדענונג געבויט אויף סאָציאַליסטישע יסודות פון גלייכהייט און ברידערלאַכקייט, און אויף להבא אויך אַ צוזאָג פון פרייהייט, — דאָס איז רוסלאַנד.

איז דער ענטפער: אָט זעט איר דאָך, וואָס פאַר אַ „גלייכהייט", וואָס פאַר אַ „ברידערלאַכקייט" דאָרט איז גע־שאַפן געוואָרן. אָט זעט איר דאָך די גליקן, וואָס דאָס רוסישע פאָלק האָט באַקומען פאַר זיינע מיליאָנען מענשלאַכע קרבנות

אויף דעם מזבח פון די שטאַרקע ווילנס. נאָך 22 יאָר רעוואָ־לוציע: שפּייז פון דעם ערגסטן סאָרט; פּאָר אַ מלבוש אָדער אַ פּאָר שיך — אויך פון דעם ערגסטן סאָרט — מוז מען באַצאָלן מיט די שכירות פון אַ גאַנצן חודש; דער רוסישער אַרבעטער און פּויער איז אַלעמאָל האַלב־הונגעריק און די קליידער אַ לאַטע אויף אַ לאַטע; שכירות באַקומען זיי — וויפיל נאַטשאַלסטוואָ גיט; אַרבעטס־שטונדן אַרבעטן זיי — וויפיל מען באַפעלט; ריידן? — האַלט דאָס מויל! דענקען? — פאַרבאָטן! אָט דאָס איז דערווייל דער „סאָציאַליזם“, וואָס די באָלשעוויקעס מיט זייערע שטאַרקע ווילנס — און נאָך שטאַרקערע הענט — האָבן אויפגעבויט.

אָט דאָס זיינען די רעזולטאַטן פון די שטאַרקע ווילנס, ווען מען געברויכט זיי פאַר דער צייט, איידער די גרויסע מאַסן זיינען רייף איינצוזען און פאַרשטיין דאָס, וואָס עס איז גוט פאַר זיי!

ווען — האָבן די באָלשעוויקעס טאַקע געוואָלט בויען קאָמוניזם־סאָציאַליזם. אָבער פון וואַנען האָבן זיי געוואָלט וויסן, אַז עס וועט זיך גאָר אויפבויען ... שקלאַפעריי? ניין, די באָלשעוויקעס אַליין האָבן פריער ניט געוואוסט און וויסן איצט אויך ניט וואוהין זיי גייען.

און לערנען דערפון דאַרפן מיר, אַז ...

ווען מ'וויל צופיל — האָט מען גאָרניט..

ווען און ווי אַזוי ?

מיר לעבן איצט אין אַ צייט, אין וועלכער דאָס אַלטע איינגעפּעסטיקטע ברעכט זיך און, ווי עס שיינט, וועט עס צעפאַלן און פאַרשווינדן אין דער אייביגקייט ; אין אַ צייט, ווען אַלטע ווערטן, אַלטע הייליגקייטן ווערן רעווידירט און איבערגעשאַצט ; אין אַ צייט, ווען דער מענש הערט אויף צו פאַנטאַזירן און קען זיך מער ניט צופרידן שטעלן מיט אילוזיעס, מיט אַ גלויבן אין אַ גן־עדן אויף דער וועלט.

עס קומט אַ צייט, — מיר זעען זי בפּועל ממש, — ווען דער מענש הויבט אָן צו דענקען און צו זוכן עטוואָס רעאַלעס, עטוואָס ווירקלאַכעס, עטוואָס וואָס זאָל אים באַפרידיקן שוין־באַלד. דער מענש וויל ניט מער קיין גלויבן, קיין צוזאָג אויף להבא — ער וויל וויסן, וואָס ער קען באַקומען ממשות׳דיקעס היינט, איצט.

אָבער וואָס טוען אונזערע פירער, אונזערע לערער, אונזערע גדולי־הדור ? וואָס איז זייער באַציאונג צו דעם איבערבוי, וואָס גייט אָן פאַר אונזערע אויגן ? וואָס איז זייער שטעלונג צו די נויטן, וואָס מענשן לעבן איבער, און ווי אַזוי ווילן זיי זיי העלפן ?

אויף אַלע נויטן, אויף אַלע חבלי־משיח, וואָס מענשן לײדן, האָבן אונזערע „פירער״ איין ענטפער. דאָס איז דער אַלטער אני־מאמין — אָפּשאַפן דעם קאַפּיטאַליזם און איינפירן דעם סאָציאַליזם־קאָמוניזם.

און אַז מען פרעגט : ווי לאַנג דאַרפן מיר וואַרטן אויף

אַט דער צייט ? איז דער ענטפער : „אל תדחק את הקץ" — מען קען ניט נעמען מיט געוואַלט. מיר זיינען נאָר די הויב־אַם, און אַז די גוטע שעה וועט קומען, וועלן מיר זען צו פאַרגריג־גערן די וויטיקן, און פאַר אייער צער וועט איר באַקומען גוטן געצאָלט. דערוויל, אָבער, דאַרף מען האָבן געדולד — אָן חבלי־משיח קען משיח ניט קומען.

דאָס איז איין שיטה.

אַ צווייטע שיטה איז : לאָמיר איינפירן סאָוועטן ; לאָמיר עקספּראָפּריאירן אַלע רייכטימער פונם לאַנד און איינפירן דעם קאָמוניזם. מיר זעען דאָך די גליקן, וואָס נ. ר. א. האָט אונז געבראַכט. סיי די נ. ר. א. און סיי די יוניאָנס ווילן נאָר לייגן „לאַטעס" אויף דער אַלטער סיסטעם, און „לאַטעס" איז פאַר־ראַט, איז קאָנטער־רעוואָלוציע ; דערמיט העלפט מען נאָר אויפ־האַלטן דעם קאַפּיטאַליזם.

אַט האָבען מיר, צום ביישפּיל, די פּראָבלעם פון דיסקרימי־נאַציע קעגן אידן, פון אַנטיסעמיטיזם. ווילן אידן צוזאַמענ־רופן אַ אידישן קאָנגרעס אין אַמעריקע, און שפּעטער אַ אידישן וועלט־קאָנגרעס, צו באַראַטן זיך, ווי און וואָס צו טאָן קעגן דעם אומרעכט, וואָס ווערט קעגן אונז אידן באַגאַנגען. מען וויל, אַז דער וועלט־קאָנגרעס זאָל זיין אַ שטענדיקער ; ער זאָל זיין אויף דער וואַך און פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון אַלע אידן, פון אַלע ריכטונגען אין דעם אידישן פאָלק — אַרבעטער אַזוי גוט ווי ניט־אַרבעטער, גלויביקע ווי ניט־גלויביקע, סאָציאַליסטן ווי בורזשויען. איז, דאַכט זיך, נאָכן שכל

הישר, נאָך מענשלאכקייט און גערעכטיגקייט וואָלטן דאָך אַלע מינים אידן געדאַרפט איינשטימען דערצו מיטן גאַנצן האַרצן און ענערגיש זיך נעמען פאַרווירקלאכן דעם דאָזיקן געדאַנק. איז אָבער ניין און ניין. מיר זיינען דאָך עפּעס אַנאַרכיסטן, סאָציאַליסטן א. א. וו. — מוזן מיר זיך האַלטן פאַר אונזער איין־און־איינציקן אידעאַל: אָפּשאַפן דעם קאַפּיטאַליזם. ווען דער קאַפּיטאַליזם וועט אָפּגעשאַפט ווערן, וועט דאָך דאָס אידישע פאָלק ממילא באפרייט ווערן צוגלייך מיט אַלע פעלקער פון אַלע צרות, וואָס דער קאַפּיטאַליזם ברענגט אויף אַלע מענשן. דעריבער טאָרן מיר דערווייל ניט גיין צוזאַמען מיט כל ישראל, ווען אַפילו די אַרבעט איז אַ נויטיקע, אַ גוטע, אַ גערעכטע. מיר קענען ניט זיצן, הייסט עס, ביי איין טיש מיט בור־זשויען, אַפילו ניט מיטן אָרימען מיטלקלאַס, — וואָרים זיי אַלע זיינען דאָך, כידוע, דורכגעדרונגען מיט דער בורזשואַזער פּסיכאָלאָגיע, וואָס איז אין קעגנזאַץ צו אונזער פּראָלעטאַרישער פּסיכאָלאָגיע. וואָרים — „אַז מיר וועלן געבן דעם שטן אַ פינגער, וועט ער די גאַנצע האַנט אריינכאַפּן"...

אַפּנים, אַז די סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן זיינען פון יענעם סאָרט מענשן, וואָס מאַכן פון זייער אידעאַל אַ געטשקע, וואָס צוליב אים פאַרגעסן זיי דעם עיקר פון אַלע עיקרים, דעם עיקר צוליב וועלכן דער אידעאַל איז באַשאַפן — דעם מענשן.

מיט דער זעלבער לאָגיק האָט אַ געוויסער אַנאַרכיסט זיך איינגעשטעלט פאַר דעם, אַז מען זאָל געבן די נאַציס די

פולע פרייהייט . . . צו פאַרניכטן די פרייהייט. אונטער „פריי־הייט" פאַרשטייט ער, אַ פּנים, די אַבסאָלוטע פרייהייט, וואָס ווייס ניט פון קיין שום גרעניץ, — אָבער ניט די אמת'ע פריי־הייט, וואָס איר ציל איז צו געבן דעם מענשן וואָס מער גליק.

אַזאַ סאָרט טראַכטן, אין טערמינען פון דעם אַבסאָלוט, איז געוואָרן העכסט שעדלאַך — פאַרן וואוילזיין פון די מאַסן. מיר טאָרן זיך ווייטער ניט האַלטן ביי די אַבסטראַקטע פּרינ־ציפּן פון סאָציאַליזם, וועלכע מיר קענען ניט פּראַקטיצירן. מיר דאַרפן דעם סאָציאַליזם ענדערן, צופּאַסן אים צו די נייע אומשטענדן, צו די נייע באַגריפן, צו די נייע דערפאַרונגען. מיר מוזן זיך צוריקקערן צו דעם אייביקן אמת — אַז דער מענש איז ניט באַשאַפן געוואָרן פאַר דעם אידעאַל, נאָר דער אידעאַל איז געשאַפן געוואָרן פאַר דעם מענשן.

און אויב מענשן קומען און זאָגן אונז, אַז נאָר דער אַנאַר־כיזם אָדער דער סאָציאַליזם איז די איינציקע רפואה צו אַלע צרות, סיי גייסטיקע, סיי מאַטעריעלע, — ליגט אויף די דאָ־זיקע מענשן דער חוב אונז צו באַווייזן: ווען קען דער סאָציאַ־ליזם פאַרווירקלאַכט ווערן? ווי לאַנג דאַרפן מיר וואַרטן ביז די גאולה שלימה וועט קומען? און ווי אַזוי, מיט וועלכע מיט־לען קען דער סאָציאַליזם פאַרווירקלאַכט ווערן?

אויף די גלויביקע, אויף די פרומע וואָס ווילן ניט אַנ־דערש ווי דעם גאַנצן סאָציאַליזם מיט אַמאָל, ליגט דער חוב צו באַווייזן אונז קלאָר דעם וועג, ווי אַזוי מיקען דעם סאָציאַליזם אין דער נאָענטער צוקונפט פאַרווירקלאַכן.

איך פערזענלאך גלויב ניט, אַז וועלכער עס איז מענש קען פאָראויסזען די צוקונפט. איך בין איבערצייגט, אַז עס איז נאָך ניט געבוירן געוואָרן דער מענש, וואָס זאָל קענען זען קלאָר די צוקונפט. עס איז ניט פאַר זיינע כחות. אָבער יענע גלויביגע, יענע פרומע, וואָס מיינען אַז זיי זעען יאָ די צוקונפט — צו זיי זאָג איך: גיט אונז אויך צו פאַרשטיין די זאַך! מאַכט אונז אויך זען דאָס, וואָס איר זעט. ווי אַזוי דערוואַרט איר אַראָפּצוברענגען דעם סאָציאַליזם אויף דער וועלט?

אויב, אָבער, עס איז ניטאָ קיין באַלדיקע מעגלאכקייט און קיין קלאָרער וועג צו פאַרווירקלאכן דעם סאָציאַליזם אין אונזערע טעג, — דעמאָלט איז עס אַ ברכה לבטלה, אַן אומזיסטע אַרבעט און אַ פאַרשווענדונג פון צייט צו אַגיטירן צו די מאַסן אידייען, וואָס האָבן ניט און קענען ניט האָבן קיין פּראַקטישע באַדייטונג אין זייער טאָג־טעגלאכן לעבן.

אמת, דער אידעאַל איז ביי אַלע סאָציאַליסטן איין־און־דערזעלבער. סאָציאַליסטן פון אַלע ריכטונגען זיינען מסכים, אַז דער סאָציאַליזם שטעלט זיך, לפּחות אין דער טעאָריע, צוויי צילן: ראשית כל, צו פאַרזיכערן אַלע מענשן מיט זייער חיונה, מיט די נויטיקע מיטלען צו דערהאַלטן זיי ביים לעבן; און, צווייטנס, צו פאַרזאָרגן זיי אויך מיט פרייהייט. אָבער ווען עס קומט צו דעם אופן, ווי אַזוי מען קען די דאָזיקע ווינשנסווערטע צילן דערגרייכן, דאָ גייען זיך שוין די פאַרשיידענע סאָציאַליסטישע ריכטונגען פאַנאַנדער. און עס גע־

פינען זיך אויך אַפּיקורסים, וואָס וואָגן איינגאַנצן צו צווייפלען, צי מען וועט די דאָזיקע צילן ווען־עס־איז קענען דערגרייכן.

איז, ווי־באַלד, דער וועג ווי אַזוי אריינצופירן אין לעבן דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל איז ניט קלאָר פאַר דעם פּראָסטן פאָלק, און אויך ניט פאַר דער אינטעליגענץ, — וואָלט אפשר געווען אַ פּלאַן אָנצוהויבן איינפירן דעם סאָציאַליזם אויפ׳ן „אינסטאַלמענט פּלאַן" — דורך רעפאָרמען, וואָס אַלע מענשן קענען פאַרשטיין און קלאָר זען די מעגלאכקייט זיי צו פאַר־ווירקלאכן באַלד, אין אונזערע טעג?

זאָל דער סאָציאַליזם פאַר אונז לייכטן ווי אַ שטערן, ווי אַן עמוד האש, וואָס זאָל ווייזן דעם וועג, די ריכטונג אין וועל־כער מיר זאָלן גיין. און אויב דער „שטערן" איז ניט קיין אויסגעלאָשענער, און זיין ליכט איז ניט אַ שיין פון אַ שוין פאַרשוואונדענעם שטערן, נאָר טאַקע אַן אמת׳ער לייכטנדער שטערן, — דעמאָלט וועלן מיר, גייענדיק פּאַמעלאך, לאַנגזאַם אָבער זיכער, סוף־כל־סוף דאָך קומען צום שטערן. אויב אָבער, חס ושלום, דער שטערן איז אַן אויסגעלאָשענער, דער אידעאַל נאָר אַ פאַנטאַזיע, אַן אילוזיע פון אונזער וואונש, און דער וועג איז אַ פאַלשער, — דעמאָלט האָבן מיר דאָך גאָר ניט אָנגעוואָרן. דאָס ביסעלע געווינס, וואָס מיר האָבן געוואונען דורך אונזער פּאַמעלאכדיקן גאַנג, וועט בלייבן ביי אונז, און מיר וועלן ווייטער קענען שטרעבן צו פאַרבעסערן און פאַר־גרעסערן דאָס גליק פון דעם מענשן.

לאָמיר רעפאָרמירן דעם סאָציאַליזם!

זאָל עס גלייך פון אָנהויב געזאָגט ווערן, אַז איך האָב פיינט די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם, אַזוי ווי מען האָט פיינט, למשל, די קראנקהייט וואָס רופט זיך „קענסער".

די קראַנקהייט און די רפואה

דער קאַפּיטאַליזם איז אַ קענסער אין דעם געזעלשאַפט־לאכן קערפּער. ער זויגט אויס דאָס בלוט און דעם מאַרך פון די אַרבעטנדע מאַסן, ביז זיי בלייבן אָן כחות און שטאַרבן אויס פאַר דער צייט, ניט האָבנדיק געהאַט קיין ברעקל הנאה אין זייער קורצן לעבן.

איך זאָג עס כדי עס זאָל זיך ניט פאַר'גנב'ענען ביי אימיצן אַ חשד, אַז איך בין אַן אָנהענגער פון דעם קאַפּיטאַליזם און סימפּאַטיזיר מיט זיינע מעטאָדן.

פון פיינט האָבן אַ געוויסע קראַנקהייט ביז געפינען אַ רפואה קעגן דער דאָזיקער קראַנקהייט, איז אָבער פאַראַן אַ ווייטער מהלך. טאַקע די קענסער־קראַנקהייט איז אַ גוטער מוסטער פון אַ קרענק, צו וועלכער עס איז קיין רפואה ניטאָ.

איבערצייגטע סאָציאַליסטן זאָגן אונז, אַז זיי האָבן אַ רפואה פאַר דעם קאַפּיטאַליסטישן קענסער; די רפואה רופט מען . . . סאָציאַליזם.

האָבן מיר טאַקע געהערט פון אַזאַ רפואה מיט אַזאַ נאָמען. אָבער מיר ווייסן ניט ווי אַזוי זי איינצונעמען — וויפיל טראָפּן אויף אַמאָל, אין אַ לעפל וואַסער אָדער אָן וואַסער, וויפיל מאָל אין טאָג, פאַרן עסן אָדער נאָכן עסן א. א. וו.?

און נאָך עפּעס: פון דער רפואה מיטן נאָמען סאָציאַליזם הערן מיר שוין אַ קימאַ־לן פון אַ יאָר הונדערט — און עפּעס הערט מען ניט, אַז די רפואה זאָל אימיצן האָבן געהאָלפן.

וואָס טוען דאָקטוירים אין אַזעלכע אומשטענדן? אויב זיי קענען ניט געפינען קיין רפואה שלימה קעגן אַ געוויסער קראַנק־הייט, זוכן זיי כאָטש מיטלען ווי אַזוי צו פאַרלייכטערן די שמערצן פון דעם אומגליקלאכן פּאַציענט. אַזוי טוען, למשל, דאָקטוירים מיט קענסער־ליידנדע.

איז אפשר וואָלט געווען אַ פּלאַן, אַז ביז וואַנען מ'וועט אויסגעפינען אַן אמת'ע רפואה צו דעם קאַפּיטאַליסטישן קענ־סער, זאָל מען דערוויל כאָטש זען פאַרגרינגערן די ליידן, וואָס אָט דער קענסער פאַרשאַפט דעם אַרבעטער?

די רפואה איז ערגער פון דער מכה

דער סאָציאַליסטישער עקספּערימענט אין רוסלאַנד צווינגט אונז צו פאַרטראַכטן זיך, אַז אפשר איז די סאָציאַליסטישע רפואה נאָך ערגער פון דער קאַפּיטאַליסטישער מכה.

די איבער צוואַנציק יאָר „סאָציאַליזם" אין סאָוועטן־פאַר־באַנד גיט אונז אַ שטיקעל באַגריף, וואָס מיר קענען דערוואַרטן אין אַ סאָציאַליסטיש־קאָלעקטיוויסטישער אָרדענונג.

מיר זעען, אַז די איינפירונג פון קאָלעקטיוויזם האָט ניט געבראַכט קיין פּראָגרעס, נאָר, פאַרקערט — רעגרעס, צוריק־טריט, אַ פאַרערגערונג אין דער מאַטעריעלער לאַגע פון די פאָלקס־מאַסן. די באַפעלקערונג איז שרעקלאַך פאַראָרימט און איר לעבנס־סטאַנדאַרד איז אין פילע הינזיכטן נאָך נידעריקער ווי פאַר דער רעוואָלוציע. די פּויערים, וועלכע שטעלן פאַר 80 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג, זיינען בוכשטעבלאַך רואי־נירט געוואָרן, האָבן ניט קיין קלייד, קיין שוך.

דער אונטערשייד צווישן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און די קאַפּיטאַליסטישע לענדער באַשטייט פאַקטיש נאָר אין דעם, וואָס עס האָט זיך געביטן דער קלאַס, וואָס לעבט אויפן קאַרק פון די האַרעפּאַשנע פאָלקס־מאַסן. בעת אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער באַלאַנגט דער פּראָפיט צו פּריוואַטע מענשען, באַ־לאַנגט דער פּראָפיט אין רוסלאַנד צום שטאַט, צו דער רעגירונג. דער סיסטעם, אָבער, פון פּראָפיט, פון עקספּלואַטאַציע פון די אַרבעטער און די פּויערים איז דער זעלבער ווי אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

דאָס איז די מאַטעריעלע לאַגע. די גייסטיגע לאַגע איז נאָך ערגער.

ניטאָ אין סאָוועטן־פאַרבאַנד קיין סימן פון פרייהייט צו רעדן, שרייבן, אויסדריקן אַ געדאַנק, אַ געפיל; ניטאָ קיין סימן פון דעם רעכט צו זאָגן אַ דעה אין דער פאַרוואַלטונג פון דעם פּראָדוקציע־פּראָצעס און פון דער פאַרטיילונג פון די פּראָדוקטן, וואָס ווערן געשאַפן מיט דעם שוויס און בלוט פון

די אַרבעטער און פויערים. ניטאָ אויך קיין פּערזענלאַכע איני־ציאַטיווע אונטער דעם דיקטאַטאָרישן סאָוועטן־רעזשים.

אין אַ געזעלשאַפט, וואו אַלץ, אַבסאָלוט אַלץ געהערט צו דער רעגירונג, זיינען ניט מעגלאַך קיין פרייהייט און קיין דעה פאַר דעם אַרבעטער אָדער פויער. אַ מלוכה קען ניט דער־לויבן, אַז מען זאָל קעגן איר סטרייקן — דאָס איז פאַרראַט.

איז קלאָר וואָרום אונטער אַזעלכע באַדינגונגען ווערט ביי דעם אַרבעטער און פויער אָפּגעשוואַכט דער ווילן, די ענערגיע צו אַרבעטן אינטענסיוו, צו פאַרגרעסערן די פּראָדוקטיוויטעט. וויסנדיק אַז ער, דער אַרבעטער אָדער פויער, וועט גאָרניט, אָדער כמעט גאָרניט, געניסן פון דער פאַרגרעסערטער פּראָ־דוקטיוויטעט, איז קיין וואונדער ניט פאַרוואָס די קאָלעקטיוויס־טישע סיסטעם איז אַזאַ דורכפאַל.

דער סאָציאַליסטישער עקספּערימענט אין רוסלאַנד שטעלט אונטער אַ פראַגע־צייכן דעם גאַנצן סאָציאַליסטישן אידעאַל. דער עקספּערימענט פון איבער צוואַנציק יאָר סאָציאַליזם אין רוסלאַנד קען ניט פאַרפעלן ארויסצורופן ספקות בנוגע סאָ־ציאַליזם כבלל.

אַלטע פראַגן מאָנען אַ נייעם ענטפער:

זיינען מענשן טאַקע מסוגל צו לעבן קאָמוניסטיש, אין גרויסע קאָלעקטיוון, אַזוי ווי אין סאָוועט־רוסלאַנד?

אפשר קען דער מענש אינגאַנצן ניט לעבן אין אַ קאָלעק־טיווער געזעלשאַפט, וואו עס פעלט דער אַנטרייבנדיקער מאָ־מענט פון פּערזענלאַכער איניציאַטיווע?

און אויב ער מוז דווקא לעבן קאָלעקטיוויסטיש, איז אפשר גלייכער אַז מענשן זאָלן לעבען אין קליינע, פרייע, אויטאָנאָמע קאָמונעס, ווי די אַנאַרכיסטן גלויבן, וואו דער פּערזענלאכער אינטערעס אין דעם וואָס ווערט געשאַפן, און די פּערזענלאכע איניציאַטיווע אַלס פּועל יוצא פון דעם, פאַרלירט ניט פולשטענדיק איר אַנטרייב־קראַפט צוצוגעבן מער חשק, מער אימפּעט צו דער אַרבעט?

געוויס, אַזעלכע געדאַנקען זיינען סאָציאַליסטישער טריף־פסול. אָבער וואָס קען מען טאָן דערצו? מיט אונטערדריקן די דאָזיקע ספקות גיט מען נאָך ניט קיין ענטפער אויף זיי. פּשוט: די טרויעריקע דערפאַרונג אין רוסלאַנד האָט ווידער אָוועקגעשטעלט אויפן טאָג־אָרדנונג די פראַגע פון אַלע פראַגן, די פראַגע וועגן דער מענשלאכער נאַטור — צי איז דער מענש שוין דערוואַקסן צו לעבן קאָלעקטיוויסטיש?

די פּריוואַטע איניציאַטיווע

געוויס ווייס איך, אַז עס זיינען פאַראַן אַ סך פילאָזאָפן, דענקער, פּאָעטן, קינסטלער, וויסנשאַפטסלייט, דאָקטוירים און אַנדערע אינטעלעקטועלן, וואָס טוען זייער אַרבעט ניט צוליב פּערזענלאכן געווינס, נאָר צוליב דעם אינטערעס וואָס זיי האָבן אין דער באַטרעפנדער אַרבעט, צוליב אַנערקענונג, כבוד א. אַז. וו. אָבער מענשן, וואָס קוקן אויפן לעבן מיט אָפענע אויגן, מוזן צוגעבן, אַז די צאָל פון אַזעלכע מענשן איז אַ נישטיקע; אַז די גרויסע מערהייט, — איך וואָלט געזאָגט, 99 פּראָצענט, —

ווערט אָנגעטריבן הויפּטזעכלאַך דורך דעם מאָמענט פון פּער־זענלאַכן געווינס.

אָנפירנדע מענשן, אויף וועלכן געביט זיי זאָלן ניט זיין טעטיק — אויפן וויסנשאַפטלאַכן, קינסטלערישן, דערפינדערישן אָדער וועלכן ניט איז אַנדערן — קענען נאָך האָבן אַ געוויסן גייסטיקן אינטערעס אין זייער אויפגאַבע, און די האָפענונג צו דערגרייכן עפּעס און צו געווינען אָנערקענונג דערצו, קען נאָך דינען אַלס גוואַלדיקע טרייב־קראַפט. אָבער, איך בעט אייך, וואָס פאַר אַ ליבע צו זיין אַרבעט קען האָבן, למשל, דער קוילן־גרעבער, ווען ער דאַרף ליגן ניין איילן טיף אין דער ערד, אַן זונען־שיין, אַן פרישער לופט? און דער שוסטער, דער שניי־דער, און אַלע אַנדערע אַרבעטער — וועלן זיי, קענען זיי האָבן דעם זעלבן אינטערעס אין זייער אַרבעט ווי דער וויסנשאַפטס־מאַן אָדער קינסטלער אין זייערע געביטן? און אויב איר נעמט פון די דאָזיקע אַרבעטער אַוועק דעם פּערזענלאַכן גע־ווינס, וואָס זשע בלייבט, וואָס זאָל זיי קענען אָנטרייבן צו אַרבעטן פלייסיקער און בעסער?

דאָס זיינען אַלץ פראַגן, אויף וועלכע דער סאָציאַליזם האָט ניט קיין ענטפער. אפשר אַז משיח וועט קומען וועט די מענש־לאַכע נאַטור זיך איבעראַנדערשן. דערווייל אָבער איז דעם מענשנ׳ס נאַטור עגאָאיסטיש, און יעדערער וויל באַקומען באַ־צאָלט טאָקע באַלד, שוין דאָ אויפן אָרט, פאַר זיין אַרבעט — און ווען ער קריגט עס ניט, ליידט דערפון די אַרבעט.

איך קען ניט איינשטימען מיט יענע סאָציאַליסטן, וועלכע

מאַכן אַוועק אונטערן האַנט די פראַגע פון פערזענלאַכער איני־ציאַטיווע אַלס אַן „אַלטן, אויסגעדראָשענעם אַרגומענט”. ניין, מיינע ליבע פריינט, די דאָזיקע פראַגע איז אַ פונדאַמענטאַלע.

בערטראַנד ראַסעל זאָגט אַפילו, אַז מיט די מיטלען פון דער מאָדערנער פּסיכאָלאָגיע קען מען ענדערן די מענשלאַכע נאַטור און אָפּשאַפן דאָס בייזע און דאָס נאַרישע אין דעם מענשן אין איין דור צייט. הגם בערטראַנד ראַסעל איז איינער פון די גרעסטע פילאָזאָפן און וויסנשאַפטס־מענשן פון אונזער צייט, מעג מען פונדעסטוועגן צווייפלען אין דער דאָזיקער באַהויפּטונג זיינער. ניט אַלע געלערנטע זיינען מסכים מיט אים. עס גלויבט זיך ניט, אַז עס זאָל מעגלאַך זיין צו מאַכן פון דער מענש־חיה כמעט אַ מלאך אין איין דור צייט; דאָס איז, אין בעסטן פאַל, אַ גוואַלדיקע גוזמא.

אַז דער מענש ענדערט זיך אין משך פון אַ געוויסער צייט — אין דעם איז קיין ספק ניטאָ. אָבער צי דער מענש וועט זיך ענדערן צום גוטן אָדער צום שלעכטן — דאָס קענען מיר בשום אופן ניט וויסן. יעדנפאַלס, ניט אין איין דור און ניט אין צוויי דורות וועט די מענשלאַכע נאַטור געענדערט ווערן; די דאָזיקע ענדערונג קען פאָרקומען נאָר אין אַ משך פון אַ לאַנגן היסטאָרישן פּראָצעס.

ביז איצט האָט דער וויסנשאַפט זיך איינגעגעבן, ביז אַ געוויסן גראַד, צו באַהערשן די קרעפטן פון דער נאַטור צום נוצן פון דעם מענשן; דעם מענשן אַליין, אָבער, האָט די

וויסנשאפט און די דערציאונג דערוויל נאך כמעט ניט באַ־רירט.

סאָציאַליזם צוליב וואָס?

דעריבער זיינען מיר געצוואונגען נאך אַ מאָל צו שטעלן זיך אַליין די פראַגע:

„סאָציאַליזם — צוליב וואָס?"

מיר דוכט זיך, אַז ביי פילע סאָציאַליסטן איז דער סאָציאַ־ליזם געוואָרן דאָסזעלבע וואָס רעליגיע ביי פרומע אידן: מען דאַווענט, מען זאָגט תהלים — אָבער מען טוט עס פון מצווה־וועגן. גאָט האָט געהייסן פרום זיין — איז מען פרום; און פרום זיין מיינט — פאָלגן גאָטס געבאָט אָן טענות, אָן חקירות און דרישות. אַן אמת'ער פרומער איד טאָר ניט האָבן אין זינען קיין שכר פאַר זיין פרומקייט; דער שכר פון דער מצווה איז די מצווה גופא.

ביי פילע סאָציאַליסטן איז אויך דער סאָציאַליזם געוואָרן אַ מין גאָטעס־דינסט. מען איז אַ סאָציאַליסט, ווייל אַזוי האָבן אונזערע גאונים, אונזערע לערער געהייסן. צו זיין אַ סאָציאַ־ליסט איז אַ כבוד. עס איז שיין צו דאַווענען אין אַ סאָציאַליס־טישן מנין.

מיט אַנדערע ווערטער: דער סאָציאַליזם איז געוואָרן אַ פאָרם אָן אַן אינהאַלט. מען פרעגט ניט: סאָציאַליזם, צוליב וואָס? צוליב וועמען? די כוונה איז פאַרגעסן געוואָרן. אַז דער ציל פון סאָציאַליזם איז צו ברענגען וואָס מער גליק פאַר

יעדן מענשן, און אַז גליק מיינט וואָס מער פרייהייט פאַר דעם יחיד און עקאָנאָמישע זיכערקייט, — דאָס איז כמעט אינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן.

איך זאָג עקאָנאָמישע „זיכערקייט" און ניט עקאָנאָמישע „גלייכקייט", ווי די סאָציאַליסטן־קאָלעקטיוויסטן גלויבן, ווייל גלייכקייט באַגרעניצט די איניציאַטיווע ; ווייל גלייכקייט שוואַכט אָפּ די ענערגיע צו אַרבעטן פלייסיקער ; ווייל גלייכקייט מיינט סטאַדע־מעסיגקייט.

זיכערקייט מיינט, אַז יעדער מענש וואָס וויל און קען אַרבעטן זאָל האָבן די מעגלאכקייט צו אַרבעטן און פאַרזאָרגן זיין פאַמיליע מיט אַלץ וואָס איז נויטיק אויפצוהאַלטן דאָס געזונט, ווי : וואוינונג, קליידונג, שפייז, מעדיצין און אַזוי ווייטער ; מיטעלע בילדונג און פאַרוויילונג.

דאָס איז דער מינימום. ווער עס וויל און קען דערגרייכן מער פון דעם מינימום — זאָל אים וואויל באַקומען, און זאָל דאָס זיין אַ סטימול, אַן אָנטרייבנדע קראַפט פאַר אַלע אַנדערע צו אַרבעטן פלייסיקער און דערגרייכן וואָס מער לוקסוס און פאַרגעניגן.

יעדנפאלס מוז נאָך אַ מאָל פעסטגעשטעלט ווערן דער ציל פון דער מאָדערנער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. דער ציל איז ניט גלייכקייט, נאָר — וואָס מער גליק פאַר אַלע מענשן־קינדער, און אַלץ וואָס העלפט צו דערגרייכן גליק איז אמת'ער סאָציאַליזם.

און אויב ברענגען וואָס מער גליק איז און דאַרף זיין דער

ציל פון אַ סאָציאַליסטישער באַוועגונג, איז שוין פון זיך אַליין קלאָר, אַז דער מאָדערנער סאָציאַליזם דאַרף פאַרוואַרפן דעם רעוואָלוציאָנערן וועג און אָננעמען דעם וועג פון רעפאָרמיזם, פון באַלדיקע פאַרבעסערונגען, שוין באַלד, אין אונזערע טעג.

וואָרים דער בלוטיקער וועג, — די פאַרניכטונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, די אָפּשאַפונג פון דער פּראָפיט־סיסטעם דורך אַ גרינטלאכער סאָציאַלער רעוואָלוציע, אַ־לאַ סאָוועט־רוסלאַנד, — ברענגט דיקטאַטור, אונטערדריקונג, פאַר־אָרימונג, ניט קיין גליק, נאָר אומגליק.

דער פרידלאכער וועג, אָבער, — דער וועג פון פאַר־בעסערען די לאַגע פון די פאָלקס־מאַסען ביסלאכווייז, טריט ביי טריט, דורך רעפאָרמעס מיט דעמאָקראַטישע מיטלען, — איז מער מסוגל צו ברענגען גליק די פאָלקס־מאַסן.

פאַקטיש בלייבט פאַר אונז נאָר איין וועג — ביסלאכוויין, דורך רעפאָרמעס, אריינפירן דעם סאָציאַליזם אין לעבן.

וואָס די רוסישע רעוואָלוציע לערנט אונז

שווער, זייער שווער אָפּצוזאָגן זיך פון די אידייען און אידעאַלן, מיט וועלכע מ'האָט זיך איינגעלעבט פאַר פיל יאָרן און אפשר פאַרן גאַנצן לעבן. אָבער דאָס לעבן אַליין צווינגט זיך צו פאַרטראַכטן וועגן די אַלטע באַליבטע אידעאַלן און צו רעווידירן זיי אין ליכט פון דער דערפאַרונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

די רוסישע רעוואָלוציע האָט אַ שטאַרקן טרייסל געטאָן דעם אידעאָלאָגישן באָדן, אויף וועלכן סאָציאַליסטן זיינען געשטאַנען. פיל פון די אַלטע סאָציאַליסטן זיינען זיך מודה, אַז זיי האָבן פאַרלאָרן דעם באָדן אונטער די פיס.

וואָס קענען מיר לערנען פון דער רוסישער רעוואָלוציע? וואו האַלט עס מיט דעם סאָציאַליזם אין רוסלאַנד איצט — 22 יאָר נאָך דער גרויסער איבערקערעניש? זיינען פאַראַן מעגלאַכקייטן און שאַנסן דעם קאָמוניזם צו פאַרווירקלאַכן אין רוסלאַנד?

מיר דוכט זיך, אַז די רוסישע דערפאַרונג האָט געגעבן זייער אַ קלאָרן ענטפער אויף די געשטעלטע פראַגן, און דער ענטפער איז אַ צווייעדיקער: ערשטנס, אַז אין רוסלאַנד איז ניטאָ קיין מעגלאַכקייט פאַר אַ דערפאָלגרייכער דורכפירונג פון דעם קאָמוניזם; צווייטנס, אַז דער קאָמוניזם קען אין קיין לאַנד ניט ברענגען מער גליק, מער וואוילזיין פאַר די פאָלקס־מאַסן.

קאָמוניזם אין רוסלאַנד

דער וואָס קען דאָס רוסישע פאָלק, ווייס אַז ער איז ניט רייף פאַר אַ סאָציאַליסטישער אָרדנונג — ניט נאָר אין זין פון אינדוסטריעלער אנטוויקלונג, נאָר אויך אַלס מענשן.

דאָס רוסישע פאָלק איז אַנדערש פון אַנדערע פעלקער. זיינע מעלות זיינען פון גאָר אַ הויכער קוואַליטעט, אָבער זיינע חסרונות זיינען נאָך גרעסערע, און זיי זיינען פון אַזאַ מין וואָס איז אַ שטערונג צו דער איינפירונג פון אַ קאָמוניסטישער אָרדענונג.

בעל־מחשבות האָט אין עטלאכע ווערטער געגעבן זייער אַ ריכטיקע כאַראַקטעריסטיק וועגן דעם מהות פון דעם רוסישן פאָלק. „ווען אַ רוסישער מענש פאַלט דיר ארויף אויפן האַלז, ווייס ער ניט צי ער וועט דיך קושן צי ער וועט דיך בייסן”.

דער רוסישער מענש באַזיצט אַ מין דואַלע, צעריסענע נשמה. גוט און שלעכט זיינען ביי אים אויסגעמישט אין איין פלאָנטער. זיינע געפילן — סיי די גוטע, סיי די שלעכטע — זיינען שטאַרקע און טיפע. ער איז אַ גרויסער בעל־תשובה; די חרטה אויף זיינע זינד איז ביי אים אַ טיפע איבערלעבונג. דער חסרון פון דעם רוסישן מענשן, אָבער, באַשטייט אין דעם, וואָס ער קען זיך ניט קאָנטראָלירן, וואָס ער קען ניט צאַמען זיינע געפילן און ער דאַרף . . . זייער אָפט תשובה טאָן.

דער רוסישער מענש האָט ניט קיין זין פון פאַראַנטוואָרט־לאַכקייט. ער איז ווילד, הפקר'דיק און ברוטאַל, נאַכלעסיק און פויל. „פּראָפּאַדי מאַיאַ טיעליעגאַ, ווסיע טשעטירע קאָליע־

סאָ" — זאָל פאַרלאָרן גיין מיין וואָגן מיט אַלע זיינע פיר רעדער, זאָגט אַ רוסיש ליד. ער איז גענויגט צו עקסטרעמען: אָט זינגט ער מיט אַזאַ בייַנקעניש, אַז דאָס האַרץ ווערט צעריסן, און תיכף זינגט ער און טאַנצט די „קאַמאַרינסקאַ" מיט אַזאַ ווילדן, הפקר׳דיקן אימפעט, ווי נאָר אַן אַזיאַט קען. און אַז ער פאַלט אַריין, אַז ער טוט אָפּ אַ שרעקלאַך שטיקל אַרבעט, זאָגט ער פאַטאַליסטיש: „בר־ טשטאָ־זש — אַשיבסיאַ" — נו, איז וואָס — האָב איך אַ טעות געהאַט. ער עסט זיך וועניק אָפּ דאָס האַרץ, ווען אַנדערע ליידן פון זיין טעות.

צווישן אַזאַ אומוויסנדיקן, אומציוויליזירטן, האַלב־ווילדן פאָלק איז אוממעגלאך איינצופירן קאָמוניזם.

עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס די קאָמוניסטישע הערשער באַגייען זיך מיט דעם רוסישן פאָלק מיט אַזאַ אַכזריות און ווילדקייט, וואָס די מענשלאכע געשיכטע האָט קוים אַ ביישפּיל דערפון. נאָר אַזיאַטן, ווי די רוסישע הערשער זיינען, קענען פאַרברענען אָדער צושיסן גאַנצע דערפער פאַר ניט אויספאָלגן זייערן אַ דעקרעט. נאָר אין רוסלאַנד האָט עס געקענט מעגלאך ווערן אויפצושטעלן אַזאַ ברוטאַלע רעגירונגס־סיסטעם ווי די באָלשעוויסטישע — מיט דער פאַרצווייגטער נעץ פון שפּיאָנען; מיט אַ „גע־פּע־או", וועלכע איבערשטייגט אַלע שוידערן פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע; מיט אַ סיסטעם פון מסירה, וואו שול־קינדער שפּיאָנירן־נאָך זייערע עלטערן און אַ ברודער טרויט ניט אַ ברודער.

קאָמוניזם איבעראַל

אָבער ווען מיר זעען, אַז טראָץ דער שווידערלאַכער אונ־טערדריקונג, טראָץ דער גאַנצער ברוטאַלער רעגירונגס־סיסטעם, פעלט אויס דעם רוסישן פויער און אַרבעטער דאָס סאַמע נויטיקסטע, דאָס שטיקל ברויט צו זאַט, — דעמאָלט מוז מען אַנערקענען, אַז דערין איז שולדיק ניט בלויז דער רוסישער מענש, נאָר די קאָמוניסטישע אידייע גופא.

ווען מיר זען, אַז דער רוסישער אַרבעטער ווערט באַרויבט פון זיינע מענשלאַכע רעכט, פון דאָס רעכט צו סטרייקן, צו קעמפן פאַר זיין מענשלאַכער חשיבות; ווען מיר זעען, ווי דער רוסישער אַרבעטער איז פאַרשקלאַפט צו זיינע קאָמוניס־טישע דיקטאַטאָרן מיט זיין לייב־און־לעבן, סיי מיט זיין קער־פער און סיי מיט זיין גייסט; ווען מיר זעען, אַז ער האָט ניט קיין רעכט צו האָבן אַן אייגענע מיינונג, אַז ער טאָר זיך אַפילו ניט באַקלאָגן אויף זיין שווערן, פינצטערן מזל, — און פאַר אָט די אַלע קרבנות האָט ער אַפילו ניט קיין ברויט צו־זאַט, — ווען מיר זעען דאָס אַלץ, מוזן מיר אַנערקענען, אַז די סיבה פון דעם דורכפאַל פון קאָמוניזם אין רוסלאַנד איז אַ סך אַ טיפערע, ווי דער רוסישער כאַראַקטער; אַז די סיבה באַ־שטייט אין דעם, וואָס מענשן בכלל אַרבעטן ניט טיכטיק גענוג, איבערגעבן גענוג, ווען זיי זיינען פערזענלאַך ניט פאַראינטע־רעסירט אין דעם דערפאָלג פון דער אַרבעט, ווען זיי ציען ניט קיין דירעקטן, באַלדיקן נוצן פון זייער פראַצע, מיט אַנדערע ווערטער — ווען עס פעלט די פערזענלאַכע איניציאַטיווע.

דעריבער גלויב איך, אַז די רוסישע דערפאַרונג האָט צוריק אָוועקגעשטעלט אויף דער טאָג־אָרדנונג די פראַגע וועגן פערזענלאכער איניציאַטיווע, און די דאָזיקע פראַגע קען מער ניט איגנאָרירט אָדער פאַרשפּאַט ווערן בעת מען נעמט זיך פּלאַנעווען אַ גערעכטערע געזעלשאַפטלאכע אָרדענונג.

עס מוז געזאָגט ווערן, אַז די רוסישע קאָמוניסטן האָבן געבויט אויף דער הנחה, אַז מ׳קען מאַכן פון דעם מענשן וואָס מ׳וויל, אַזוי ווי דער טעפּער קנעט אויס פון ליים וואָס ער וויל. אָבער דאָס לעבן ווייזט, אַז צום אַלעם ערשטן איז מען אַ מענש, און מ׳קען ניט ווערן אויס מענש אַפילו ווען מ׳זאָל עס וועלן. מ׳קען ניט מבטל זיין דעם אינסטינקט פון „אדם קרוב לעצמו" — אַ מענש איז זיך געטרייער.

דער „אַלטער רבי", ר׳ שניאור זלמן פון ליאַדי, האָט אין זיין ספר „תניא" אָנגעגעבן דעם אונטערשייד צווישן גלאַט אַ צדיק און אַ צדיק גמור — אַ פאָלקאָמענער צדיק. אַ ניט־פאָלקאָמענער צדיק, — זאָגט ער, — איז דער, וואָס האָט אַ יצר־הרע, וואָס רעדט אים אָן צו זינדיקן, נאָר ער פאָלגט אים ניט און איז גובר דעם יצר־הרע. אַ צדיק גמור, אָבער, איז דער, וואָס איז געקומען צו אַ מדרגה פון „ולבי חלל בקרבי", ד. ה. צו אַ מדרגה ווען זיין האַרץ איז פּוסט, ליידיק, ווען ער האָט דעם יצר־הרע אינגאַנצן פאַרטריבן פון זיין האַרצן און עס איז אַפילו ניטאָ ווער עס זאָל אים אָנריידן צו שלעכטס.

איז דוכט זיך מיר, אַז אָט אַזעלכע צדיקים גמורים דאַרפן מענשן ווערן, איידער זיי וועלן זיין ראוי צו לעבן אין אַ קאָמו־

ניסטישער געזעלשאַפט, אָן דעם אָנטרייבנדיקן כח פון פער־זענלאכן געווינס — און אַזוי ווי מענשן זיינען נאָך גאַנץ ווייט פון אַזעלכע צדיקים גמורים, איז דערפון ממילא געדרונגען אַז קאָמוניזם איז אַ חלום, וואָס קען ניט פאַרווירקלאַכט ווערן.

היוצא לנו מזה, — אַז די רוסישע רעוואָלוציע לערנט אונז צוויי זאַכן:

ערשטנס, אַז דאָס רוסישע פאָלק איז אפשר ווייניקער פון אַלע אַנדערע פעלקער דערוואַקסן צו לעבן אין אַ קאָמוניסטישער געזעלשאַפטלאכער אָרדענונג;

צווייטנס, אַז קאָמוניזם פאַרניכטעט די אינדיווידואַליטעט, פאַראורטיילט מענשן צו קערפערלאכער און גייסטיקער שקלאַ־פעריי, איז אַ שטערונג צום פראָגרעס און קען ניט באַפרידיקן די טאָג־טעגלאכע נויטן פון פאָלק.

פאַלשע רעוואָלוציאָנערע הנחות

דער רעוואָלוציאָנערער געדאַנק איז באַזירט הויפּטזעכלאך אויף צוויי הנחות, וועלכע זיינען גרונט־אויס פאַלש.

איין הנחה איז, — ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט אַ געוויסער רעוואָלוציאָנערער אידעאָלאָג, — אַז „די ניט־געוועזענע געשיכטע, די וואָס מיר ווילן ערשט שאַפן, קען געבויט ווערן נאָר אויף די חורבות פון דער פריערדיקער געוועזענער געשיכטע. ס'טאָר ניט פאַרבלייבן קיין מינדסטער בארירונגס־פונקט צווישן זיי ביידע".

די צווייטע הנחה איז, אַז דאָס פאָלק, די מערהייט, איז דום, אומוויסנד, ווייס ניט וועמ עס האָט אים געשלייערט, און די מינדערהייט, — די קלוגע, אַקטיווע מינדערהייט, — האָט דאָס רעכט, און די פליכט, צו האַנדלען פאַרן פאָלק.

ווי אַזוי ווערט געשיכטע געשאַפן?

די ערשטע הנחה נעמט זיך פון דער איבערטריבענער ווירקונג, וואָס דער מענשלאכער שכל מיינט, אַז דער ווילן האָט אויף דער געשיכטלאכער אַנטוויקלונג.

געשיכטע שטעלט מיט זיך פאָר אַ פּראָצעס פון אַנטוויקלונג, פון אומבאַמערקטער לאַנגזאַמער ענדערונג לויט דעם געזעץ פון אורזאַך און פאָלג.

געשיכטע איז געשעעניש, פּאַסירונגען אינם לעבן פון

מענטשן דורך זייערע מעשים. די דאָזיקע מעשים זיינען רעזול־טאַטן ניט פון מענטשלאכן ווילן אַליין, נאָר און הויפּטזעכלאך פון אומשטענדן, פון סיבות, אויף וועלכע מענטשלאכע ווילנס האָבן אַ קנאַפּע שליטה. אַגב, דער מענטשלאכער ווילן אַליין איז ניט קיין פרייער פויגל, וועלכער איז פריי צו וועלן וואָס אים פאַרגלוסט זיך, דער ווילן ווערט אליין באַאיינפלוסט פון דער געשיכטלאכער אַנטוויקלונג.

אַ געזעלשאַפטלאכע אָרדנונג איז אַ פּראָדוקט פון אַנגע־קליבענער מענטשלאכער דערפאַרונג, סיי מאַטעריעלע און סיי גייסטיקע, וועלכע זיינען אַ פּועל־יוצא פון געזעלשאַפטלאכער אַנטוויקלונג. די אָרדנונג פון היינט איז ניט געקומען אויף דער וועלט פלוצלונג; זי איז זייער לאַנג געכאָוועט און גע־וואַרעמט געוואָרן אין דעם טראַכט פון דעם בעכטן. און די אָרדענונג פון מאָרגן וועט זיין דער פּראָדוקט פון דער אַנט־וויקלונג וואָס גייט אָן אין אונזער צייט.

מענטשן האָבן זיך ניט צונויפגערעדט און באשלאָסן: לאָ־מיר מיט אונזערע שטאַרקע ווילנס אויפבויען אַ פעאָדאַלע אָדער אַ קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם פון מענטשלאכן צוזאַמענלעבן. און אויך די צוקונפטיקע געזעלשאפט, צי זי וועט זיין אַ סאָציאַ־ליסטישע אָדער אַן אַנדערע, וועט ניט און קען ניט זיין אַ פּראָ־דוקט פון אונזערע ווילנס אַליין.

די געזעלשאַפטלאכע אָרדנונג הענגט אָפּ ניט בלויז פון מאַטעריעלע באַדינגונגען, נאָר אויך פון דעם צושטאַנד פון דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון אַ געגעבענעם לאַנד אָדער

פאָלק. מ׳קען ניט קומען צו אַ אומציוויליזירטן, אָפּגעשטאַנע־נעם פאָלק און זאָגן צו אים: לאָמיר איינפירן דעם סאָציאַליזם. ער וועט עס פּשוט ניט פאַרשטיין. און ניט פאַרשטיין וועט ער עס דערפאַר, ווייל זיין שכל, זיין קולטור, זיין גייסט זיינען ניט גענוג אַנטוויקלט פאַר אַזאַ הויכן אידעאַלן צוזאַמענלעבן. און דיקטאַטור, טערראָר וועט דאָ גאָרניט העלפן. פּונקט ווי מ׳קען ניט מיט שמיץ געבן צו אַ פאַרשטיין אַ זיבן־יאָריקן קינד אַ האַרבן מהרש״א אָדער קאַנטס פילאָזאָפיע, אַזוי קען מען ניט מיט דיקטאַטור איינפירן אַ סאָציאַליסטישע אָרדענונג אין אַן אָפּגעשטאַנענעם לאַנד מיט אַן אומציוויליזירטן פאָלק.

איך ווידערהאָל נאָך אַמאָל:

מ׳קען ניט אין פאָראויס שאַפן שיטות, סיסטעמען, פלע־נער ווי אַזוי מענשן זאָלן לעבן אין דער צוקונפט. עס איז ניט געווען, עס איז ניטאָ און עס וועט ניט זיין אַזאַ גאון, וואָס זאָל זיין אַלוויסנדיק, אַלזעענדיק, וועלכער זאָל קענען אריינדרינגען אין די חדרי־חדרים, אין די טיפע, פאַרבאָרגענע ווינקעלאך און אויסגעפינען די סודות פון דער זייער קאָמפּליצירטער מענשלאכער נשמה. דער גאון ווייס ניט, ווי אַזוי ער אַליין וועט אין צען־צוואַנציק יאָר ארום דענקען און האַנדלען. על אחת כמה וכמה איז עס פאַר אים אוממעגלאך צו וויסן, ווי אַזוי אַ פאָלק, פעלקער אָדער די גאַנצע מענשהייט וועט דענקען און האַנדלען מיט אַ צייט שפּעטער.

אַ פלאַן — מעג ער זיין דער בעסטער — איז נאָך ניט

געגוג, כדי צו שאַפן נייע געשיכטע. איידער עס איז מעגלאַך דעם דאָזיקן אידעאַלן פּלאַן דורכצופירן, דאַרף מען נאָך אַפריער ארויסטרייבן פון די מוחות און פון די הערצער די אַלטע, טיף איינגעוואָרצלטע, אין בלוט־און־פלייש איינגעזאַפּטע אידייען און באַגריפן וועגן רעכט און אומרעכט, וועגן שיין און מיאוס, און אַזוי ווייטער, וואָס מענשן האָבן באַקומען בירושה פון זייערע עלטערן און אור־עלטערן ביז אָדם הראשון — דעם מענש־חיה.

געוויס, דער מענש אַנטוויקלט זיך, מאַכט פּאָרטשריט. אָבער מ'דאַרף האָבן אין זינען, אַז די „נייע, נאָך ניט געוועזענע חכמה" ווערט ניט איינגעזאַפּט אין אַ ליידיקן אָרט, נאָר זי ווערט ארויפגעלייגט אויף אַלטן אָנגעקליבענעם „היסטאָרישן זשאַוועריי". עס נעמט לאַנג ביז די „נייע חכמה" דרינגט אריין דורך דעם פון פריער אָנגעקליבענעם זשאַווער, און ווען זי באַ־וויזט שוין דאָס צו טאָן, ווערט זי גופא דער „נייער זשאַווער" וואָס לאָזט ניט די נאָך „נייערע חכמות" דורכצודרינגען. און אַזוי כסדר.

עס איז אמת, אַז עס מוז ניט זיין אַזוי ווי עס איז געווען פריער. די געשיכטע ענדערט זיך כסדר און שאַפט נייע אומ־שטענדן, סיי מאַטעריעלע און סיי קולטורעלע, פאַר נייע ענדע־רונגען. אָבער דאָס קומט ניט פאַר אויף דעם אופן ווי דער רעוואָלוציאָנער שטעלט זיך פאַר דעם ענין. די געשיכטע מאַכט ניט קיין שפּרונגען. זי גייט פּאַוואָליע, ניט־געכאַפּט. זעלטן ווען זי לויפט אונטער אַביסל, דערפאַר בלייבט זי אָפט שטיין אויף איין אָרט אַ היפשע צייט. צווינגען דער געשיכטע

צו גאַלאָפּירן איבער אירע כחות, פאַר דער צייט, איז ניט נאָר ניט נוצלאך, נאָר לאָזט זיך אַלעמאָל אויס זייער טרויעריק.

דער מערהייט־פּרינציפּ

דורכאויס פאַלש איז אויך די צווייטע רעוואָלוציאָנערע הנחה, אַז דער מערהייט־פּרינציפּ איז בלויז אַן אויסגעטראַכטע געצקע, אַ פעטיש, כדי צו שטערן דעם פּראָגרעס, ניט צו דער־לאָזן נייע דערגרייכונגען.

לאָמיר צוגעבן אויף אַ ווייל, אַז די מערהייט איז נאַריש, אומוויסנדיק, רעאַקציאָנער. איז וואָס פאַר אַ ברירה בלייבט אונז? איז דען די מינדערהייט — וואָס באשטייט, לאָמיר זאָגן, פון פערציק פּראָצענט — ניט פונקט אַזוי נאַריש, אומוויסנדיק, רעאַקציאָנער ווי די מערהייט? וואו איז פאַראַן דער באַווייז, אַז די מינדערהייט איז קליגער און פּראָגרעסיווער פון דער מערהייט?

און אַפילו ווען מ'זאָל אָננעמען, אַז ריידנדיק וועגן דער מינדערהייט האָבן מיר ניט אין זינען אַ באַדייטנדע מינדער־הייט, נאָר יענע גאַנץ קליינע צאָל הויך־געבילדעטע, געלערנטע מענשן, וועלכע וויסן בעסער ווי גרויסע קאָמפּאַקטע מאַסן וואָס עס איז גוט און וואויל פאַר דעם פאָלק, — איז די דאָ־זיקע מינדערהייט אַלץ ניט ראוי צו באַקומען דאָס רעכט צו באַשטימען וואָס עס איז גוט פאַרן פאָלק און וואָס ניט. וואָרים די דאָזיקע מינדערהייט גופא איז געשפּאָלטן אין נייע מערהייטן און מינדערהייטן. ווייסן מיר דאָך די חלוקי־דעות צווישן

סאָציאַליסטן, למשל — צווישן באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס, רעכטע, לינקע און מעסיקע, אַנאַרכיסטן־קאָמוניסטן און אַנאַרכיסטן־אינדיווידואַליסטן א. אז. וו. און וואָס הערט זיך עפּעס מיט די רעפאָרמיסטן מכל המינים? און וואו זיינען די הויך־געבילדעטע „בורזשואַזע" דענקער, וועלכע זאָגן אַז סאָציאַליזם טויג אינגאַנצן אויף כּפּרות? קען מען זיי דען אינגאַנצן מיט דער האַנט אָוועקמאַכן? ווי אַזוי קען מען מיט זיכערקייט באַשטימען וועלכע מינדערהייט עס באַזיצט דעם גאַנצן אמת, די גאַנצע חכמה פון דער וועלט?

היינט וויבאַלד מיינונגס־פאַרשיידנהייטן הערשן צווישן דער קלענסטער מינדערהייט, און מ'קען ניט וויסן ווער פון זיי עס איז גערעכט און ווער ניט, — איז דען ניט גלייכער טאַקע זיך צו האַלטן בעסער פאַר דעם פּרינציפּ פון „אחרי רבים להטות"? אפשר איז טאַקע גלייכער און גערעכטער צו לאָזן דער מערהייט באַשליסן וואָס זי וויל בעסער, וואָרים דער ווילן פון דער מערהייט וועט דאָך, נאָך אַלעמען, צופרידן שטעלן אַ גרעסערע צאָל מענשן ווי דער ווילן פון דער מינדערהייט?

די טענה, אַז אויב מ'וועט זיך צוהערן צום קול פון דער מערהייט, וועלן מיר קיינמאָל קיין סאָציאַליזם ניט האָבן, ווייל די גרויסע מערהייט וועט קיינמאָל ניט זיין פאַר סאָציאַליזם, — איז קיין טענה ניט קעגן דעם מערהייט־פּרינציפּ. וואָרים פון וואַנען ווייס די „קלוגע" מינדערהייט, אַז סאָציאַליזם־קאָלעקטיוויזם קען יאָ פאַרווירקלאַכט ווערן און וועט ברענגען מער

גליק פאַר דעם מענטשן, ווי אין די פרייע דעמאָקראַטישע לענ־
דער? וועלכע וויסנשאַפטלאַכע באַווייזן קען די געבילדעטע
מינדערהייט געבן? און אפשר איז די מערהייט טאַקע גערעכט,
ווען זי גלויבט ניט אַז סאָציאַליזם וועט איר ברענגען גליק?
וואָס קומט דער גרויסער מערהייט, אויב זי האָט מורא ארויס־
צוגיסן דאָס אומריינע קאַפּיטאַליסטישע וואַסער, איידער עס
ווייס צי דאָס סאָציאַליסטישע וואַסער וועט טאַקע זיין אַזוי
קרישטאָל־ריין? און וועלכער חכם האָט עס אַ רעכט דאָס פאָלק
צו צווינגען עס דוקא צו טאָן?

אויב די ברייטע פאָלקס־מאַסן זיינען קעגן סאָציאַליזם, —
בלייבט די פראַגע: וואָס זאָל מען טאַקע טאָן מיט דער מער־
הייט? ווי אַזוי איבערצייגט מען איר? איז דען סטאַלינס
פּלאַן פּטור צו ווערן פון דער מערהייט דורך דער מעטאָדע פון
אַ „טשעקאַ" אָדער אַ „גע־פּע־או" טאַקע אַ בעסערער אַפילו
פונם שטאַנדפּונקט פון דער דורכפירונג פון סאָציאַליזם?

אויב סאָציאַליזם מיינט נאָר די אָפּשאַפונג פון פּריוואַט־
אייגנטום אויף די פּראָדוקציע־מיטלען און איינפירן דעם
קאָלעקטיוויזם — דאַן איז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד דער בעס־
טער באַוויז, אַז סאָציאַליזם קען איינגעפירט ווערן — פאַר־
שטייט זיך, מיט די מיטלען פון דיקטאַטור און טעראָר. אָבער
אויב סאָציאַליזם מיינט מער פרייהייט, מער גליק, מער שפע
פאַר יעדן מענטשן — דאַן איז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד דער
שטאַרקסטער באַוויז, אַז דורך דער צוואַנג פון אַ מינדערהייט
קען מען קיין סאָציאַליזם ניט איינפירן.

צוויי וועגן זיינען פאַראַן ווי צו פאַרגרעסערן דאָס גליק פונם מענשן: איינער אַ קורצער, אָבער אַ בלוטיקער און אומזיכערער — דער דיקטאַטאָריש־רעוואָלוציאָנערער; דער צווייטער וועג איז אַ לאַנגער, אַ פרידלאכער אָבער אַ זיכערער, — דער „רעפאָרמיסטישער" וועג פון „אחרי רבים להטות".

וועלכן וועג זאָלן מיר אויסקלייבן?

ב. צ. גאָלדבערג — סטאַלינס אַפּאָלאָגעט

איך פיל, אַז עפּעס איז ניט גלאַט מיט ב. צ. גאָלדבערג, וואָס ער — אַלס ניט קיין קאָמוניסט און ניט קיין סאָציאַליסט, נאָר אַזוי זיך אַ מענש, וואָס צייטנווייז איז ער אַהין און אַמאָל איז ער אַהער, און אויב עס איז בויטיק איז ער ניט אַהין און ניט אַהער — זאָל זיך אַזוי איינשטעלן פאַר סטאַלינס דיקטאַטאָרישן רעזשים אין סאָוועט־רוסלאַנד און זוכן אים צו כשר'ן מיט אַלע מעגלאכע און אוממעגלאכע צייך־פאַררייִדענישן.

יעדער בר־דעת, יעדער מענש מיט עטוואָס אינטעליגענץ קען באמערקן דעם „שמיי־דריי", וואָס ב. צ. גאָלדבערגווענדט אָן אין זיין שרייבן און ריידן וועגן סטאַלינס רוסלאַנד.

ווען ער איז געהאַט געקומען צוריק פון אַ באזוך אין סאָוועט־רוסלאַנד, אין יאָר 1932, האָט ער, למשל, דערציילט, אַז אין אוקראַינע עסט דער פויער אַזוי גוט ווי ער פלעגט עסן אונטער דעם צאַר'ס רעזשים. ער גיט זיך אַ זאָג: „דער ברויט איז טאַקע שוואַרץ, אָבער נישקשה, מ'קען אים עסן. איך אַליין האָב אים געגעסן . . . דער פויער עסט ברויט מיט באָרשטש וויפיל ער וויל — קיין הונגער איז ניטאָ" . . . עס פרעגט זיך: וויפיל מאָל, אַ שטייגער, האָט עס גאָלדבערג געגעסן דאָס שוואַרצע רוסישע ברויט? און צי איז אין דעם רוסישן באָרשטש פאַראַן אַ שטיקל פלייש אָדער אַן אַנדער

פעטס? גאָלדבערג פאַרשווייגט דאָס אָבער. אמת טאַקע, אַז מען האָט שוואַרץ ברויט און באָרשטש אַפילו אָן פעטס, קען מען פון הונגער נישט שטאַרבן; אָבער אַז אַך און ווי צו אַזאַ לעבן, ווען מען דאַרף נאָך דערצו אַרבעטן ביי אַזאַ שווערער פּראַצע ווי ערד־אַרבעט.

גאָלדבערג רעדט זיך גלאַט אין דער וועלט אריין, ווען ער באהויפּט, אַז דער אוקראַאינישער פּויער לעבט איצט בעסער ווי אונטערן צאַר. איך בין כמעט זיכער, אַז ער קען ניט דעם אוקראַאינישן פּויער און ווייס נישט ווי ער האָט געלעבט און וואָס ער האָט געגעסן אין דער פאַר־מלחמה צייט.

איך האָב געלעבט צווישן די אוקראַאינישע פּויערים צענד־ליקע יאָרן און בין געשטאַנען אין זייער נאָענטע באַציאונגען מיט זיי, און קען זייער לעבן סיי אין דער היים מיט זייערע פאַמיליעס, סיי אין פעלד ביי דער אַרבעט און סיי אין שיינק ביי אַ גלעזל בראַנפן. פאַר אַ טשיקאַווע וועל איך דאָ באַ־שרייבן אַ דורכשניטלאַכן וואַרמעס פון אַן אוקראַאינישער פּויער.

זונטאָג, ארום 12 אַזייגער, ווען מען קומט פון קירך, ווערט סערווירט אויפן לאַנגן טיש גוטער, אויסגעבאַקענער, קאָרענער ברויט (ניט קיין שוואַרצער) מיט אַ גוטן באָרשטש, געקאָכט מיט אַ היפּש שטיקל פלייש, דערצו אויך מיט סמעטענע (די רייכערע פּויערים טונקען דאָס פלייש אויך אין סמעטענע). דערנאָך — אַ קאַשע פון הירזש אָדער גרויפּן, באַגאָסן מיט חזיר־פעטס.

אין אַ וואָכעדיקן טאָג פלעגט דער פויער עסן כמעט דאָס זעלבע, נאָר אַ ביסל וועניקער פלייש און פעטס.

אין „פאָסט"־טעג (תענית) פלעגט דער פויער עסן פאַר־שיידענע פישן, רויע און געקאָכטע; וואַרעניקעס אָנגעפילט מיט הירזש, באַגאָסן מיט „אָלעי" (פעטס פון זוימען).

האָט אפשר מר. גאָלדבערג אויף זיין רייזע אין סאָוועט־רוסלאַנד געזען די פויערים עסן אַזאַ וואַרמעס אונטער סטאַ־לינס רעזשים?

ווי אַזוי דער אוקראַינישער פויער האָט געלעבט פאַר דער רעוואָלוציע, ווייס גאָלדבערג ניט. און אייגנטלאך גייט אים די זאַך גאַנץ וועניק אָן. ער גיט זיך אַ זאָג: „מען מעג אַביסל צוהונגערן ווען מ'בויט סאָציאַליזם".

אַזעלכע רייד האָט אַ רעכט צו ריידן דער, וואָס אַרבעט און הונגערט אַליין, מיינענדיק אַז ער בויט דעם סאָציאַליזם. אָבער ניט מר. גאָלדבערג, וועלכער גייט אָנגעטאָן אין בגדי־מלכות, שלאָפט אין אַ ווייכער ספרינג־בעט און עסט פון דאָס בעסטע, וואָס אַמעריקע פאַרמאָגט; ניט מר. גאָלדבערג, וועל־כער איז בכלל אַ מענש, וואָס לעבט און האָט ליב צו לעבן אַ בורזשואַזן לעבן, ווי ער אַליין זאָגט. דאָס איז נומער איינס.

דאָס צווייטע איז: פון וואַנען ווייס עס ב. צ. גאָלדבערג, אַז מען בויט טאַקע דעם סאָציאַליזם אין סאָוועט־רוסלאַנד? אָט זיינען דאָך פאַראַן אַזעלכע סאָציאַליסטן ווי קאַוטסקי, למשל, וועלכע האָבן אָוועקגעגעבן זייערע אַלע יאָרן אין דער סאָציאַ־ליסטישער באַוועגונג, מענשן מיט פאַראַנטוואָרטלאַכקייט, מיט

ליבע צו אמת און יושר, צו מענשן בכלל, — און זיי זאָגן, אַז אין דער אומגליקלאכער רוסלאַנד ווערט געבויט ניט סאָציאַליזם, נאָר דיקטאַטור, קאָנטער־רעוואָלוציע, שקלאַפעריי.

ווער, מיינט איר, ווייס בעסער וואָס סאָציאַליזם איז — קאַטוסקי אָדער . . . גאָלדבערג ?

ווער ? מער ווי דאָס האַרץ אויף דעם רוסישן בראָך — קאַוטסקין און אַנדערע סאָציאַליסטן, וועלכע האָב זייער גאַנצן לעבן געטרוימט וועגן סאָציאַליזם און געאַרבעט פאַר זיין דערפאָלג, אָדער גאָלדבערגן, וועלכער איז געקומען אויף אַ פרעמדער חתונה, צום פאַרטיקן ?

גאָלדבערג האָט ניט געפּאַקט און ניט געמאָזלט אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג ; ער האָט פאַר איר גאַרניט מקריב געווען — דערפאַר טוט אים ניט ווי דאָס האַרץ אויף דעם באַנקראָט פון סאָציאַליזם אין רוסלאַנד. דעריבער איז פאַר אים אַזוי גרינג איצט צו זיין אַן אַפּאָלאָגעט פאַר סטאַלינס אַלע שווידערלאכע מעשים, וואָס האָבן אונטערגעגראָבן דעם גלויבן אין סאָציאַליזם.

פאַר גאָלדבערגן, וועלכער האָט גאַרניט איינגעשטעלט און גאַרניט פאַרלאָרן, איז זייער גרינג צו האָבן „פוכקע לבבות" און זאָגן, אַז . . .

„דריי זאַכן דאַרף מען האָבן מיט וואָס צו שאַצן סאָוועט־רוסלאַנד — 1) היסטאָרישן פערספעקטיוו ; 2) די אומשטענדן ; 3) די צילן" (ער מיינט מסתמא : פאַרשטיין די אומשטענדן און די צילן).

וועגן „היסטאָרישן פּערספּעקטיוו" דאַרף ווידער אַמאָל געשטעלט ווערן די פראַגע: ווער איז מער קאָמפּעטענט אָפּ־צושאַצן די היסטאָרישע פּערספּעקטיוו אין שייכות מיט סאָציאַ־ליזם — גאָלדבערג, אָדער מענשן ביי וועמען די האָפענונג אויף סאָציאַליזם איז געווען דער סאַמע אינהאַלט פון זייער לעבן און טרוימען?

„די אומשטענדן"? וועלכע אומשטענדן מיינט דאָ גאָלד־בערג — די „אומשטענדן", וואָס די סטאַלין־רעגירונג מיט איר ברוטאַליטעט האָט אַליין געשאַפן און האַלט אויף; די אומשטענדן, וואָס די סטאַלין־רעגירונג וואָלט אפשר געקענט אָפּשאַפן אָדער ענדערן, ווען זי זאָל נאָר האָבן דעם ווילן דאָס צו טאָן?

און „די צילן"! משמעות, גאָלדבערג גלויבט שוין אויך אין דעם אַלטן יעזואיטישן כלל, אַז „די צילן הייליקן די מיט־לען". פאַר יעזואיטן איז אַזאַ איינשטעל גילטיק. אָבער ווי אַזוי קענען מענשן וואָס זיינען ניט קיין יעזואיטן צוקוקן גלייכ־גילטיק ווי מען פאַרברענט און מען שיסט אויס גאַנצע דער־פער מיט פּויערים, דערפאַר וואָס זיי ווילן ניט גיין אין קאָלעק־טיוויזאַציע; ווי אַזוי מען שיסט אויס צענדליקער טויזנטער מענשן אָדער מען פאַרשיקט זיי אויף צוואַנגס־אַרבעט; ווי אַזוי מען נעמט צו דאָס ברויט פון פּויערים; ווי אַזוי מען לאָזט פשוטו כמשמעו פינף מיליאָן נפשות אויסשטאַרבן פון הונגער אין אוקראַינע אַליין? יאָ, ווי אַזוי קענען ניט־יעזואיטן דאָס צוזען און ניט פּראָטעסטירן קעגן דעם?

מילא, אַז אַ טאָרקוועמאַדאַ האָט געגלויבט באמונה שלימה, אַז דער „ציל בארעכטיקט אַלע מיטלען", קען מען דאָס נאָך פאַרשטיין. איז ער דאָך געווען אַ יעזואיט, אַ פאַנאַטיקער, ביי וועמען דער גלויבן אַז פאַרפייניקנדיק מענשלאכע קערפערס ראַטעוועט ער דערביי זייערע נשמות. אָבער סטאַלין, אַ מאָדערנער מענש, אַ פריידענקער, וועמעס גלויבן אין אַן אידעאַל איז ווייט ניט דאָס זעלבע וואָס דער גלויבן אין אַ גאָט ביי רעליגיעזע מענשן, — איז ווי קען מען בארעכטיקן זיינע מעשים תעתועים צו פאַרניכטן מיליאָנען מענשלאכע לעבנס? ווי קען ב. צ. גאָלדבערג, אַליין אַ פרייגעזאָנענער מענש, אַ ניט־גלויביקער אין דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל, — ווי קען ער שטיצן דעם אַבי־אבות הטומאה, דעם גרעסטן אַכזר־דיקטאַטאָר סטאַלין? ווי דערקלערט זיך זיין זוכן מטהר צו זיין דעם באָלשעוויסטישן שרץ מיט ק"ן טעמים?

ווי קומט עס, וואָס גאָלדבערג באשולדיקט די סאָציאַליסטן, אַז זיי זוכן צו פאַר'מיאוס'ן דעם ראַדיקאַלן געדאַנק? ווייס ער דען ניט, אַז ווי איבערגעבן ער זאָל כלומרשט ניט זיין דעם סאָציאַליזם, זיינען די אַלטע סאָציאַליסטן ניט אַן ערך מער איבערגעבן, מער געטריי דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל, פאַר וועלכן זיי האָבן אַזוי פיל מקריב געווען? ווייס ער דען ניט, אַז סאָציאַליסטן קריטיקירן ניט דעם ראַדיקאַלן געדאַנק, נאָר די פאַרשוועכונג פון דעם ראַדיקאַלן געדאַנק — סטאַלינס דיקטאַטור, זיינע אַכזריות און רציחות, וועלכע פאַר'מיאוס'ן דעם סאָציאַליזם און ברענגען שאַנד אויף אים?

דער ענטפער אויף די אַלע פראַגן איז נאָר איינער:

— דער גאַנצער עניין רוסלאַנד גייט גאָלדבערגן אָן נאָר ווי אַ צייטונגס־מענש, נאָר אויף אַזוי ווייט ווי עס העלפט אים זיך אויסצייכענען אַלס זשורנאַליסט, נאָר ווי אַ פאַרטרעטער פון אַ צייטונגס־געשעפט וואָס קען עפּעס געווינען דורך זיין שטעלונג צו דעם איצטיקן רעזשים אין רוסלאַנד.

„אידעאישע קעגנער" אָדער שונאים ?

זייער אָפט קומט סאָציאַליסטן אויס צו הערן דעם פאַר־וואורף פון זייטיקע מענשן, אַז זייער שנאה צו די קאָמוניסטן איז ניט־בארעכטיקט ; אַז זיי וואָלטן געדאַרפט ארויסווייזן מער טאָלעראַנץ צו די קאָמוניסטן, אַפילו ווען יענע זיינען זייערע „אידעאישע קעגנער".

עס איז אָבער אַ טעות צו באטראכטן די קאָמוניסטן פאַר סתם אַזוי זיך „אידעאישע קעגנער". זיי זיינען געמיינע פאַר־רעטער און האַרצלאָזע שונאים, וועלכע שטעלן זיך ניט אָפּ פאַר קיין זאַך זייערע קעגנער צו פאַרניכטן — און דערביי זיינען אַלע מיטלען פאַר זיי כשר. אָנצואווענדן אויף אַזעלכע מענשן דעם שיינעם נאָמען „אידעאישע קעגנער" איז אַ חלול השם ; זיך באציען צו זיי מיט טאָלעראַנץ, איז פשוט אַ נאַרישקייט. מ'קען ניט זיין טאָלעראנט צו איינעם, וואָס שטייט גרייט מיט אַ האַק דיר דעם קאָפּ אָפּצוהאַקן.

די באציאונג פון די קאָמוניסטן צו דעם אידישן ישוב אין ארץ־ישראל איז נאָך אַ באַוויז, אַז קאָמוניסטן קענען ניט בא־טראַכט ווערן ווי אומשולדיקע „אידעאישע קעגנער" ; אַז זיי זיינען ריקזיכטסלאָזע שונאים.

ווי קען מען ניט באטראכטן פאַר שונאים מענשן, וואָס פאָדערן, אַז די אידישע איינוואַנדערונג קיין ארץ־ישראל זאָל

אָפּגעשטעלט ווערן; וואָס מאַכן יד־אחת מיט די מופּטיס, מיט די אַראַבישע נאַציס, מיט פּאָגראָמשטשיקעס; וואָס העצן, אַז מען זאָל אידן מער ניט פאַרקויפן קיין לאַנד (צו אַנדערע יאָ, אָבער ניט צו אידן!)?

ווען מענשן פאַרשפּרייטן פּראָקלאַמאַציעס, אין וועלכע זיי רופן די אַראַבער, זיי זאָלן אַנטוואָפענען די אידישע זעלבסט־שוץ און באַוואָפענען די אַראַבער פּאָגראָמשטשיקעס; ווען זיי מסר'ן די אידן און ווייזן אָן וואו דאָס געווער פון דער אידישער זעלבסטשוץ געפינט זיך — אַזעלכע מענשן פאַרדינען ניט אָנגערופן צו ווערן „אידעאישע קעגנער"!

ווען מענשן בענשן די הענט פון די אַראַבער פּאָגראָמשטשיקעס, וועלכע האָבן אין יאָר 1929 אויסגעשאָכטן 130 ישיבה־בחורים און זקנים — זיינען זיי ניט קיין „אידעאישע קעגנער"!

אַלע אַנערקענטע מאָראַלישע אמת'ן זיינען פאַר די קאָמוניסטן בטל. זייערע אויערן זיינען טויב צו מאָראַלישע ווערטן. זייערע נשמות זיינען קנעכטישע. זייער גאַנצער מהות איז אַ שקלאַפישער, וואָס שטופּט און שלעפּט זיי צו דיקטאַטור, צו זיין אונטערטעניק דעם דיקטאַטאָר. ווי האָט פּראָפעסאָר איינשטיין געזאָגט: „דיקטאַטור ציט צו זיך די מאָראַליש נידעריקע". ווי קען מען אַזעלכע מאָראַליש נידעריקע מענשן אַנערקענען אַלס „אידעאישע קעגנער"?

דערפאַר, וואָס זייערע נשמות זיינען קנעכטישע, זיינען די קאָמוניסטן גלייכגילטיק צו מאָראַלישע ווערטן; זיינען זיי גרייט

אָפּצוטאָן זאַכן, וואָס איז אומווירדיק פאַר אַ מענשן מיט נאָר־מאַלע מאָראַלע אינסטינקטן; קענען זיי האָבן אַן אידעאַל און דאָך קיין אידעאַליסטן ניט זיין; איז ביי זיי דער סאָציאַליזם ניט מער ווי עפּעס אַן אונטערנעמונג, ווי „מאַכן אַ דזשאַב" — ווי קען מען אַזעלכע מענשן באַטראַכטן פאַר בלויז „אידעאישע קעגנער"?

פאַרטשייט זיך, איך רעד דאָ ניט וועגן דער קליינער צאָל יונגע, אינטעליגענטע, אָבער נאַאיווע, אומדערפאַרענע בחורים און מיידלאַך, וועלכע זיינען אריינגעצויגן געוואָרן אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. אויף זיי קען מען זאָגן דאָס, וואָס יעזוס האָט געזאָגט וועגן זיינע פאַרפאָלגער און אָפּשפּאָטער: „פאַרגיב זיי, גאָט — זיי ווייסן ניט וואָס זיי טוען".

איך רייד דאָ וועגן יענע קאָמוניסטן, וואָס שטעלן זיך ניט אָפּ פאַר די געמיינסטע ליגנס און פאַרלוימדונגען, פאַר די ברוטאַלסטע אַקטן, און וואָס ווייסן שוין גאָר גוט וואָס זיי טוען — אָט וועגן די קאָמוניסטן רייד איך. און וועגן זיי מוז מען זאָגן, אַז זיי זיינען ניט קיין „אידעאישע קעגנער", נאָר . . . פּשוט'ע פאַררעטער, שונאים אויף לעבן און טויט.

עס וואָלט געווען די גרעסטע נאַרישקייט ניט צו אָנערקענען, אַז די קאָמוניסטן זיינען ניט קיין „אידעאישע קעגנער", נאָר פּראָסט־פּשוט שונאים, וואָס זיינען גרייט ביי דער ערשטער מעגלאכקייט צו פאַרטיליקן זייערע קעגנער. צו באַציען זיך צו אַזעלכע מענשן מיט טאָלעראַנץ איז ניט נאָר אַ נאַרישקייט, נאָר . . . אַ פאַרברעכן.

ברויט . . . און קולטור

פון דעם סאָציאַליזם, וואָס ווערט געפּריידיקט צו די מאַסן, ווערט אָפט קאַלעמוטנע אויפן האַרצן. דער טראָפּ ווערט צופיל געשטעלט אויף די עקאָנאָמישע נויטן פון פאָלק, אויף עסן און טרינקען א. אז. וו. דער קאַפּיטאַליזם, הייסט עס, גיט ניט דעם פאָלק גענוג צו עסן און צו טרינקען, און דער סאָציאַליזם וועט עס יאָ טאָן.

איז טאַקע די ברויט־פראַגע די איינציקע? און וואָס איז עפּעס מכח דעם מענשלאכן גייסט, מכח דער נשמה? נעמען זיך ניט אַלע אומגליקן פון דעם, וואָס די זאָרג פאַר דעם מענש־לאכן גייסט איז צופיל איגנאָרירט געוואָרן?

די דאָזיקע פראַגן רירן אָן דעם סאַמע וואָרצל פון סאָציאַ־ליזם.

אויב די ברויט־פראַגע איז די איינציקע אָדער אַפילו די וויכטיקסטע פראַגע, — דעמאָלט איז דער סאָציאַליזם אַן ענד־ציל, וואָס נאָך זיין דערגרייכונג איז שוין ניטאָ קיין אַנדערע צילן, צו וועלכע מ'איז מחויב צו שטרעבן.

אויב אָבער די ברויט־פראַגע איז ניט די איינציקע; אויב די ברויט־פראַגע איז נאָר אַ מיטל פריי צו מאַכן דעם מענש־לאכן גייסט, כדי ער זאָל קענען שטרעבן צו ווייטערע צילן, צו קולטורעלע דערגרייכונג, צו אַ פאַרפיינערונג פון די מענש־

לאכע געפילן און נשמה, צו מענשלאכער ריינקייט און דער־הויבנקייט, — דעמאָלט איז בכלל נאַריש צו ריידן וועגן אַן „ענד־ציל״; דעמאָלט דאַרף מען גאָר רעדן וועגן . . . „אין סוף״, וועגן אַ כסדר׳דיקער קלעטערונג באַרג־ארויף כדי דעם מענשן צו מאַכן וואָס גליקלאכער און וואָס פולקאָמענער.

אויב מ׳זאָל אָננעמען, אַז דער „אין סוף״, ד. ה. די אנט־וויקלונג און באַרייכערונג פון דער מענשלאכער פערזענלאכקייט, איז אַ העכערער ציל ווי די לייזונג פון דער ברויט־פראַגע, — דעמאָלט טאָר אין דעם קאַמף פאַר דער לייזונג פון דער ברויט־פראַגע ניט געשטעלט ווערן אין קאָן אַלע קולטורעלע מענשלאכע דערגרייכונגען, וועלכע זיינען אפשר וויכטיקער ווי אַ גרעסער שטיקל ברויט.

איך בין זיך מודה, אַז איך בין שטאַרק מסופק, צי דער סאָציאַליזם קען העלפן לייזן די פראַגן פון דעם מענשלאכן גייסט. איך האָב שטאַרק מורא, אַז אין אַ צושטאַנד פון זאַטקייט און איבערגעפרעסנקייט וועט דער מענש דעגענערירט ווערן. אויב מענשן וועלן זיין פאַרזאָרגט מיט כל־טוב, מיט אַלעם גוטן פאַרן היינט און פאַרן מאָרגן, און זיי וועלן זיך מער ניט נויטיקן אין סימפאַטיע פון די מיטמענשן, — איז דען ניט פאַראַן אַ געפאַר, אַז דער מהות מענש וועט דערפון ליידן?

איך האָב שטארק מורא, אַז אונטער אַזעלכע אומשטענדן וועלן די געפילן פון גערעכטיגקייט, ברידערלאכקייט, מיטלייד אָפּגעטויט ווערן אין מענשלאכע הערצער. עס דוכט זיך מיר, אַז אונטער אַזעלכע אומשטענדן וועט דער מענש ווערן בבחינת

דעם אָקס, וואָס פון צופיל זאַטקייט לויפט ער ארום ווילד, וואַרפט מיט די הינטערשטע פיס אין דער לופט, און מיט אויסגעדרייטע ווילדע אויגן דרייט ער מיטן קאָפּ אין אַלע זייטן און ווייס ניט ווי צו פאַרווענדן דעם איבערפלוס פון זיין חיה׳־שער ענערגיע.

איך וויל ניט זאָגן, אַז מ׳דאַרף ניט שטרעבן צו סאָציאַ־ליזם. איך וויל נאָר זאָגן, אַז דער סאָציאַליזם טאָר ניט בא־טראַכט ווערן פאַר דעם ענדציל; אַז עס זיינען פאַראַן נאָך אַנדערע צילן, און אפשר העכערע ווי ברויט־צילן, וואָס פון שטאַנדפונקט פון מענשלאַכער אַנטוויקלונג און קולטור זיינען זיי אפשר וויכטיקער פון דער ברויט־פראַגע, וויכטיקער פון דעם סאָציאַליזם; צילן, וואָס וועלן בלייבן אויך נאָך דער איינ־פירונג פון סאָציאַליזם.

איך וויל אויך ניט באהויפּטן, אַז דער סאָציאַליזם וועט טאָקע אויף אַן אמת לייזן אַלע מאַטעריעלע באַדערפענישן פון אַלע מענשן. איך בין איבערצייגט, אַז אין דער פראַגע פון עקאָנאָמישער גלייכקייט וועלן אַפילו אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט נאָך בלייבן גענוג אומצופרידענע. איך וויל בלויז זאָגן, אַז דער גלויבן אַז מיט דער לייזונג פון די עקאָנאָמישע פראַגן וועלן שוין אַלע פּראָבלעמען געלייזט ווערן, איז אַ שעד־לאַכער. מ׳דאַרף די מאַסן דערקלערן, אַז סאָציאַליזם איז ניט קיין „ענדציל״, אַז ער איז בלויז נאָך אַ שריט צו היכל, צום קדשי־קדשים — צו דער באַפרייאונג פון דער מענשלאַכער

נשמה און גייסט, צו דער מעגלאכסט־ברייטסטער פרייהייט פאַרן יחיד, און ממילא אויך פאַרן כלל.

מענשן, וואָס פאַרשטייען דאָס, וועלן ניט קענען בלייבן גלייכגילטיק צו אַזעלכע פראַגן ווי די פרייהייט פון דעם יחיד, צו דער אַנטוויקלונג פון דער מענשלאכער פערזענלאכקייט. זיי וועלן ניט קענען צולאָזן דעם געדאַנק, אַז דורך דער באשרענ־קונג פון דער פערזענלאכער איניציאַטיווע, דורך דער איינ־שרומפונג פון מענשלאכן גייסט און דורך זיין נשמה־פאַרטעמ־פונג קען עפעס דערגרייכט אָדער געוואונען ווערן פאַר דער מענשהייט אַלס גאַנצע.

אַזעלכע מענשן וועלן זיך מוזן אָפּזאָגן פון דעם געדאַנק, אַז קאָלעקטיוויזם־צענטראַליזם, וואָס מוז נויטווענדיקערוויז פירן צו דער באגרעניצונג און פארשקלאַפונג פון דער מענש־לאַכער פערזענלאכקייט, קען ברענגען גליק דער מענשהייט. זיי וועלן ווי וויט מעגלאך זיך איינשטעלן פאַר דער העכסטער מאָס פרייהייט פאַר דעם יחיד, אַפילו ווען דאָס זאָל ביז אַ געוויסן גראַד פאַרקלענערן די מאָס פון מאַטעריעלן געגוס.

מענשן וויזן אָפט ארויס אַ נייגונג צו שפרינגען פון איין עקסטרעם צום צווייטן. דער דעאיסט, דער גאָט־גלויבי־קער, למשל, שפרינגט אַריבער צום היפוך — צום אַטעאיזם, צום אָפּלייקענען גאָט גאָר אינגאַנצן. דער קעמפער קעגן מאָ־נאַרכיזם, דעספּאָטיזם, אונטערדריקונג, שפרינגט אַריבער צו אַבסאָלוטער הערשאַפטסלאָזיגקייט, צו פולקאָמענער גלייכקייט. און אין אָט דער נייגונג צו שפרינגען פון איין עקסטרעם צום

צוויטן ליגט אַ גרויסע געפאַר פאַר דעם פּראָגרעס פון דער מענשהייט.

אמת, עס זיינען פאַראַן מענשן מיט נאָבעלע נשמות, וואָס זיינען גרייט זיך אָפּצוזאָגן פון כבוד און רייכטום, פון אַלע תענוגי עולם הזה, און אריינצוואוואַרפן זיך מיט גרויס התלהבות אין דעם קאַמף פאַר גערעכטיגקייט און יושר פאַר די אונטער־דריקטע און אונטעריאַכטע. און עס ווילט זיך מיטלויפן, מיט־פליען מיט אָט די וואונדערלאכע מענשן.

אָבער וויפיל מענשן אַזעלכע זיינען דאָס פאַראַן אויף דער וועלט? עס קען ניט זיין קיין גרעסערער טעות ווי אָנצונעמען, אַז די מערהייט מענשן, אָדער אַפילו אַ באַדייטנדע מינדערהייט, געהערן צו אָט דעם טיפּ אידעאַליסטן. און עס קען ניט זיין קיין פאַטאַלערער טעות, ווי ארויסשטעלן עקסטרעמע פּראָגראַ־מען, וואָס אפשר די יחידי־סגולה זיינען שוין רייף פאַר זיי, אָבער ניט די ברייטע פאָלקס־מאַסע.

פאַר אונזערע באַוועגונגען וועט זיין אַ סך געזינטער, — זיי וועלן נאָכדעם פאַרשפּאָרן ליידן צוליב די אַנטוישונגען, — ווען זיי זאָלן זיך אויסהיטן פון עקסטרעמע פאָדערונגען, וועלכע קענען סיי ווי ניט פאַרווירקלאכט ווערן. לאָמיר פון די ווער־טער „פרייהייט" און „גלייכהייט" ארונטערנעמען די אַדיעקטיוון „אַבסאָלוטע" און „פולקאָמענע". לאָמיר זיך באַנוגענען מיט: וואָס ווניקער הערשאַפט, וואָס מער פרייהייט, די גרעסטע מאָס עקאָנאָמישע זיכערקייט, א. אז. וו.

נאך אַ גרויסן טעות באגייען ראַדיקאַלן, ווען זיי מיינען, אַז די געשיכטע אַליין פירט צו קאָלעקטיוויזם־צענטראַליזם, און עס איז ארויסגעוואָרפן אונזער מי צו פּרובירן דעם דאָזיקן סטיכישן פּראָצעס אָפּצושטעלן אָדער איינצוהאַמעווען.

דאָס איז אַן איבערטרייבונג. געשיכטע איז אַ פּועל־יוצא פון מענשלאכע מעשים, און ווען מענשן ענדערן זייערע מעשים — ענדערט זיך די געשיכטע. נאָכדעם ווי געשיכטע שטעלט אונז פאַר אַ געשעענעם פאַקט, דוכט זיך אונז, אַז אַנדערש האָט עס גאָר ניט געקענט זיין; און ווען די געשיכטע פאַרקירעוועט זיך אין אַן אַנדער ריכטונג, אָפּט אַ פאַרקערטער, דוכט זיך אונז ווידער, אַז אַזוי האָט עס געמוזט זיין און ניט אַנדערש. אָבער דאָס איז ניט אמת.

פאַר אַ גוטען ביישפּיל, אַז געשיכטע איז ניט אינגאַנצן קיין בלינדער, פאַטאַלער ענין, קען אונז דינען די באָלשעוויס־טישע אָקטאָבער־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. ווי מיינט איר, ווען אַ שטאַרקערער מענש ווי קערענסקי וואָלט דעמאָלט געווען דער קאָפּ פון דער רוסישער רעגירונג, און ער וואָלט לעגינען פאַרשפּאַרט דאָרט, וואו עס זיינען איצט פאַרשפּאַרט טויזנטער סאָציאַליסטן, — וואָלטן מיר אויך געהאַט דאָס, וואָס מיר האָבן איצט אין רוסלאַנד? געוויס ניט. ווען קערענסקי האַנדלט אַזוי, וואָלט די אָקטאָבער־רעוואָלוציע ניט פאָרגעקומען; מיליאָ־נען מענשן וואָלטן ניט פאַרלאָרן זייערע לעבנס; דאָס רוסישע פאָלק וואָלט ניט געהאַט קיין דיקטאַטאָר; און ניט האָבנדיק פון וועמען צו לערנען ווי אַזוי צו דיקטאַטורעווען, וואָלט אויך

דאָס איטאַליענישע פאָלק און דאָס דייטשע פאָלק ניט געליטן היינט פון דיקטאַטאָרס.

ניין, די געשיכטע מוז ניט דווקא זיין אַזוי ווי זי איז. זי קען אויך אַנדערש זיין, ווען מענשן זאָלן וויסן וואָס זיי דאַרפן וועלן — פאַרשטייט זיך, אין די גרעניצן פון מעגלאכקייט.

און אַז מ׳רעדט וועגן דעם, וואָס מענשן דאַרפן וועלן, — זאָג איך, אַז נאָך מער ווי עקאָנאָמישע זיכערקייט דאַרפן זיי שטרעבן צו דער אנטוויקלונג פון דער מענשלאכער פערזענלאכ־קייט און גייסט.

אַ וואָרט צו דער יוגנט

ווען איך רייד וועגן דער יוגנט, מיין איך ניט די יוגנט בכלל, נאָר די ראַדיקאַלע יוגנט.

די יוגנט צייכנט זיך אויס מיט אַ גלויבן אין אירע כחות, מיט געוואַגטקייט. ווען זי וואָלט נאָך דערצו געהאַט מער דער־פאַרונג, וואָלט די יוגנט באמת געקענט פיל גוטס אויפטאָן. די צרה איז אָבער, וואָס דערפאַרונג קען מען ניט אויסלערנען פון ביכער; דאָס קען מען נאָר לערנען דורך דעם משך פון יאָרן. אַזוי ווי די יוגנט באַזיצט ניט אַזאַ דערפאַרונג, און קיין געדולד האָט זי אויך ניט — וואָרים געדולד לערנט מען אויך בלויז פון דערפאַרונג, — ווערן די מעלות פון גלויבן אין זיך און פון געוואַגטקייט גאַנץ אָפט גאָר חסרונות.

יונגע מענשן, וואָס לערנען אָדער האָבן שוין געענדיקט אַ העכערע שולע, דענקען, אַז זיי ווייסן שוין, אויב ניט אַלץ, איז זייער אַ סך. ווען עלטערע מענשן מיט מער דערפאַרונג, הגם אפשר מיט ווייניקער פאָרמעלער בילדונג, מאַכן זיי אויפמערק־זאַם אויף זייער ניט רייפקייט, אויף זייער ניט פאַרשטיין דאָס לעבן, — לאַכן זיי ביי זיך אין האַרצן זיך אויס פון די אַלטע, אָפגעלעבטע מענשן מיט די קאַלטע, וואַסערדיקע בלוטן.

וואָס ווייסן די אַלטע, מיט די אויסגעדאַרטע מוחות, מיט די אויסגעלאָשענע געפילן? — טראַכט זיך דער יונגער מענש.

ווען מיר ווען זיך צוהערן צו אַלץ, וואָס דער אַלטער דור זאָגט אונז, וועלן מיר בלייבן שטיין אויף איין אָרט און קיינמאָל קיין פֿאָרשריט ניט מאַכן. נאָר דורך געוואַגטקייט קען מען עפּעס דערגרייכן! ווי האָט אַמאָל מאַקסים גאָרקי געזאָגט: „בעזאומסטוואָ כראַבריך, וואָט מודראָסט זשיזני" — די גע־וואגטקייט פון די מוטיקע, אָט דאָס איז די חכמה פון לעבן. דעריבער — זייט מוטיק, איר יונגע! קוקט נאָר פֿאָרווערטס, קוקט קיינמאָל ניט אויף צוריק!

ווייס איך זייער וואויל, אַז עס איז פֿאַר קיינעם ניט אָנ־גענעם צו הערן פון עמיצן, אַז ער ווייס ניט אָדער פֿאַרשטייט ניט. דאָס באַליידיקט דעם „איך", דעם מענשלאַכן שטאָלץ. אָבער ווען עס האַנדלט זיך וועגן סכנות נפשות, וועגן גרויסע צאָלן מענשלאַכע לעבנס, וועלכע קענען פֿאַראומגליקט און רואי־נירט ווערן דורך אומדערפֿאַרענע, אייגעשפּאַרטע, הגם גוט־מיינענדיקע יונגוואַרג, — דעמאָלט ווערט עס אַ פֿליכט אויס־צושרייען: האַלט!

איך פֿרעג אייך, מיינע ליבע יונגע פֿריינט: מעג מען דערלאָזן איינעם, וואָס האָט קיין מעדיצין ניט געלערנט, צו היילן קראַנקע מענשן? אָדער דאַרף מען זיך פֿאַרלאָזן, איידער מ׳לאָזט זיך אָפּערירן, אויף דעם דיאַגנאָז פון אַ יונגן דאָקטאָר, וועלכער האָט ערשט זיין דיפּלאָם באַקומען און האָט ניט גענוג דערפֿאַרונג אין דער פּראַקטיק פון מעדיצין? יעדער מענש מיט שכל און פֿאַראַנטוואָרטלאַכקייט וועט ענטפֿערן: ניין, מען

טאָר ניט שטעלן אין סכנה דאָס לעבן פון אַ מענשן אויף דעם וואָרט אָדער מיינונג פון אַן אומדערפאַרענעם דאָקטאָר. היינט פרעגט זיך: ווי אַזוי קען מען זיך פאַרלאָזן מיט די סאָציאַלע „קרענקען", וועלכע זיינען פיל מער קאָמפּליצירט איידער מעדיציניש פראָגן, אויף די מיינונגען און דיאַגנאָזן פון אומדערפאַרענע יונגע מענשן? און נאָך מער: ווי אַזוי דערלויבן זיך גאָר יונגע מענשן צו זיין אַזוי זיכער מיט זייערע רפואות צו געזעלשאַפטלאַכע מחלות, ווען אין אמת'ן פאַרשטייען זיי דאָך אַזוי ווייניק וועגן אַט די פראָגן?

די יוגנט קען זאָגן: מיר שטעלן ניט אינגאַנצן אויף זיך אַליין און אויף אונזער אייגענעם שכל. מיר פאַרלאָזן זיך אויף די דיאַגנאָזן און מיינונגען פון עלטערע, קליגערע און דערפאַרענערע פון אונז. מיר גלויבן, אַז די רעוואָלוציאָנערע פּראָגראַמען, וואָס זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן פון אַזעלכע דענקער ווי מאַרקס, ענגעלס און לענין, וועלכע זיינען אַליין ניט געווען קיין אינגלאַך און האָבן געהאַט גענוג לעבנס־דערפאַרונג אַחוץ טעאָרעטישן וויסן, און מיר זיינען גרייט זיי נאָכצוגיין און אָפּפערן מיט אונזערע לעבנס פאַר דער דורכפירונג פון די דאָזיקע פּראָגראַמען.

דאָס איז זייער אַ גוטער ענטפער. לײדער, זיינען פאַראַן גענוג אויטאָריטעטן, אויף וועלכע מ'קען זיך שטיצן אין יעדער געזעלשאַפטלאַכער אַוואַנטורע, אין יעדן געוואַגטן סאָציאַלן עקספּערימענט. איך פרעג אָבער: ווען עס האַנדלט זיך וועגן

ארויסרופן אויפשטאַנדן, רעוואָלוציעס, מאַסן־מאָרד; ווען עס האַנדלט זיך וועגן דעם גליק אָדער אומגליק פון פעלקער און לענדער, — האָט ווער עס איז אַ רעכט זיך צו פאַרלאָזן בלויז אויף גלויבן אין אויטאָריטעט, זיך ניט רעכענענדיק דערביי מיט דערפאַרונג, מיט פשוטער פערזענלאכער דערפאַרונג?

ווען אַ מענש איז געפערלאך קראַנק, און די דאָקטוירים קענען זיך ניט איניקן אין זייער דיאַגנאָז פון דער קראַנק־הייט, — וואָס ווערט אין אַזאַ פאַל געטאָן? פאַרשטייט זיך, מ'רופט אריין אַ גרעסערן דאָקטאָר, אַ מער דערפאַרענעם.

די זעלבע פראָצעדור דאַרף, פאַרשטייט זיך, אויך אָנגע־ווענדעט ווערן אויף סאָציאַלע קראַנקהייטן. אויך דאָ דאַרף מען זיך פאַרלאָזן אויף די מער דערפאַרענע, די מער געלערנטע, די גרעסטע צאָל אָנערקענטע דאָקטוירים. און אַז מיר זעען, אַז די גרעסטע צאָל פאָליטישע עקאָנאָמען זיינען ניט מסכים מיט די טעאָריעס פון מאַרקס און לענין, — איז דען ניט גליי־כער זיך צו פאַרלאָזן אויף זיי, איידער אויף מאַרקסן און לע־נינען?

אמת, אמאָל טרעפט, אַז איין מענש איז קליגער, איז גע־רעכטער פון מיליאָנען אַנדערע מענשן. אָבער מיר קענען דאָך ניט זיין זיכער, ווער עס איז דער גערעכטער. עס זיינען דאָך פאַראַן אַזוי פיל נאַראָנים, וואָס שרייען, אַז זיי זיינען גאָר די קלוגע; אַזוי פיל פאַנטאַזיאָרן, וואָס מיינען אַז זיי זיינען גאָר די פראַקטישסטע פון די פראַקטישע!

דאָס רעד איך אַלץ צו דער ערלאכער, אידעאַליסטישער יוגנט. עס איז אָבער ניט אַזוי גרינג צו באַשטימען, ווער פון דער יוגנט עס איז טאַקע מיטן גאַנצן האַרצן אידעאַליסטיש און ווער עס זוכט בלויז זיך אויסצופיינען פאַר באַקאַנטע, צו שיינען אין דער עפנטלאכקייט, צו זען זייערע נעמען געדרוקט אין דער פּרעסע א. אז. וו.

מיר ווייסן פון אַ סך יונגע מענשן, וואָס ווערן צושמאָלצן פון נחת, פון גדולה, וואָס זיי זייבען זוכה געווען צו דעם גרויסן כבוד צו ווערן „העלדן" — דורך אויסצייכענען זיך אין אַ דע־מאָנסטראַציע, דורך זיצן אין געפענגניש, פאַר וואָס מ'מאַכט זיי באַנקעטן און מ'זינגט זיי לויב־געזאַנגען, אַז זיי זיינען גרויסע מאַרטירער א. אז. וו. א. וו.

איר, יונגע מענשן — גיט אַ גוטן זוך אין דער אייגענער נשמה, פּרוּווט זיך דערגרונטעווען אין אייער אייגענעם אונ־טערבאַוואוסטזיין: אפשר וועט איר דאָרט געפינען דעם שליסל צו דער רעטעניש, פאַרוואָס עס ציט אייך אַזוי צו שטורמדיקע אַקציעס, צו געוואַגטקייט ?

און איז עס אַ יושר, אַז צוליב אָט דעם קליינלאכן אויס־צייכענען זיך פון אייער זייט זאָלן געשטעלט ווערן אין סכנה אַזוי פיל אמת־ווערטפולע זאַכן ?

מעג מען איינשטעלן אין קאָן די דערגרייכונגען פון דורות, די מענשלאכע פרייהייט און חשיבות, בלויז דערפאַר, ווייל די אומדערפאַרענע, ריקזיכטסלאָזע יוגנט טראַכט זיך: אָט, לאָמיר

פּרובירן! ווער זיך איינגעבן, — וועלן אונזערע נעמען פאַר־איייבקט ווערן אין דער געשיכטע; ווער זיך ניט איינגעבן — איז . . . ניט געטראָפן!

וואָס זשע זאָלן מיר טאָן? — ווער די יוגנט פרעגן. — זאָלן מיר זיצן מיט פאַרלעגטע הענט און וואַרטן אויף די על־טערע יאָרן, ווען דער מוט וועט אונז פאַרלאָזן, ווען די ענערגיע און די קאַמפּלוסט וועט אין אונז אָפּגעשוואַכט ווערן, ווען די הייסע בלוט אונזערע וועט אָפּגעקילט ווערן — ווען מיר וועלן קענען זיין אמת־זיכער אין אונזערע איבערצייגונגען, אָבער מיר וועלן שוין קיין כחות ניט האָבן צו אַרבעטן פאַר די איבער־צייגונגען?

צוויי ענטפערס זיינען פאַראַן אויף אָט־די פראַגן:

ערשטנס: אַפילו ווען עס איז אמת, אַז ביז די יוגנט וועט ווערן אַבסאָלוט זיכער אין זייערע איבערצייגונגען, וועלן זיי דערווייל פאַרלירן די מעלות וואָס די יוגנט באַזיצט, — איז דערפון דען געדרונגען, אַז מ׳דאַרף זיך דערלויבן צו פאַר־ווענדן די יוגנטלאַכע ענערגיע אויף אַן אומפאַראַנטוואָרטלאַכן אופן, וואָס קען שטעלן אין געפאַר אַן אַ שיעור מענשלאַכע לעבנס און אָנגעקליבענע געזעלשאַפטלאַך־מאָראַלישע דערגריי־כונגען?

צווייטנס, איז גאָר ניט אמת, אַז אויב ניט קיין געוואָגטע רעוואָלוציאָנערע אַקציעס, איז שוין גאָר ניטאָ וואָס צו טאָן. וואָלטן מיר נאָר געהאַט אַזוי פיל יונגע מענשן, וועמעס ענערגיע

עס וואָלט געקענט פאַרווענדט ווערן. עס איז פאַראַן זייער אַ סך צו טאָן. מ׳דאַרף אויפקלערן די מאַסן, מ׳דאַרף אָרגאַניזירן יוניאָנס, קאָאָפּעראַטיוון א. אז. וו., א. וו. אפשר איז פאַר דער יוגנט אַזאַ טעטיגקייט ניט גענוג אויפרעגנדיק, ניט גענוג ברויזנ־דיק, ווי רעוואָלוציאָנערע, וועלט־איבערקערנדיקע מעשים אָדער פאַרזוכן. דערפאַר אָבער איז אַזאַ טעטיגקייט פרוכטבאַרער, דערפאָלגרייכער אין אירע רעזולטאַטן, ווי רעוואָלוציאָנערע, אָטעם־פאַרכאַפּנדיקע אַוואַנטיורעס.

מיר דוכט זיך

מיר דוכט זיך, אַז אַ מענש וואָס האָט ניט קיין שטאַרקע ליבע צו מענשן און צום אמת, קען קיין אידעאַליסט ניט זיין, קען איבערהויפּט ניט זיין גערעכט אין סאָציאַלע פראַגן.

מיר דוכט זיך, אַז מענשן, וואָס האָבן אַ צו גרויסע אַמביציע ארויפצוקלעטערן אויף דעם העכסטן שטאַפּל פון געזעלשאַפט־לאַכער פּראָמינענץ, צו ווערן מנהיגים, פירער, מוזן גאַנץ אָפט געשטרויכלט ווערן אין אומגערעכטיגקייט — אַמאָל בשוגג און אַמאָל במזיד.

מיר דוכט זיך, אַז ווען מ'האָט אַ סך שכל אין קאָפּ, אָבער ווייניק גוטע געפילן אין האַרצן, איז מען אַ מענש אָן מענש־לאַכקייט.

מיר דוכט זיך, אַז ניט אַלע, וואָס שרייבן שיין, האָבן שיינע נשמות; אַז ניט אַלע רעוואָלוציאָנערן זיינען אידעאַ־ליסטן; אַז ניט אַלע סאָציאַליסטן זיינען אידעאַליסטן, און אַז אַ ניט־סאָציאַליסט קען אויך זיין אַן אידעאַליסט.

מיר דוכט זיך, אַז עס זיינען פאַראַן אַ סך גענאָסן, חברים, קאַמעראַדן, וואָס זיינען פאַרבונדן צווישן זיך דורך אַ געמיינ־שאַפטלאַכן ציל אָדער שטרעבונג צו אַן אידעאַל, און דאָך האָבן זיי ניט קיין אמת'ע האַרציקע פריינטשאַפט איינער צום צווייטן.

מיר דוכט זיך, אַז דער גלויבן אין אַן אידעאַל גייט ניט

אַלעמאָל האַנט־אין־האַנט מיט אידעאַליזם. מ'קען האָבן אַן אידעאַל און ניט זיין קיין אידעאַליסט, און מ'קען, פאַרקערט, ניט האָבן קיין באַשטימטן אידעאַל, און זיין אַן אידעאַליסט מיט אַ ריינער, שיינער נשמה.

מיר דוכט זיך, אַז ניט אַלץ וואָס איז ראַדיקאַל איז גוט, און ניט אַלץ וואָס איז קאָנסערוואַטיוו איז שלעכט.

מיר דוכט זיך, אַז קאָנעסקווענטקייט, אויסגעהאַלטנקייט און איבערטריבענע לאָיאַליטעט זיינען גאַנץ אָפט חסרונות אָנ־שטאָט מעלות. די דאָגמאַטיקער־פאַנאַטיקער, וואָס ווילן זיין אַלעמאָל קאָנסעקווענט, אויסגעהאַלטן, זיינען געגליכן צו יענעם חסיד־שוטה, וועלכער האָט ניט געוואָלט ראַטעווען אַ פרוי וואָס האָט זיך געטרונקען, דערפאַר ווייל ער וועט נאָך חס ושלום דערביי דאַרפן אָנרירן דאָס נאַקעטע פרויען־לייב.

מיר דוכט זיך, אַז די, וואָס ווילן דוקא, אַז מ'זאָל ליב האָבן אַלעמען גלייך, אָן אַן אונטערשייד פון פריינט און באַ־קאַנטע, פון נאָענטע און ווייטע, פון אייגענע און פרעמדע, — ווייסן ניט וואָס ליבע איז און האָבן אין אמת'ן קיינעם ניט ליב.

מיר דוכט זיך, אַז אַלע געדאַנקען האָבן אין זיך עטוואָס אמת; פאַלש זיינען נאָר די איבערטרייבונגען פון די דאָזיקע געדאַנקען.

מיר דוכט זיך, אַז אַזוי ווי דער מענטש איז נאָך גאַנץ ווייט פון פאָלקאָמענהייט, זיינען זיינע אידעאַלן אויך ווייט פון שלימות. דעריבער מעג מען און דאַרף מען איבערשאַצן דעם ווערט און די נוצלאָכקייט פון אידעאַלן וואָס אָפטער.

מיר דוכט זיך, אַז די וואָס מיינען אַז מ׳קען איבערבויען דעם סאָציאַלן בנין אין איין הרף־עין, און אַז דורכדעם וועט דעם מענשנס נאַטור אויך געענדערט ווערן איינס־צוויי־דריי, פאַרשטייען ניט דאָס לעבן.

מיר דוכט זיך, אַז נאָר אומקאָמפּראָמיסלאכע פאַנאַטיקער מאַכן ניט קיין פשרות, קיין אָפּנויגונגען פון דער אָנגענומענער גענעראַל־ליניע. דאָס גאנצע לעבן באשטייט פון קאָמפּראָמיסן און אָפּנויגונגען.

מיר דוכט זיך, אַז כל זמן אַן אַרבעטער מעג אַרבעטן ביי אַ קאַפּיטאַליסט, וועמען ער מאַכט רייך מיט זיין פּראַצע און אינדירעקט שטיצט ער אויך דערמיט די קאַפּיטאַליסטישע אָרד־נונג; אַז כל זמן מענשן גייען אין מלחמה צו פאַרטיידיקן זייערע לענדער; אַז כל זמן מענשן באַלאַנגען יעדערער צו זיין פאָלק, צו זיין נאַציע; אַז כל זמן אַלע פעלקער האַלטן טייער און אַנטוויקלען זייערע קולטורן, זייערע שפּראַכן, — מעג און דאַרף דאָס אידישע פאָלק שטרעבן צו אַן אייגענעם ווינקל אויף דער ערד, צו אַן אייגענער היים; מעג אויך און דאַרף דאָס אידישע פאָלק אָנהאַלטן און אַנטוויקלען זיין שפּראַך, זיין קולטור, זיינע אייגנאַרטיגקייטן בכלל.

מיר דוכט זיך, אַז די וואָס זיינען קעגנער פון דעם נאַ־טירלכאן שטרעבן פון אַ פאָלק צו האָבן אַן אייגענע היים און ניט דאַרפן זיך וואַלגערן אין פרעמדע לענדער צווישן פרעמדע פעלקער, זיינען ניט קיין פּראָגרעסיווע מענשן, נאָר רעאַקציאָ־נערן פון ערגסטן מין.

מיר דוכט זיך, אַז װעלן אָפּשאַפן נאַציעס, פעלקער און מאַכן פון זײ אײן „מענשהײט״, איז דאָס זעלבע װי פאַרלײקענען די נאַטור גופא, װעלכע האָט ניט באַװיזן צו באַשאַפן צװײ ברואים מיט אײנע און די זעלבע נעזער; מײנט פאַרלײקענען די געשיכטע, װאָס װײזט אונז אַז די גײסטיקע ירושה װאָס מענשן גיבן איבער זײערע קינדער איז אַ גרױסער פאַקטאָר אין לעבן.

מיר דוכט זיך, אַז ניט אַלץ װאָס דוכט זיך איז טאַקע אַזױ װי עס דוכט זיך.

באַלדיקע דערגרייכונגען

שרייבנדיק וועגן רוזוועלט'ס סאָציאַלן רעפאָרמיזם, דעם „ניו דיל", האָט אַ סאָציאַליסטישע צייטונג („וועקער" פון דעם 23טן דעצעמבער, 1934) זיך אויסגעדריקט אָט אַזוי:

„פאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג שטייט ניט די אויפגאַבע צו קעמפן קעגן דעם „ניו דיל", נאָר צו קעמפן פאַרן סאָציאַליזם אונטער די נייע באַדינגונגען, וואָס דער „ניו דיל" האָט געשאַפן".

מיט אַנדערע ווערטער מיינט עס: פאַר אימיצן אַנדערש איז עס יאָ די אויפגאַבע צו קעמפן קעגן דעם „ניו דיל", אָבער ניט פאַר אונז סאָציאַליסטן. אונזער אויפגאַבע איז נאָר און בלויז צו קעמפן פאַרן סאָציאַליזם אונטער די נייע אומשטענדן, וואָס דער „ניו דיל" האָט געשאַפן.

אין אָט די ווערטער איז אויסגעדריקט געוואָרן די גאַנצע אומלאָגישקייט, אומפּראַקטישקייט און ווידערשפּרוך פון דער סאָציאַליסטישער טעאָריע און פּראַקטיק, פון דער סאָציאַליסטיש-רעוואָלוציאָנערער באַציאונג צו סאָציאַלע רעפאָרמען, צו דער פאַרבעסערונג אין דער מערכה פון די אַרבעטנדיקע מאַסן.

וואָרים עס איז דאָך אַ פּשוט'ער ממה נפשך: איז דער „ניו דיל" אַ שטערונג צו דער איינפירונג פון סאָציאַליזם, צו דער אָפּשאַפונג פון פּריוואַט-אייגנטום, — דאַרפן דאָך סאָציאַ-

ליסטן טאַקע פירן אַ קאַמף קעגן דעם „ניו דיל״. אויב אָבער סאָציאַליסטן זיינען יאָ פאַראינטערעסירט אין פאַרבעסערן די לעבנס־באַדינגונגען פון די פאָלקס־מאַסן, — פאַרוואָס־זשע זאָלן זיי זיך באַציען אַזוי פּאַסיוו צום „ניו דיל״? פאַר וואָס טאַקע ניט קעמפן פאַר אים?

פון איין זייט טענה׳ן סאָציאַליסטן, אַז זיי ווילן אַ בעסערן, שענערן לעבן פאַר די אַרבעטער שוין איצט. זיי רופן די אַר־בעטער אריינצוטרעטן אין די יוניאָנס; זיי העלפן זיי קעמפן פאַר בעסערע באַדינגונגען, פאַר קירצערע שטונדן, פאַר גרע־סערע שכירות, פאַר מענשלאַכער באַהאַנדלונג א. א. וו. פון דער אַנדערער זייט, אָבער, האָבן זיי ביי זיך אין האַרצן מורא פאַר די פאַרבעסערונגען אין דעם לעבן פון די פאָלקס־מאַסן. זיי האָבן מורא, אַז די פאַרבעסערטע באַדינגונגען וועלן אָפּ־טויטן דעם אינטערעס פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן אין דער פאַרניכטונג פון דער עקזיסטירנדיקער אָרדנונג, און די אָרד־נונג וועט דורכדעם ווערן שטאַרקער.

לויט מיין מיינונג, דאַרפן סאָציאַליסטן זיך באַפרייען פון דעם דאָזיקן געמישטן געפיל, פון דעם דאָזיקן „ויחד״, וואָס מיינט — אַז עס פרייט זיי און שטעכט זיי אין איין און דער זעלבער צייט פון דעם וואָס דעם אַרבעטערס לאַגע ווערט בעסער, זיכערער.

סאָציאַליסטן דאַרפן איין מאָל פאַר אַלעמאָל ביי זיך באַ־שליסן וואָס זיי ווילן. אויב די הויפּט־זאַך ביי זיי איז דער סאָציאַליזם, — דעמאָלט דאַרפן זיי אויפהערן דרייען אַ ספּאָ־

דיק, אַז זיי זיינען פאַראינטערעסירט אין פאַרבעסערן די לאַגע פון די אַרבעטער; זיי דאַרפן האָבן דעם מוט מודה צו זיין, אַז די באַלדיקע פאַרבעסערונגען זיינען פאַר זיי בלויז וויכטיק, אויף וויפיל דאָס העלפט דעם סאָציאַליסטישן ענדציל, אָבער פאַר זיך אַליין זיינען זיי אין זיי ניט פאַראינטערעסירט.

אויב אָבער זיי זיינען יאָ פאַראינטערעסירט אין דער פאַר־בעסערונג פון דער מערכה פון די פאָלקס־מאַסן, דער פאַר־לייכטערונג פון די יסורים פון די ליידנדע אונטער דער קאַפּי־טאַליסטישער סיסטעם, — דעמאָלט דאַרפן זיי דערקלערן, אַז די דאָזיקע פאַרבעסערונגען זיינען ביי זיי זייער וויכטיק; אַז סאָציאַליסטן דאַרפן קעמפן פאַר יעדער פאַרבעסערונג, ווייל דאָס דערנענטערט צום ענד־ציל — צום סאָציאַליזם.

די ברייטע אַרבעטערשאַפט איז בארעכטיקט צו וויסן, וואו די סאָציאַליסטן שטייען. איז ביי זיי דער סאָציאַליזם העכער פון די אַרבעטער־מאַסן גופא, אָדער זיינען זיי פאַראינטערעסירט אין דעם וואוילשטאַנד פון די מאַסן פריער פון אַלץ?

ווען דאָס וועט קלאָר ווערן פאַר די מאַסן, — וועלן זיי אַליין אנטשיידן, צי ווילן זיי מקריב זיין זייערע באַלדיקע אינ־טערעסן צוליב דעם סאָציאַליסטישן ענדציל, אָדער ניט.

די ביז־איצטיקע שטעלונג פון סאָציאַליסטן איז אָבער בשום אופן ניט קיין אויסגעהאַלטענע. זיי זאָרגן זיך כלומרשט פאַר די אַרבעטער, אָבער אין אמת'ן טוט זיי וויי דאָס האַרץ ווען זיי באמערקן, אַז דעם אַרבעטערס לאַגע ווערט בעסער

און דער ענדציל ווערט אָפּגעלעגט אויף שפּעטער, אויף אַחרית הימים.

סאָציאַליסטן, וואָס האָבן טאַקע אין אמת׳ן אין זינען די אינטערעסן פון די מאַסן, — קענען ניט בלייבן גלייכגילטיק צו די קליינינקע רעפאָרמען, צו די „לאַטעס וואָס ווערן געלייגט אויף דער אַלטער קאַפּאָטע״, — וואָרים אַ קאַפּאָטע מיט לאַטעס איז פאָרט בעסער ווי אַ קאַפּאָטע מיט לעכער, איבערהויפּט נאָך ווען קיין נייע קאַפּאָטע איז ניטאָ, און איין גאָט ווייס ווען מ׳וועט די נייע קאַפּאָטע קענען קריגן.

אמת׳ע פריינט פון פאָלק, וועמעס הערצער בלוטן פאַר די נויטן פון פאָלק, קענען זיך ניט באַציען אַזוי גלייכגילטיק צו סאָציאַלע רעפאָרמעס, וואָס מיינען אַזוי פיל פאַר די מאַסן.

נאָר מענשן, ביי וועמען די סכעמע, די דאָגמע, איז העכער פון דעם מענשן, קענען זיך באַציען אַזוי גלייכגילטיק, מיט אַזאַ „קאַלטן לונג־און־לעבער״ צו אַזעלכע באַדייטנדע סאָציאַלע רעפאָרמען ווי דער „ניו דיל״ האָט דורכגעפירט. אמת׳ע קעמפער פאַרן פאָלק טאָרן זיך ניט זוכן אַרויסצודרייען פון אַ קלאָרן ענטפער דורך דערקלערן, אַז זייער אויפגאַבע איז „ניט צו קעמפן קעגן דעם „ניו דיל״.״ אַזעלכע פאָלקס־פריינט וועלן ניט מורא האָבן טאַקע צו קעמפן פאַר דעם „ניו דיל״.

אויב די דאָזיקע רעפאָרמען זיינען גוט פאַר די פאָלקס־מאַסן, — דאַרפן זיי אויך זיין גוט גענוג פאַר די סאָציאַליסטן, און זיי דאַרפן האָבן דעם מוט אָפן פאַר זיי זיך איינצושטעלן!

איז דער „לא תרצח״ אַלעמאָל גילטיק?

אַ סך פון אונזערע געזעלשאפטלאכע טוער טענה׳ן, אַז מיר טאָרן זיך ניט באנוצן מיט די זעלבע געווער, וואָס אונזערע שונאים נוצן קעגן אונז.

איז אָט זיי וויל איך פרעגן: זינט ווען טאָר מען זיך ניט פאַרטיידיקן?

די היטלעריסטן טוען אַלעס מעגלאכעס אויסצומעקן אונזער נאָמען פונם ספר החיים אין דייטשלאַנד; און אויב זיי וואָלטן געווען בכח אָפּצואווישן אונזער נאָמען פון דעם גאַנצן ערדקוגל, וואָלטן זיי זיך ניט פאַרטראַכט אויף קיין איין מינוט און וואָלטן עס געטאָן.

און דאָס דייטשע פאָלק, איך מיין די ניט־היטלעריסטן, — וואָס זאָגן זיי? פון זיי הערט מען קיין פּיפּס ניט. „דאָס פאָלק פון דענקער און דיכטער״ שטייט פון ווייטן און קוקט זיך צו „ווייסנשאפטלאך״, וואָס די היטלעריסטן וועלן אויפטאָן. וועלן די היטלעריסטן ארויסטרייבן די אידן פון דייטשלאַנד, און דערפון וועט דעם דייטשן פאָלק ארויסקומען אַ טובה, — איז מה טוב! וועט דערפון ניט ארויסקומען קיין טובה פאַר דייטשלאַנד, — דאָן איז דאָך דאָס דייטשע פאָלק ריין פון שולד; ער בלייבט ווייטער אַ ציוויליזירט, קולטורעל פאָלק, ווי עס פּאַסט פאַר „אַ פאָלק פון דענקער און דיכטער״.

אייגנטלאך, איז ניט אַזוי גרינג אָפּצוטיילן דאָס פאָלק פון דער רעגירונג פון אַ לאַנד. אַ רעגירונג קען זיך ניט האַלטן אָן דער הסכמה פון פאָלק. עס קען זיין, אַז די אַכציק מיליאָן דייטשן שטיצן ניט אַקטיוו די היטלעריסטישע רעגירונג, אָבער מיט זייער פּאַסיוויטעט מאַכן זיי מעגלאך אַז זי זאָל הערשן איבערן גאַנצן לאַנד. אויף אַזוי ווייט, איז דאָס גאַנצע דייטשע פאָלק פאַראַנטוואָרטלאך פאַר די מעשים פון דער נאַצי־רעגירונג.

דאָס דייטשע פאָלק האָט פון זיך ניט ארויסגעגעבן קיין זשעליאַבאָווס, קיבאַלטשיטשעס, סאָפיאַ פּעראָווסקאַיאַס און אַנדערע, ווי דאָס רוסישע פאָלק האָט ארויסגעגעבן, — אַזאַ פאָלק איז פאַראַנטוואָרטלאך פאַר די מעשים פון זיין רעגירונג.

מיר לייקענען ניט, אַז עס זיינען פאַראַן אָנשטענדיקע דייטשן, סאָציאַליסטן, וועלכע זיינען קעגן היטלערס רציחות קעגן אידן. אָבער זיי טוען גאָרניט קעגן דעם, און אויף אַזוי ווייט ווי די רציחות ווערן באַגאַנגען אין זייער נאָמען אויך, זיינען זיי אינדירעקט פאַראַנטוואָרטלאך פאַר זיי.

פונדעסטוועגן קעמפן מיר ניט קעגן די אָנשטענדיקע דייטשן. מיר קעמפן בלויז קעגן די רשעים, קעגן די באַרבאַרן, וואָס קראַצן אידישע לייבער מיט אייזערנע קאַמען ביז די נשמה גייט אויס, אַזוי ווי מען האָט געטאָן מיט רבי עקיבא'ן מיט אַכצן הונדערט יאָר צוריק. און אָט קעגן די רשעים מוזן מיר קעמפן מיט אַלע מיטלען וואָס מיר פאַרמאָגן, אָפילו ווען דאָס קען טרעפן אַ סך אָנשטענדיקע דייטשן וועלכע זיינען

דירעקט ניט פאראנטוואָרטלאך פאַר די מעשים פון די דאָזיקע רשעים.

קומען אידישע וואָרט־פירער און זאָגן אונז, בשעת דער טויטער ליגט פאַר אונזערע אויגן, אַז מיר זאָלן מיט ישוב־הדעת וועגן און מעסטן אונזערע מעשים, זאָלן מיר זיין גערעכט צו אונזערע בלוטיקע שונאים, וועלכע שטייען מיט דער שווערד איבער אונזערע קעפּ!

אַזעלכע רייד ווייזן, ווי טיף די גלות־פסיכאָלאָגיע האָט זיך איינגעקריצט אין דעם מאַרך און ביינער אַפילו פון אונזערע פירער און וואָרט־זאָגער! אַזעלכע רייד מוזן ארויסרופן אונזער שטאַרקסטן צאָרן!

אַן אַנדער פירער אונזערער — אַן ספק, אַ מאָראַלישע און הויך־עטישע פּערזאָן, — איז ארויסגעקומען מיט דער קאַטעגאָרישער דערקלערונג, אַז מיר דאַרפן זיין קעגן טויט־שטראָף אונטער אַלע אומשטענדן — „ניט אַפילו פאַר ניקאָלאַי דעם צווייטן, ניט אַפילו פאַר היטלערן".

די גרויסע אַכטונג זיינע פאַר אַ מענשנס לעבן, איז געוויס צו באוואונדערן. אָבער דער איינשטעל זיינער איז פאָרט אַ פאַלשער. טאַקע כדי צו פאַרהיטן מענשלאכע לעבנס, מוז מען אָפּט מאַכן אַ סוף צו די לעבנס פון בעסטיעס אין מענשן־געשטאַלט, וועלכע לויערן אויף אַנדערע מענשן און מאָרדן זיי אויס ביי דער ערשטער געלעגנהייט!

דער „לא תרצח" איז אַ דערהויבענער געבאָט. אָבער כדי צו פאַרמיידן רציחה און מאָרד, איז אָפּט נויטיק זיך צו

פעדערן און מאַכן אַ סוף צו די מערדער. האָט דאָך שוין די גמרא געזאָגט: „הבאָ להרגך, השכם והרגהו" — קומט איינער דיך הרג'ענען, פעדער זיך און הרג'ע אים! דערפון איז גע־דרונגען, אַז מ'מעג פאַרניכטן אַ מענשלאכן לעבן, כדי מציל צו זיין אַ סך מענשלאכע לעבנס.

ניין, ניט אויף זעלבסט־פאַרטיידיקונג איז גילטיק דער „לא תרצח". ווען אַ באַנדע רויבער און גזלנים באַפאַלן דיר, איז עס ניט נאָר דיין רעכט, נאָר דיין פליכט זיך צו פאַרטיי־דיקן — און פאַרטיידיקן מעג מען זיך אין אַזאַ פאַל מיט אַלע מיטלען.

דיסקוסיע וועגן דעם „לא תרצח"

אין „פאָרווערטס" פון 23טן יוני, 1934, איז אָפּגעדרוקט געוואָרן דער פאָלגענדער בריוו מיינער:

„אין „פאָרווערטס" פון 2טן יוני, 1934, אין אַן אַרטיקל אונטער דעם קעפּל „מיר ווערן מיט לייטן גלייך", זאָגט אייער חשוב'ער מיטאַרבעטער דר. א. גינזבורג: „אַ מערדער איז אַ מערדער, גאַנץ גלייך וואָס דעם מערדער'ס מאָטיוון זאָלן ניט זיין". „ניטאָ ביי אידן אַזאַ זאַך, ווי מאָרד לשם מצוה, פאַר די אינטערעסן פונם כלל. און ער איז שטאַרק אויפגעבראַכט קעגן די „אָנגעזעענע כלל-טוער און אונזערע שיינע לייט", וואָס האָבן געבאַנקעטעוועט און געהאַלטן דרשות לכבוד דעם „מושיע ישראל", וואָס האָט דערשאָסן דעם פּאָגראָמשטשיק פּעטליורא, און געמאַכט אים פאַר אַ העלד. אַ העלד, אַ קדוש, איז נאָך דר. גינזבורגס מיינונג, נאָר דער, וואָס לאָזט זיך אומברענגען על קדוש-השם, אָבער ניט דער וואָס ערמאָרדעט אַן אַנדערן.

וויל איך פרעגן דר. גינזבורג'ן אַ פראַגע: ווער איז נאָך ביי אידן אַזוי גרויס, אַזוי הייליק, ווי משה רבינו, און וואָס דערציילט דער חומש וועגן אים? דער חומש דערציילט אַזאַ מעשה:

איין מאָל „האָט משה רבינו דערזען ווי אַ מצרי שלאָגט (ניט מאָרדעט, נאָר שלאָגט) אַ אידן. האָט זיך משה אַרומגע-

קוקט אויף אַלע זייטן און געזען, אַז קיין מענש איז ניטאָ (דאָס איז שוין גאַרניט מעשה העלד), און האָט דער'הרג'עט דעם מצרי און האָט אים „באַהאַלטן", באַגראָבן אין זאַמד". אַזוי שטייט בפירוש געשריבן שוואַרץ אויף ווייס אין דער תורה.

וואָלט איך געוואָלט וויסן, צי איז משה רבינו, נאָך דר. גינזבורגס כלל, אויך אַ מערדער? און אויב יאָ, וואָרום פאַר־שוויגן די זאַך, וואָרום ניט פאַרדאַמען אים עפנטלאַך פאַר זיין מאָרד־טאַט, אַזוי ווי ער טוט עס אין דעם פאַל פון דעם שיסער אויף פעטליוראַ'ן?

און ניט נאָר איין מצרי האָט משה גע'הרג'עט. דער חומש דערציילט ווייטער, אַז ווען משה רבינו האָט געשפּאָלטן דעם ים, און האָט אַריבערגעפירט די אידן אין דער טריקעניש, און ווי די מצריים זיינען נאָר אריינגעגאַנגען אין ים האָט גאָט גע־זאָגט צו משה'ן: „בויג דיין האַנט אויפן ים און די וואַסערן וועלן זיך אומקערן אויף די מצריים". משה האָט אַזוי געטאָן; גאָטס געבאָט מוז מען דאָך פאָלגן — און אַלע מצרים מיט זייערע רייטוועגן און רייטער זיינען דערטרונקען געוואָרן. קיין איינציקער איז ניט ניצול געוואָרן. דעמאָלט, דערציילט דער חומש, האָט משה מיט די אידן געזונגען שירה און מרים, זיין שוועסטער, איז ארויס מיט פויקן און טענץ.

און ניט משה אַליין, נאָר פילע גרויסע פערזענלאכקייטן, וועלכע האָבן באַגאַנגען מאָרדן, ווערן ביי אידן פאַרהייליקט. דר. גינזבורג ווייס עס גאַנץ גוט און איך פאַרשפּאָר זיי אויס־צורעכענען.

„פאַר וואָס טאָר ניט דער מערדער פון אַ ראַטעגנוי זיין אַ הייליקער ביי די היטלעריסטן?" פרעגט דר. גינזבורג. איז מיר אַ גרויסער וואונדער אויף דר. גינזבורג, ער זאָל פרעגן אַזאַ פראַגע. דער משל איז דאָך גאָר ניט גלייך צום נמשל. פעטליורא איז געטויט געוואָרן, ווייל ער האָט גע'הרג'עט טויזנטער אומשולדיקע מענשן, אַלט און יונג, פרוי און קינד, אָן אַ פאַרוואָס, אָט גלאַט אַזוי זיך — כדי זיינע סאָלדאַטן זאָלן זיך קענען אַמוזירן, אַ „הוליע" טאָן. אָבער ראַטענאַו האָט קיינעם ניט דערמאָרדעט און אַפילו ניט געשלאָגן. ער איז בלויז געווען אַ פּאָליטישער קעגנער, און דערפאַר האָט מען אים דערמאָרדעט. ווי אַזוי זשע קען מען פאַרגלייכן דעם מאָרד פון פעטליורא מיט דעם מאָרד פון ראַטענוי?

און זאָגט מיר, ליבער דאָקטאָר: וואָס איז מכח לענינען, טראָצקין, סטאַלינען און די גאַנצע קאָמוניסטישע חברותא? וואָרום געפינט איר אויף זיי אַ זכות, אַז זיי, די קאָמוניסטן, זיינען גאַנץ ערלאַכע און וואוילע מענשן, נאָר זיי זיינען פאַרפירט פון אַ „פאַלשער פילאָזאָפיע", אַז נאָר דורך בלוט וועט קומען די ישועה? וואָרום ניט אָנווענדן דעם זעלבן זכות אויף היטלערן, אויף אַלע רשעים און רוצחים, וועלכע זיינען אפשר אויך פאַרפירט געוואָרן פון אַ „פאַלשער פילאָזאָפיע"?

מ'דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז דער וואָס האָט דערמאָרדעט פעטליוראַן, האָט עס געטאָן אַלס דירעקטן ראַכע־אַקט דערפאַר, וואָס פעטליורא איז געווען פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר דעם טויט פון טויזענטער ברידער און חברים זיינע. די קאָמוניסטן,

אָבער, דערמאָרדן הונדערטער, טויזנטער מענשן קאַלטבלוטיק, מיט ישוב־הדעת; דערצו האָבן די באָלשעוויקעס צוגענומען דאָס ברויט פון מיליאָנען רוסישע פויערים, וועלכע זיינען צוליב דעם אויסגעשטאָרבן פון הונגער, — און דאָך האָט דר. גינזבורג אַ גוט וואָרט פאַר זיי, און פאַר דעם מערדער פון פעט־ליוראַן האָט ער בלויז פאַרדאַמונג!

„ווער האָט אַזאַ פסק־דין ארויסגעגעבן (קעגן פעטליוראַן), און ווער האָט באַפולמעכטיקט אים דעם פסק־דין אויסצופירן?” — פרעגט דר. גינזבורג.

דער ענטפער איז: די עוללים ויונקים, די דערמאָרדעטע זויג־קינדער, די געשענדעטע פרויען, די געפּייניקטע אַלטע לייט, די בערג הרוגים — אָט זיי האָבן דעם פסק־דין ארויס־געגעבן; פון זיי קומט די באַפולמעכטיקונג דורכצופירן דעם טויט־אורטייל קעגן דעם רוצח פעטליוראַ!

מיר אַלע, די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט, זיינען עדות אויף די מעשים תעתועים, וואָס פעטליוראַ איז באַגאַנגען. דער פסק־דין קעגן אים איז אַ גערעכטער. אַ ראיה האָבן מיר דערפון, וואָס אַפילו די פראַנצויזישע ריכטער, ניט קיין אידן, האָבן באַפרייט דעם אויספירער, באַשטעטיקנדיק דערמיט דעם פסק־דין קעגן דעם רשע פעטליוראַ, אויף וועלכן איר אַליין זאָגט, אַז ער האָט זיין טויט כשר פאַרדינט.

ס'איז טאַקע אמת, אַז זינט אידן זיינען אין גלות האָט זיך ביי זיי שטאַרק אַנטוויקלט אַ ווידער־ווילן, אַן עקל צו בלוט־פאַרגיסונג בכלל און צו מענשלאכער בלוט־פאַרגיסונג ספּע־

ציעל. אָבער ס'איז נאָך אַ גרויסע פראַגע, צי דאָס נעמט זיך טאַקע פון אַ הויכן מאָראַלישן געפיל, אָדער דאָס איז אַ רעזולטאַט פון דעם שטאַרקן געפיל פון פחדנות, פון ציטערן פאַר אַ „שאָקל פון אַ בלאַט", וואָס האָט זיך שטאַרק אנטוויקלט ביי אידן אין גלות. און אָט דער פחדנות־געפיל האָט אָפּגעשוואַכט און אָפּ־געטעמפּט דעם נאַטירלאכן, געזונטן געפיל פון מענשלאכער זעלבסט־ווירדע און שטאָלץ ביי אידן. איך גלויב, אַז דערפון נעמט זיך דר. גינזבורגס „לאָגישער" אויספיר, אַז אַ קדוש, אַ העלד איז נאָר דער, וואָס שטעלט זיך ניט קעגן בייז, קעגן שלעכטס, און לאָזט זיך שעכטן ווי אַ שאָף. דאָס איז גלות־פסיכאָלאָגיע. נאָר די גלות־פסיכאָלאָגיע קען קומען צו אַזאַ מאָדנעם אויספיר, אַז די הירש לעקערטס, די קאַרפּאָוויטשעס, די סאָפיע פּעראָווסקאַיאַס און די אַלע אַנדערע פון זייער מין, וועלכע האָבן אין דעם קאַמף קעגן טיראַניי און שקלאַפעריי מקריב געווען זייערע לעבנס פאַר אמת, פאַר יושר, זיינען מערדער. פאַר מענשן פון אַ נאָרמאַלן, געזונטן פאָלק זיינען אַזעלכע געפילן אינגאַנצן פרעמד און אפילו אָפּשטויסנד.

אַז דר. גינזבורג, וועלכער צייכנט זיך אַלעמאָל אויס מיט קלאָרער לאָגיק, מיט קאַלטן, איבערלייגטן ישוב־הדעת, מיט אָביעקטיוויטעט, זאָל קומען צו אַזאַ שלוס, — דאָס איז פאַר מיר דער גרעסטער וואונדער.

מיט דרך ארץ,

ש. הורוויץ

אין „פאָרווערטס פון 30טן יוני, 1934, האָט דר. גינזבורג געענטפערט אויף מיין בריוו ווי פאָלגט:

„אין אַ „שטימע פון פאָלק”, וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין „פאָרווערטס” פון לעצטן שבת, יוני דעם 23טן, האָט אַ לעזער, מר. ש. הורוויץ, צו מיר טענות.

זיינע טענות באשטייען אין דעם, וואָס אין אַ פריערדיקן אַרטיקל האָב איך געזאָגט, אַז „אַ מערדער איז אַ מערדער, גאַנץ גלייך, וואָס זיינע מאָטיוון זאָלן ניט זיין”. איך האָב אויך געזאָגט, אַז עס איז ניטאָ ביי אידן אַזאַ זאַך, ווי מאָרד לשם מצוה, פאַר די אינטערעסן פון דעם כלל. דערצו האָב איך נאָך געזאָגט, אַז „דער אידישער קדוש איז דער, וואָס לאָזט זיך אומברענגען על קדוש השם, אָבער ניט דער, וואָס דערמאָרדעט אַן אַנדערן”.

געפינט מר. הורוויץ, אַז אַזעלכע באהויפּטונגען נעמען זיך פון דער גלות־פּסיכאָלאָגיע, פון דעם פּחדנות־געפיל, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אין אידישן פאָלק. איז, פאַרשטייט זיך, דער העלדישער מר. הורוויץ, וואָס ווייס ניט פון דעם פּחדנות־געפיל, דערמיט ניט מסכים.

בין איך זיך מודה, אַז איך האָב געזינדיקט. איך האָב עס טאַקע געזאָגט, כאָטש ניט אינגאַנצן מיט די זעלבע ווער־טער, וואָס מר. הורוויץ לעגט מיר אריין אין מויל. דער גע־דאַנק איז אָבער דער זעלבער.

איז געווייינלאך ענטפער איך ניט אויף די בריוו פון לעזער, אַפילו ניט ווען זיי, די דאָזיקע בריוו, ווערן אָפּגעדרוקט. מיין

חשבון איז אַ פּשוט'ער: די, וואָס זיינען מסכים מיט מיר, זיי איז דאָך ניט נויטיק צו ענטפערן. די, ווידער, וואָס זיינען ניט מסכים מיט מיר, וועט דאָס ענטפערן ניט העלפן. זיי וועלן סיי ווי סיי בלייבן ביי דאָס זייעריקע. טרייסט איך זיך דער־מיט, וואָס פאַר דער גאַנצער וועלט קען מען ניט יוצא זיין...

וואָלט איך זיך אויף מר. הורוויצעס בריוו ניט אָפּגעשטעלט, ווען איך וואָלט אין אים ניט געפונען אַ מערקווירדיקע קשיה, אַן אמת'ע קלאָץ־קשיה, וואָס איז אָבער אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלערליי משכילים, אַפּיקורסים, און אַפילו פאַר מאַנכע מאַרקסיסטישע סאָציאַליסטן, וואָס זיי, איבערהויפּט די לעצטע, וואָלטן געמעגט וויסן בעסער.

די צרה מיט די דאָזיקע אַלע לייט איז, וואָס זיי האָבן קיין שום אַנונג ניט וועגן היסטאָריע און היסטאָרישער אַנט־וויקלונג. זיי פאַרשטייען בשום אופן ניט, אַז דאָס וואָס האָט געקענט זיין עטיש און מאָראַליש מיט פיר אָדער דריי טויזנט יאָר צוריק, איז עס ניט מער אַזוי היינטיקע צייטן. מענשן האָבן זיך אַנטוויקלט און געענדערט, און צוזאַמען דערמיט האָבן זיך אויך געענדערט זייערע באַגריפן וועגן מאָראַל. דאָס, וואָס אַמאָל, מיט טויזנטער יאָרן צוריק, איז געווען פאַררעכנט פאַר גוט, ווערט איצט פאַררעכנט פאַר שלעכט. וואָס אַמאָל איז געווען שיין איז היינט מיאוס. עס זיינען ניטאָ קיין אייביקע געזעצן וועגן גוט און שלעכט און וועגן שיין און מיאוס. מענשן שטייען ניט אויף איין פּלאַץ. זיי ענדערן זיך, און צוזאַמען מיט זיי ענדערן זיך זייערע באַגריפן.

פרעגט מר. הורוויץ: ווער איז נאָך אַזוי הייליק ביי אידן ווי משה רבינו, און דאָך האָט ער דער'הרג'עט אַ מצרי בלויז דערפאַר, וואָס יענער האָט געשלאָגן (בלויז געשלאָגן) אַ אידן? דערפון, הייסט עס, דאַרף מען דרינגען, אַז מען מעג הרג'ענען פאַר שלאָגן אַ אידן און אַז עס זיינען דאָ הייליקע מערדער...

אָבער, אום גאָטעס הימלס ווילן, דאָס האָט דאָך פּאַסירט, אויב עס האָט איבערהויפּט פּאַסירט, מיט העכער ווי מיט דריי טויזנט יאָר צוריק... דאָן זיינען געווען אַנדערע צייטן, אַנדערע מענשן און אַנדערע באַגריפן. די דאָזיקע קשיה דער־מאָנט מיר אָן אַ „באַוויז", וואָס אַ באַקאַנטער אידישער אַפּיקורס האָט געבראַכט צו באַווייזן, אַז ביי אידן איז ניטאָ קיין „טהרת המשפחה" (פאַמיליען־ריינקייט), ווייל אברהם אָבינו האָט גע־לאָזט גיין זיין ווייב, שרה, צום קעניג אבימלך פון גרר (גראַר)...

אַחוץ דעם, און דאָס איז אין אונזער פאַל דאָס וויכטיק־סטע, דער עקזיסטירנדער אָדער לעגענדאַרער משה רבינו איז געוואָרן גרויס און הייליק ביי אידן, פּונקט ווי ביי די קריסטן און מאַכמעדאַנער, ניט דערפאַר, ווייל ער האָט דער'הרג'עט אַ מצרי, נאָר דערפאַר ווייל ער האָט געלערנט — לא תרצח! (דו זאָלסט ניט הרג'ענען). דאָס וואָס משה רבינו זאָל אַליין האָבן געטאָן איז פון קלענערער וויכטיגקייט, ווי דאָס, וואָס ער האָט געלערנט ניט צו טאָן.

איבעריקנס, די מעשה מיט דעם מצרי, ווען מ'זאָל האָבן גע'הרג'עט, איז שוין באַהאַנדלט געוואָרן פון די תלמוד־דיסטן, נאַטירלאך אויף זייער שטייגער, לויט זייערע דאַמאָלס־

דיקע באגריפן. זיי איז געווען קשה, ווי אַזוי האָט משה רבינו געקענט הרג'ענען אַ מענשן. זייער ענטפער איז, אַז ער האָט זיך מישב געווען מיט די מלאָכים, און זיי, די מלאָכים, האָבן גע'פסק'ענט, אַז דעם מצרי קומט מיתה (מדרש רבה, שמות פ' א'). משה, הייסט עס, האָט בלויז דורכגעפירט דעם פסק פון אַ בית־דין. ער האָט אים ניט גע'הרג'עט, ווייל ער אַליין האָט געדענקט, אַז דער מצרי האָט פאַרדינט דעם טויט. און וועגן דעם, וואָס משה האָט געלאָזט דערטרונקען ווערן די מצריים, געפינט זיך אויך אַ מדרש, וואָס זאָגט: ווען משה און די אידן האָבן געזונגען שירה, איז גאָט געווען ברוגז און ער האָט געזאָגט: „מעשי ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה לפני", — די אַרבעט פון מיינע הענט, מענשן, טרינקען זיך אין ים, און איר זינגט פאַר מיר שירה...

מיין איך דערמיט ניט צו זאָגן, אַז איר דאַרפט אָדער מוזט גלויבן דעם מדרש. וואָס איך וויל דערמיט באַווייזן איז, אַז די אידישע מאָראַל, די אידישע באַגריפן פון גוט און שלעכט, פון רעכט און אומרעכט, איז ניט אַלעמאָל געווען איינס און דאָס זעלבע. זי, די אידישע מאָראַל, האָט זיך געביטן לויט צייט און אומשטענדן. געווען אַמאָל אַ צייט, ווען די אידן האָבן זיך געהאַט געפונען אויף אַ נידעריקן מצב פון קולטור, ווען בלוט־פאַרגיסונג איז ניט געווען באַטראַכט פאַר אַזאַ מוראַ'דיקן פאַרברעך. דאַמאָלסט האָט זיך אויסגעאַרבעט די לעגענדע, אַז משה רבינו האָט גע'הרג'עט אַ מצרי, ווייל ער האָט געשלאָגן אַ אידן. שפּעטער, ווען אידן זיינען שוין גע־

שטאנען אויף אַ העכערער מדרגה פון קולטור, ווען זייערע עטישע באַגריפן זיינען געוואָרן אויסגעאיידלט, דאַן האָבן זיי מער ניט געקענט פאַרטראָגן אַזאַ מין מעשה. האָבן זיי גע־זוכט אַ תירוץ. און זיי האָבן, נאַטירלאַך, געגעבן אַזאַ תירוץ, ווי עס האָט זיך געפּאַסט פאַר זייער צייט...

דאָס זעלבע זעען מיר אויך אין דער אידישער געזעצ־געבונג. געווען אַמאָל אַ צייט, ווען עס האָט ביי אידן עקזיס־טירט אַ געזעץ „אַן אויג פאַר אַן אויג און אַ צאָן פאַר אַ צאָן". ווען די עטישע באַגריפן פון די אידן האָבן דערגרייכט אַ העכערע מדרגה, איז דער דאָזיקער ברוטאַלער געזעץ אויס־געטייטשט געוואָרן, אַז ער זאָל מיינען, אַז מען דאַרף דעם באַשעדיקטן באַצאָלן אַ שאָדנערזאַץ, וויפיל די אויג אָדער דער צאָן איז ווערט (עין תחת עין זה ממון).

איך האָב דאָ געקענט ברענגען מערערע אַזעלכע ביי־שפּילן צו באַווייזן, אַז דאָס אידנטום אָדער „אידישקייט" איז ניט עטוואָס באַשטימטער, וואָס איז גילטיק פאַר אַלע צייטן און פאַר אַלע דורות. „אידישקייט", ווי אַלץ וואָס עס לעבט, האַלט זיך שטענדיק אין איין בייטן און ענדערן. „אידישקייט" איז ניט קיין פאַרבאַלזאַמירטע מומיע. זי לעבט און ענדערט זיך: יעדער דור האָט זיך זיין אידישקייט. ביי אידן איז בכלל ניטאָ קיין „דת־משה". עס איז דאָ אַ „דת משה וישראל".

עס איז דעריבער ניט בלויז אומוויסנשאַפטלאַך, נאָר פּשוט אומזיניק צו פרעגן איצטער קשיות פון אַ מעשה, וואָס האָט פּאַסירט מיט העכער ווי דריי טויזנט יאָר צוריק, בפרט ווען

עס איז מעגלאך, אַז די גאַנצע מעשה איז ניט מער ווי אַ לעגענדע...

עס איז שוין צייט, אַז אונזערע משכילים און אַפיקורסים זאָלן געדענקען, אַז עס איז דאָ אַ פריער און אַ שפּעטער אין דער מענשלאכער געשיכטע און אַז די אידן זיינען בנוגע דעם ניט קיין אויסנאַם. אויך ביי זיי איז פאַראַנען אַ פריער און אַ שפּעטער.

***

וואָלט איך דאָ נאָך געדאַרפט זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דער אַזוי גערופענער „גלות־פּסיכאָלאָגיע" און וועגן דעם פּחדנות־געפיל, וועגן וועלכע מר. הורוויץ רעדט. האָב איך אָבער מורא, אַז דאָס איז אַ צו־שווערער ענין. דערצו איז נויטיק צו זיין מער אָדער ווייניקער באַקאַנט מיט דער פיזיאָ־לאָגיע פון דער מענשלאכער נערוון־סיסטעם און געהירן. דאָס, וואָס מען רופט „פּחדנות", איז אַ פונקציע פון שכל, ווערנד דאָס, וואָס מען רופט „העלדישקייט", איז מער אַ זאַך פון אינ־סטינקט און איז מער אַ פונקציע פון דעם רוקן־מאַרך.

דערפון נעמט זיך עס, אַזוי דאַכט זיך מיר, וואָס וואָס־ווילדער אַ פאָלק איז, אַלץ ברוטאַלער און אַלץ „העלדישער" איז עס. דער שכל מיט זיין צוריקהאַלטנדער ווירקונג, מיט זיינע, אַזוי גערופענע „אינהיבישאַנס", איז נאָך ניט גענוג אַנטוויקלט ביי די דאָזיקע פעלקער.

איך מוז זיך מודה זיין, און זאָל מיר דאָס ניט פאַררעכנט ווערן פאַר קיין זינד, אַז איך האַלט „העלדישקייט", איך מיין

פיזישע, גראָבע, ברוטאַלע העלדישקייט, ניט גייסטיקע העל־דישקייט, — איך האַלט פיזישע העלדישקייט ניט פאַר אַ מעלה, נאָר פאַר אַ חסרון.

הלואי וואָלטן מענשן געווען וועניקער העלדיש, וואָלטן מיר פאַרשפּאָרט די אַלערליי מלחמות און בלוט־פאַרגיסונגען, מיט וועלכע מיר זיינען נאָך אַזוי רייך.

די גלאָריפיקאַציע פון „העלדישקייט", וועלכע איז איצטער אַמשטאַרקסטן אין דייטשלאַנד און ביי די איבעריקע „ציוויליזירטע" פעלקער, באַווייזט, אַז מיר זיינען נאָך גאַנץ ווייט פון אמת'ער ציוויליזאַציע.

אַביסעלע מער פּחדנות און אַביסעלע וועניקער „העלדישקייט", וואָלט די וועלט אַ פיל בעסערע און שענערע געווען!

אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע" פון 3טן אויגוסט, 1934, איז אָפּגעדרוקט געוואָרן מיינער אַ קורצער ענטפער אויף דר. גינזבורגס ענטפער צו מיר. איך דרוק אים דאָ מיט איניקע אויסבעסערונגען:

שרייבט דר. גינזבורג אין זיין ענטפער צו מיר: „פרעגט מר. הורוויץ: ווער איז נאָך אַזוי הייליק ביי אידן ווי משה רבינו, און דאָך האָט ער דער'הרג'עט אַ מצרי בלויז דערפאַר, וואָס יענער האָט געשלאָגן (בלויז געשלאָגן) אַ אידן? דער־פון, הייסט עס, דאַרף מען דרינגען, אַז מען מעג הרג'ענען פאַר שלאָגן אַ אידן".

דר. גינזבורג איז מקפיד וואָס איך האָב אריינגעלעגט

מיינע ווערטער אין זיין מויל, אָבער אַז דער געדאַנק איז דער זעלבער, גיט ער צו.

איז עס טאַקע אמת. איך האָב איבערגעגעבן זיין געדאַנק מיט מיינע אייגענע ווערטער — איך האָב ניט געהאַט דעם נומער „פאָרווערטס" ביי דער האַנט. וואָרום־זשע לעגט דר. גינזבורג אריין זיינע ווערטער אין מיין מויל און ענדערט נאָך דערצו דעם גאַנצען געדאַנק מיינעם? איך האָב ניט געזאָגט די ווערטער: „און דאָך", וואָס דערפון וויל דר. גינזבורג דרינ־גען, אַז איך וויל אויסדרינגען פון משה רבינו'ס טאַט, אַז מען מעג הרג'ענען אַ מצרי בלויז פאַר שלאָגן אַ אידן.

איך האָב געבראכט די מעשה, וואָס ווערט דערציילט אין חומש, אַז משה רבינו האָט גע'הרג'עט אַ מצרי, און נאָך אַ מעשה ווי משה רבינו האָט דערטרונקען די מצריים אין ים און געזונגען שירה דערביי, כדי צו באווייזן, אַז ביי אידן ווערן פאַרהייליקט מענשן, כאָטש זיי זיינען באַגאַנגען מאָרדן. דאָס איז געווען מיין אַרגומענט קעגן דר. גינזבורגס באהויפּטונג, אַז דער אידישער קדוש איז דער, וואָס לאָזט זיך אומברענגען על קידוש השם, אָבער ניט דער וואָס דערמאָרדעט אַן אַנדערן.

איך האָב אויך ניט געפרעגט קיין „קלאָץ קשיות" אויפן חומש אָדער אויף משה רבינו. געפרעגט האָב איך דר. גינז־בורגן: „לדידך", נאָך דר. גינזבורגס שיטה, אַז אַ מערדער איז אַלעמאָל אַ מערדער, אָן אונטערשייד וועלכע מאָטיוון ער האָט געהאַט, צי ער איז אָנגעפאַלן אָדער ער האָט זיך פאַר־טיידיקט, און אַז אַ קדוש, אַ הייליקער איז ביי אידן נאָר דער,

וואָס לאָזט זיך אומברענגען על קידוש השם, — פאַרוואָס־
זשע ווערט משה רבינו פאַרהייליקט ביי אידן, כאָטש ער האָט
דער'הרג'עט אַ סך מענשן? איך האָב אויך געפרעגט: פאַר־
וואָס דר. גינזבורג פאַרדאַמט ניט משה רבינו ווי ער פאַר־
דאַמט דעם שיסער פון פעטליורא?

צי די מעשה פון קריעת ים סוף, פון שפאַלטן דעם ים
און דאָס הרג'ענען פונם מצרי איז אַ לעגענדע, און צי די
עקזיסטענץ פון משה רבינו איז אויך אַ לעגענדע, — האָט
ניט קיין שייכות צו אונזער ענין. די אידן, די רעליגיעזע
אידן, וועלכע זיינען היינט־צו־טאָג די גרויסע מערהייט פון
אונזער פאָלק, גלויבן דאָך באמונה שלימה אין דער מעשה פון
קריעת ים־סוף און אין אַלע מעשות וואָס זיינען געשריבן אין
חומש.

דר. גינזבורג זאָגט, אַז משה רבינו איז פאַרהייליקט גע־
וואָרן ביי אידן און ביי די אומות העולם ניט דערפאַר ווייל ער
האָט דער'הרג'עט אַ מצרי, נאָר דערפאַר ווייל ער האָט גע־
לערנט: „לא תרצח", זאָלסט ניט מאָרדן. דר. גינזבורג האָט
הפנים פאַרגעסן, אַז דער „לא תרצח" מיינט „אַז דו זאָלסט
ניט אָנפאַלן", אָבער ניט ווען מ'דאַרף זיך פאַרטיידיקן. אַ
באַווייז אַז „לא תרצח" מיינט ניט פאַרטיידיקן זיך, איז די
גמרא וואָס לערנט, אַז „הבא להרגך השכם והרגהו", דער וואָס
וויל דיך הרג'ענען, זאָלסטו זיך פעדערן און אים הרג'ענען.
דר. גינזבורג האָט אויך פאַרגעסן, אַז דער זעלבער משה רבינו
האָט אָנגעזאָגט די אידן: „מחה תמחה את זכר עמלק מתחת

השמש, לא תשכח״ — דו זאָלסט אָפּמעקן די געדעכעניש פון עמלק׳ן פון אונטער די הימלען, זאָלסט עס ניט פאַרגעסן!

באַווייזט עס ווידער, אַז פאַרטיידיקן דאָס לעבן פון אַ מענטשן איז אַ חוב, און מקיים זיין דעם פּסוק: „ובערת את הרע מקרבך״ איז ניט קיין פאַרברעכן, נאָר אַ מצוה.

אויף מיין באַשולדיקן דר. גינזבורג אין אינפעריאָריטעט קאָמפּלעקס, אין שפּלות־געפיל, וואָס דער גלות האָט אויף פילע פון אונזער פאָלק אָפּגעשטעמפּלט, זאָגט דר. גינזבורג, אַז עס איז אַ שווערער ענין, אַז מ׳דאַרף זיין באַקאַנט מיט דער פיזיאָ־לאָגיע פון דעם מענטשלאַכן נערוון־סיסטעם און געהירן, אַז פּחדנות איז אַ פונקציע פון שכל, ווערנד „העלדישקייט״, מוט, מענטשלאַכער שטאָלץ איז מער אַ פונקציע פון דעם רוקן־מאַרך.

בין איך מוחל דר. גינזבורגן אויב ער מיינט, אַז עס איז אַ „שווערער ענין״ און „משכילים־אַפּיקורסים״ און „מאַרק־סיסטישע סאָציאַליסטן״ וועלן דאָס ניט פאַרשטיין.

זאָל זיין, אַז דער פּחדנות־געפיל איז אַ פונקציע פון שכל, וועלכן דר. גינזבורג באַזיצט אין אַ גרויסער מאָס, און אַז העל־דישקייט, מוט, שטאָלצקייט איז אַ פונקציע פון דער לינקער פיאַטע... איז וואָס האָט עס צו טאָן מיט אונזער ענין? איך און די גאַנצע וועלט באַטראַכט דעם פּחדנות־געפיל, דעם אינ־פעריאָריטעט קאָמפּלעקס פאַר אַ חסרון און ניט פאַר קיין מעלה, כאָטש ער איז אַ פונקציע פון שכל. אויך דער שכל איז פאַר־שיידן ביי פאַרשיידענע מענטשן: עס איז דאָ אַ גלייכער שכל,

און עס איז דאָ אַ קרומער שכל — איז פון וועלכן שכל שטאַמט דער פּחדנות־געפיל ?...

אַגב, זאָגט מיר, איך בעט איך, פון וואַנען שטאַמט די מוטיגקייט, די רעוואָלוציאָנערישקייט ביי אַזעלכע פּערזאָנען, ווי, למשל, קאַרל מאַרקס, לאַסאַל, באַקונין, קראַפּאָטקין און נאָך און נאָך — פון קאָפּ־מאַרך אָדער פון רוקן־מאַרך ? באַלאַנגען זיי אויך צו די ניט־ציוויליזירטע ?...

מיט דרך־ארץ,

ש. הורוויץ.

מענש און איד

צום אַלעם ערשטן איז מען אַ מענש. באַלד נאָך מענש איז מען אַ איד אָדער אַ רוס, אַ דייטש א. אז. וו. מ'קען ניט זיין בלויז מענש און מער גאָרניט; ווייל יעדער איינצלנער מענש האָט אין זיך עפּעס אַן אַנדערשקייט וואָס דער צווייטער האָט עס ניט. ביי גרופּעס מענשן זיינען אָט די אַנדערשקייטן מער פאַרשידן, מער בולט, מער אָנגעזען.

אָט די אַנדערשקייטן ביי מענשן נעמען זיך פון דעם, ווייל די נאַטור ווירקט ניט אויף דעם ערד־קוגל אומעטום גלייך. די זון וואַרעמט ניט אויף אַלע טיילן מיט דער זעלבער מאָס וואַרעמקייט: די רעגנס באַוואָסערן ניט די יבשה מיט אַ גלייכער מאָס וואָסער; די ווינטן בלאָזן ניט מיט דער זעלבער קראַפט אומעטום; די בערג, די טאָלן, די ים'ען, די טייכן, די וועלדער האָבן אַ גרויסע ווירקונג אויף אַלץ וואָס עס געפינט זיך אויף דעם ערד־קוגל: אויף די פלאַנצן, אויף די חיות און אויך אויף די מענשן. און חוץ די נאַטירלאכע סבות, האָבן אַ גרויסע ווירקונג אויף מענשן אויך די ניט־נאַטירלאכע סבות, ווי, למשל, מלחמות, אונטערדריקונג פון איין פאָלק דורך אַ צווייטן, סביבה, קולטור, דערציאונג און אַזוי ווייטער. די אַלע נאַטירלאכע און ניט־נאַטירלאכע סבות ווירקן אויף דעם מענשנס קערפּער און גייסט; יעדע סבה אויף איר באַזונדערן אופן אַנטוויקלט ביי מענשן אונטער פאַרשיידענע אומשטענדן, באַזונדערע אַנדערשקייטן און אייגנשאַפטן, וועלכע ווערן איבער־

געגעבן בירושה צו די צוקינפטיקע דורות. וואָס איז אַ מענש?

אַ מענש שיידט זיך אָפּ פון אַלע אַנדערע לעבעדיקע וועזנס ניט נאָר מיט דעם וואָס ער רעדט אַ שפּראַך, האָט אַ גרויסן שכל, אַ טיפן דענקען, נאָר דער עיקר מיט דעם, וואָס ער האָט אַ מענשלאַך האַרץ, מענשלאַכן שטאָלץ און חשיבות, אַ שטרעבן נאָך אמת און יושר און איז גרייט צו אָפּערן זיין לעבן פאַר דאָס גליק פון זיינע מיטמענשן. וואָס איז אַ איד?

אַ איד איז קודם־כל אַ מענש מיט אַלע מענשן גלייך. ער האָט אַלע אייגנשאפטן, סיי קערפּערלאכע סיי גייסטיקע, וואָס אַלע מענשן בכלל האָבן. חוץ דעם, האָט ער געוויסע ספּעציעלע, אַזוי צו זאָגן, אידישע אַנדערשקייטן, מיט וועלכע ער שיידט זיך אָפּ פון אַנדערע מענשן. אַנדערשקייטן, וועלכע האָבן זיך אַנטוויקלט ביי אים דורך נאַטירלאכע און ניט־נאַטיר־לאכע סבות, ווי אונטערדריקונג פון די פעלקער, צווישן וועלכע ער האָט געעלבט פילע דורות און וואָס האָט אַנטוויקלט זיין חוש פאַר אמת און גערעכטיגקייט שטאַרקער, שאַרפער, ווי ביי אַנדערע מענשן, וואָס האָבן געלעבט אונטער גינסטיקערע אומ־שטענדן און בעסערע באדינגונגען.

אַ צאָל מענשן וואָס האָט געלעבט אין משך פון אַ סך דורות אונטער איינע און די זעלבע אומשטענדן, איבערגעלעבט די זעלביקע ליידן און פריידן, וועלכע האָבן אַנטוויקלט געוויסע שטריכן, אַנדערשקייט אין דעם אַרט פון דענקען און פילן; אַנדערשקייטן אין די באגריפן פון אמת און צדק, — רופן מיר: פאָלק, אידיש פאָלק.

יעדעס פאָלק שאַפט זיין קולטור לויט זיינע פעאיגקייטן. אַזוי, למשל, שאַפט דער דייטש זיין קולטור אין דעם גייסט פון זיין מהות־מענטש. זיין מהות־מענטש איז: פינקטלעכקייט ביז שקלאַפישער אונטערטעניגקייט פאַר דעם וואָס שטייט געזעלשאַפטלאַך העכער, און הערשעריש איבער דעם, וואָס שטייט געזעלשאַפטלאַך נידעריקער פון אים. זיין אַרט דענקען איז גלייכלייניענדיק, אָן אַן אָפּנויג אין אַ זייט, לאַנגזאַם און שווער; פּסיכיש טעמפּ — מיכל.

דער פראַנצויז שאַפט זיין קולטור נאָך זיין מהות־מענטש. זיין מהות־מענטש איז: ער דענקט גרינג און פלינק, אַלזייטיק און מיט ברייטן פאַרנעם; איז גייסטרייך, ליבט פרייהייט און האָט אַ רעוואָלוציאָנערן טעמפּעראַמענט; איז פּסיכיש טיף און שאַרף.

דער איד שאַפט זיין קולטור נאָך זיין מהות־מענטש. זיין מהות־מענטש איז: שאַרפזין, גיכער און טיפער דענקען, ברייטער שוואונג, אין פילע פּרטים ענלאך צום פראַנצויז, אָבער שיידט זיך אָפּ מיט דעם, וואָס ער שטעלט דעם טראָפּ אויף נשמה־ריינקייט, עטישקייט און מאָראַל, ווערנד אַנדערע ציוויליזירטע פעלקער שטעלן דעם טראָפּ אויף נשמה־רייכקייט. דער אונטערשייד איז אַ גרויסער: מ׳קען זיין רייך אין וויסנשאַפט, פילאָזאָפיע און טאַלאַנטפול אין קונסט, — און דאָך זיין אַ פאַרדאָרבענער מענטש.

דר. חיים זשיטלאָווסקי אין זיינע „געזאַמלטע שריפטן" ברענגט אַן אויסצוג פון פראָפ. מעביוס, אַז אַפילו אין מאַטע־

מאַטיח זעט זיך דער אונטערשייד צווישן צוויי פעלקער. (איך ציטיר לויט'ן זכרון, דער אינהאַלט איז ריכטיק): דער דייטש, זאָגט פּראָפ. מעביוס, דענקט אינטואיטיוו, ד. ה. ער מוז זיך פאָרשטעלן פאַר זיין גייסטיקן אויג דעם אונטערשייד פון אַ גאַנצעס און אַ האַלבעס — אַ קאָנקרעטע זאַך. דער פראַנצויז דענקט אַנאַליטיש: ער דאַרף זיך ניט פאָרשטעלן קיין זאַך, מיטן שכל אַליין זעט ער דעם אונטערשייד צווישן דאָס גאַנצע און האַלבע. דעם דייטשן אַרט דענקען רופט מען געאָמעטריש, דעם פראַנצויזישן — אַלגעברעאיש. און מערקווירדיק, זאָגט פּראָפ. מעביוס, די אידן, וואָס זיינען געבוירן געוואָרן אין דייטשלאַנד פון דורות און דערצויגן אויף דער דייטשער פילאָזאָפיע, אין דער דייטשער אַטמאָספערע — זיינען אין דער מאַטעמאַטיק נענטער צו דעם פראַנצויזישן אַרט דענקען.

דאָס זיינען נאָר עטלאכע שטריכן אין דעם מענשנס נשמה, מיט וואָס זיי שיידן זיך פאַנאַנדער איינער פונם צווייטן. דער סאָציאַליזם, וואָס איז פאַררעכנט פאַר דאָס העכסטע און שענסטע, וואָס דער מענשלאכער גייסט האָט געשאַפן, איז ניט אַ פּראָדוקט פון דעם 19טן יאָרהונדערט. נאָך מיט דריי טויזנט יאָר צוריק האָט דער אידישער געניאַלער גייסט געלעגט דעם יסוד פון סאָציאַליזם און פרייהייט דורך זיין תורה און נביאים. קאַרל מאַרקס (אויך אַ איד) און זיינע נאָכפאָלגער האָבן גאָר פאַרטיפט און אויסגעברייטערט דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק, אָבער ניט דערפונדן, ניט געשאַפן אים. די שונאי־ישראל, די אַנטיסעמיטן, זיינען גערעכט, ווען זיי זאָגן, אַז דער סאָציאַליזם

איז אַ אידישע דערפינדונג. מיר אידן האָבן געשאַפן דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל פון פרייהייט און גערעכטיגקייט, ער איז אַ פּראָדוקט פון אונזער גייסט. מיר זיינען שטאָלץ אויף אים!

פּעטער קראָפּאָטקין און לוי יצחק פון בערדיטשעוו זיינען ביידע געווען שיינע מענטשן, ליבע מענטשן מיט גאָר הויכע נשמות. ביידע זיינען געווען מוכן ומזומן זיך מוסר־נפש זיין פאַר זייערע מיטמענטשן. אָבער וואָס פאַר אַן אונטערשייד! איינער איז געווען גרייט צו יעדער צייט מקריב זיין זיין טייערן לעבן פאַר דאָס גליק פון זיין פאָלק און אויך פאַרניכטן מענטשלאכע לעבנס, ווען ער האָט באַטראַכט פאַר רשעים, פאַר אונטערדריקער פון פרייהייט און פראָגרעס. דער צווייטער איז אויך געווען גרייט בכל עת ובכל שעה אָפּגעבן זיין לעבן פאַר די לעבנס פון זיינע מיטמענטשן פון זיין פאָלק, אָבער בשום אופן ניט פאַר־גיסן מענטשלאך בלוט, פאַרניכטן מענטשלאכע לעבנס, ווען אַפילו זיי זיינען רשעים גמורים.

איך האָב געבראַכט קראָפּאָטקינען פאַר אַ ביישפּיל און ניט טאָלסטאָיען, וועלכער איז, ווי פילע דענקען, מער ענלאך אין זיין מהות צו לוי יצחק בערדיטשעווער, ווייל, לויט מיין מיינונג, איז טאָלסטאָי געווען אַ בעל־תשובה און ניט קיין צדיק. געגוג צו דערמאָנען זיין באַציאונג צו די פּאָגראָמען אויף אידן אין 1881 און שפּעטער, ווען מ'האָט זיך געווענדט צו אים פּערזענלאך ער זאָל זאָגן זיין וואָרט וועגן די פּאָגראָמען אויף אידן. אָבער ער, דער גרויסער בעל־תשובה, האָט געשוויגן...

אָבער קראָפּאָטקין און לוי יצחק בערדיטשעווער זיינעןביידע געווען צדיקים גמורים, כאָטש מיט געוויסע אַנדערש־קייטן אין זייער מהות׳ן.

רייד איך ניט פון דער פּראַקטישער זייט, ווער פון זיי ביידן איז מער פּראַקטיש. איך רייד נאָר וועגן די פאַרשיידנ־קייטן פון די מהות׳ן פון די צוויי גרויסע פּערזענלאַכקייטן, פון די צוויי זעלטענע, זויבערע, גרויסע מענשן: איינער אַ רוס, דער צווייטער אַ איד.

עס זיינען דאָ אַ צאָל מענשן, וואָס האָבן זיך איינגערעדט, אַז זיי זיינען די ראַדיקאַלסטע פון אַלע ראַדיקאַלן; אַז זיי זיינען די רעוואָלוציאָנערסטע פון אַלע רעוואָלוציאָנערן; אַז זיי האָבן די גרעסטע מאָס פון חכמה, פון יושר און אמת, און אַז נאָר זיי און ניט קיין אַנדערע האָבן דערפונדן אַן אידעאַל, וועלכער מוז און וועט ברענגען די גאולה־שלימה פאַר אַלע מענשן, דאָס איז: קאָסמאָפּאָליטיזם. זאָל נאָר יעדער מענש אָפּזאָגן זיך פון זיין פאָלק, פון זיין געשיכטע, פון זיין קולטור; זאָלן נאָר אַלע מענשן אָנהויבן ריידן איין שפּראַך (וועלכע?); זאָלן אַלע מענשן באַלאַנגען צו דער מענשהייט (וואו איז זי?), און פאַרשטייט זיך איינפירן אַן אַבסאָלוט פרייע, הערשאַפטס־לאָזיקע געזעלשאַפטלאכע אָרדענונג, — און שלום וועט זיין צווישן מענש און מענש לעולם ועד.

אָט־אָ־די מענשן פרעגן: „וואָס איז דער אונטערשייד צווישן איד און מענש”? און זיי זעען ניט איין, אַז מ׳קען ניט שטעלן אַזאַ פראַגע, ווייל אַ איד איז דאָך אין דער זעלבער

צייט אויך אַ מענש; ווייל דאָס וואָרט „איד" מיינט ניט אַ באזונדער זאַך, עס באצייכנט נאָר די אייגנשאפט, דעם אַטרי־בוט, דעם סימן פונם מענשן, כדי קלאָר מאַכן וועגן וועלכן מענשן מען רעדט. און אַזוי ווי מ'קען ניט פרעגן: וואָס איז דער אונטערשייד צווישן דער זיסקייט פונם עפּל און דעם עפּל גופא, — אַזוי אויך קען מען ניט פרעגן: וואָס איז דער אונטערשייד צווישן דייטש און מענש, צווישן רוס און מענש, צווישן איד און מענש. דייטש, רוס און איד זיינען ביי־ווערטער, וועלכע כאַראַקטעריזירן די אייגנאַרטיגקייטן פון יעדן איינעם פון זיי. קיין סתם־מענש איז ניטאָ און קען ניט זיין, ווייל מענשן ווערן ניט געבוירן פון שטיינער, נאָר פון לעבעדיקע מענשן מיט גע'ירשנ'טע פון זייערע עלטערן אייגנשאפטן און וועלכע ווערן איבערגעגעבן בירושה צו די צוקינפטיקע דורות, צי מ'וויל צי ניט. און מעגן די קאָסמאָפּאָליטן זיין אומצופרידן מיט זייער אָנגעהעריגקייט צו וועלכן עס איז פאָלק, — זיי וועלן זיך מוזן האַלטן דעם גאַנצן לעבן מיט דער אָנגעהעריג־קייט, ווייל נאָך אין דער מאַמעס בויך איז איד און מענש צונויפגעקניפּט און צונויפגעוואַקסן געוואָרן — ניט צו פאַ־נאַנדערשיידן.

צו וועלן פאַרלייקענען אָדער אָפּזאָגן זיך פון דעם אייגע־נעם פאָלק, פון זיין געשיכטע, פון זיין קולטור, פון זיין „איך" — מיינט צו זיין אַ מענש אָן מענשלאַכן שטאָלץ, אָן מענשלאַכע חשיבות; מיינט צו זיין אַ מענש מיט אַן אינפעריאָריטעט קאָמפּלעקס, מיט אַ שפלות־געפיל, מיט אַ נידעריקן מהות־מענש.

געפיל און פאַרשטאַנד

ספענסער זאָגט: „די געפילן זיינען די הערשער איבער דעם שכל". דאָס איז אמת. אין די באַציאונגען צווישן מענש און מענש ווערן די מערסטע זאַכן געמאָסטן און געשאַצט נאָר מיט די געפילן. מ׳קען זאָגן, אַז דער גרעסטער פּראָצענט פון מענשלאַכע מעשים זיינען רעזולטאַטן פון די געפילן.

אַ ביישפּיל וועט אונז קלאָר מאַכן דעם ענין.

איין מענש האָט באַליידיקט אַ צווייטן. דער שכל אַליין איז ניט אימשטאַנד צו אָפּמעסטן דעם גראַד, די שטאַרקייט פון דער באַליידיקונג. עס ווענדט זיך וואָס פאַר אַ פּערזאָן דער באַליידיקטער איז. איז זיין ערך־געפיל שטאַרק אַנטוויקלט, וועט די באַליידיקונג ווירקן אויף אים אויך שטאַרק. איז אָבער זיין ערך־געפיל שוואַך אַנטוויקלט, וועט די באַליידיקונג אויף אים ווירקן אויך שוואַך.

מענשן זיינען פאַרשיידן איינער פונם צווייטן פיזיש און איבערהויפּט גייסטיק. עס זיינען דאָ מענשן מיט קאַלטע, טרוקענע נשמות, אָן זאַפט, אָן וואַרעמקייט, אָן צאַרטקייט; ענגהאַרציק, אָן שוואונג; פסיכיש טעמפּ, אָן פאַרשטעלונגס־קראַפט, אָן פאַרשטענדעניש פאַר יענע מענשלאַכע אייגנשאַפטן, וועלכע זיינען פאַרבאָרגן פאַרן פשוטן אויג. אַזעלכע מענשן זיינען פאַסיק נאָר פאַר יענע וויסנשאַפטן — פאַרשטייט זיך

אויב זיי האָבן די פעאיגקייט — צו וועלכע עס פאָדערט זיך ניט קיין געפיל, קיין האַרץ, ווי, למשל, פיזיקע, כעמיע, מאַטע־מאַטיקע א. ד. גל. זיי זיינען אָבער ניט פּאַסיק פאַר די וויסנשאפטן, וועלכע באַהאַנדלען סאָציאַלע אָדער נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען, צו וועלכע עס פאָדערט זיך חוץ שכל אויך אַנדערע אייגנשאפטן וואו אַ גרויסע ראָלע שפּילן די געפילן, די עמאָ־ציעס, דאָס האַרץ.

און עס זיינען דאָ מענשן מיט שטאַרק און שאַרף אַנט־וויקלטע געפילן. זייערע נשמות זיינען זאַפטיקע, וואַרעמע, בויגיקע, מיט אַ ברייטן פאַרנעם, מיט אַ חוש צו דערפילן דאָס טיפסטע, דאָס פאַרבאָרגנסטע אין דעם מענשנס נשמה — גייסטרייך. אַזעלכע מענשן זיינען פּאַסיק פאַר יענע וויסנ־שאַפטן, וואָס האָבן צו טאָן מיט סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע פּראָ־בלעמען און אויך פאַר דיכטונג, פאַר קונסט בכלל — אויב זיי האָבן דעם נויטיקן טאַלאַנט, — וואו דאָס האַרץ, די געפילן זיינען די הויפּט מחותנים, אָן וועלכע דער שכל איז ניט אימ־שטאַנד צו באַגרייפן און אָפּשאַצן דעם ווערט פון די גע־שעענישן.

דאָס אויבנגעזאָגטע וועט אונז העלפן דערקלערן וואָרום מענשן האָבן פאַרשיידענע מיינונגען אין סאָציאַלע פראַגן, ווי די פרייהייטלאַך־דעמאָקראַטישע און קאָמוניסטיש־דיקטאַטאָרישע שיטות אין סאָציאַליזם און וואָרום אַ טייל — אַ קליינער טייל — מענשן זיינען קעגנער פונם נאַציאָנאַליזם און זיינען גענויגט צום קאָסמאָפּאָליטיזם.

מענשן מיט ווייניק אָדער שוואַך אַנטוויקלטע געפילן פאַר פרייהייט בכלל און פאַר דעמאָקראַטיע בפרט זיינען גענויגט צו דער קאָמוניסטיש־דיקטאַטאָרישער שיטה פונם סאָציאַליזם, ווען אַפילו זיי ווייסן, אַז זייער פרייהייט וועט שטאַרק באַגרע־ניצט ווערן און אפשר אינגאַנצן פאַרניכטעט ווערן; ווייל זיי, די דאָזיקע מענשן, האָבן ניט קיין שטאַרקע באַדערפעניש פאַר פרייהייט, ווייל זייער מענשלאַכער שטאָלץ ליידט ניט פון דער פרייהייט־באַגרעניצונג. זייער „שכל׳דיקער יושר", אויב מ׳קען זיך אַזוי אויסדריקן, זאָגט זיי, אַז דער כלל איז אַלץ און דער יחיד איז גאָרנישט. אַז דער כלל באַשטייט פון יחידים און דער כלל האָט נאָר יענע אייגנשאַפטן, וואָס דער יחיד האָט — איז ניט גילטיק פאַר זיי. דער הויפּט־ציל איז: וואָס מער פּראָדוצירן סחורות אין מעגלאַך ווייניקער צייט, ניט רעכע־נענדיק זיך מיט דעם גייסט, מיט דער נשמה פונם יחיד. זיי, די אָרעמע אין גייסט, רעכענען זיך ניט מיט דעם גייסט פונם מענשן, זיי פילן קיין באַדערפעניש אין דעם, זיי ליידן פון אינפעריאָריטעט־קאָמפּלעקס, פון אַ שפלות־געפיל.

דער זעלבער „שכל׳דיקער יושר" זייערער פירט צום קאָסמאָפּאָליטיזם. זיי זאָגן, אַז אַלע מענשן זיינען גלייך, אַלע מענשן זיינען וועלט־בירגער, אַלע מענשן באַלאַנגען צו דער מענשהייט. ניטאָ קיין פעלקער, ניטאָ קיין נאַציעס, ניטאָ קיין באַזונדערע גרופּעס. די נאַטור, טענה׳ן זיי, האָט באַשאַפן אַלע מענשן מיט די זעלביקע אייגנשאַפטן, ווי פיזישע, גייס־טיקע, פּסיכישע און אַזוי ווייטער. די אַנדערשקייט, וואָס פאַר־

שיידענע מענשן האָבן אין די פאַרשיידענע שפּראַכן וואָס מענשן רעדן — זאָגן זיי, איז אַ גרויסע שטערונג צום מענשלאכן גליק, ווייל וואָס שאַרפער איין גרופּע מענשן שיידט זיך אָפּ פון דער אַנדערער, אַלץ שטאַרקער ווערט דער אַנטאַגאָניזם, די קעגנער־שאַפט, און במילא פירט עס צו קנאה־שנאה, צו מלחמות, צו פאַשיזם — צו נאַציאָנאַליזם אַ־לאַ היטלער.

מיט דער זעלבער לאָגיק, אַז „נאַציאָנאַליזם איז היטלע־ריזם", קען מען אויך זאָגן: סאָציאַליזם איז סטאַליניזם. אָט זעט מען דאָך וואָס פאַר אַ פּרוכט דער סאָציאַליזם האָט גע־בראַכט אין רוסלאַנד. אָבער יעדער בר־דעת, יעדער מענש וואָס האָט עטוואָס שכל אין זיין מאַרך, וועט ניט מאַכן אַזאַ אויספיר פון די געשעענישן אין רוסלאַנד לגבי דעם סאָציאַ־ליזם (אונטער סאָציאַליזם פאַרשטיי איך: פרייהייט פאַר יעדן מענשן איינצואָרדענען זיך ווי אים געפעלט, בתנאַי ניט צו עקספּלואַטירן דעם צווייטן), ווייל עס איז ניטאָ קיין נויטווענ־דיגקייט, קיין אומפאַרמיידלאכקייט, קיין מוז, אַז סאָציאַליזם זאָל פירן צו דיקטאַטור. עס קען און עס וועט זיין אַנדערש אַפילו אין רוסלאַנד. אַזוי ווייזן פילע סימנים שוין איצטער.

אויך דער נאַציאָנאַליזם מוז ניט פירן צו היטלעריזם. די אורזאַך פון קנאה־שנאה, פון מלחמות איז ניט נאַציאָנאַליזם, נאָר דער מענש־חיה מיט זיינע חיה'שע אייגנשאפטן, וועלכע ער האָט גע'ירשנ'ט פון זיינע אור־אור עלטערן, דעם וואַלד־מענש. ניט דער נאַציאָנאַליזם טויג ניט, נאָר די מענשן מיט זייער נידעריקן באגריף וועגן רעכט און אומרעכט, וועגן גוט

און שלעכט, און באזונדערס די וועגן פון דער אַבנאָרמאַלער עקאָנאָמישער סטרוקטור, דאָס טויג ניט.

די אורזאַך פון מלחמות, פון פאַשיזם און היטלעריזם, פון קנאה און שנאה איז ניט נאַציאָנאַליזם, ניט די פאַרשיידנקייטן פון קולטורן, ניט דער אתה בחרתנו גייסט — ניט אין דעם זין פון מער רעכט, מער פריווילעגיעס, נאָר אין דעם זין פון אויס־צייכענען זיך מיט געוויסע אייגנשאפטן, — וואָס יעדעס פאָלק און אויך כמעט יעדער יחיד האָט, און וואָס דערהויבט דעם גייסט, דעם שטאָלץ, און וואָס סטימולירט צו ווייטערדיקער שאַפונג און אויסצייכענונג, און וואָס ברענגט נוצן פאַר דער גאַנצער מענשהייט, — נאָר, ווי געזאָגט, די פאַלשע באגריפן וועגן וועלט און מענש און פון דער אומגערעכטער צוטיילונג פון די לעבנס־מיטלען פון די געזעלשאפטלאכע רייכטימער.

צי האָט אונז, אידישע נאַציאָנאַליסטן, ווי געטאָן, ווען מען האָט אויסגע׳הרג׳עט אַ האַלבן מיליאָן פון די אַרמענער, — פרעגט מען אונז. יאָ, עס האָט אונז שטאַרק ווי געטאָן, אָבער ווייניקער ווי ווען מען האָט אויסגע׳הרג׳עט אין די פּאָגראָמען הונדערטער־טויזנטער אידן פון אונזער אייגענעם פאָלק. און קען עס דען אַנדערש זיין? אַזוי איז דער מענש באשאפן און מיר קענען ניט ענדערן די מעשי־בראשית. מ׳קען ניט פאָדערן פון מענשן דאָס אוממעגלאַכע, דאָס איבערנאַטירלאַכע.

געוויס קען מען איינצאַמען די צופיל ברויזנדיקע געפילן און ניט פאַרוואַנדלען זיי אין שלעכטע מעשים. געוויס קען

מען העלפן דעם חבר אין זיין נויט ווען אַפילו מען ליבט אים ניט, — אָבער ליב האָבן, גלוסטן אָדער ניט גלוסטן צו דעם האָט נאָך דער מענש קיין מיטל ניט דערפונדן.

עס איז אַן אומזין צו פאָדערן צו ליבן פרעמדע קינדער אַזוי ווי אייגענע. עס איז אַן אוממעגלאכקייט צו ליבן אַנדערע פעלקער, ווי מיין אייגן פאָלק, מיט וועמען איך האָב איבער־געלעבט פרייד און טרויער מיט וועמען איך בין פאַרקניפּט און פאַרוועבט מיט טויזנטער פעדים, וועמען איך קען און פאַר־שטיי בעסער פון אַנדערע פעלקער. די ליבשאַפט צו מיין פאָלק, צו מיינע קינדער איז בשום אופן ניט קיין סיבה צו פיינט האָבן אַנדערע פעלקער און קינדער. אַדרבא, די ליב־שאַפט צו אייגענע קינדער אַנטוויקלט סימפּאַטיע צו קינדער בכלל.

עס איז אַן אומזין צו וועלן מאַכן פון אַלע פעלקער איין פאָלק, פון אַלע שפראַכן איין שפּראַך, ווייל דורך פאַרשיידענע נאַטירלאכע סיבות: געאָגראַפישע, קלימאַטישע, היסטאָרישע, האָט זיך ביי פאַרשיידענע גרופּעס אין פאַרשיידענע ערטער אויף דעם ערד־קוגל אַנטוויקלט באַזונדערע אייגנשאַפטן, גע־שמאַקן, נייגונגען, זיטן, באַגריפן און אַזוי ווייטער אויך יעדע שפּראַך האָט אויב מ׳קען זיך אַזוי אויסדריקן, איר אייגענע נשמה, וואָס קען ניט איבערזעצט ווערן אין קיין אַנדער שפּראַך מיט אַלע קנייטשעלאך און חנ׳דעלאך. אָבער, וועט מען זאָגן,

די נאַטור האָט פילע שלעכטע זאַכן באַשאַפן אויף דער וועלט, וועלכע מיר מענשן באקעמפן. די פראַגע איז ניט צי עס איז נאַטירלאך, נאָר צי עס איז ווינשנסווערט. דער ענטפער קען זיין נאָר איינער: געוויס איז עס ווינשנסווערט.

אָבער פריער לאָמיר פעסטשטעלן דעם פאַקט, אַז אין דער נאַטור איז אַלץ פארשיידנאַרטיק. עס זיינען דאָ בוימער, אָבער די בוימער טיילן זיך פאַנאַנדער אויף מינים און די מינים אויף סוב־מינים. למשל, אַן עפל־בוים באַלאַנגט צו דעם מין בוימער, וואָס ברענגען ארויס זיסע, זויערע, וויניקע, רויטע, ווייסע, גרויע עפל. יעדער מין בוים האָט נאָר די אייגנשאפט ארויסצוברענגען דעם מין עפל און ניט קיין אַנדערן. חיות טיילן זיך אויף באזונדערע מינים, ווי בערן, לייבן, וועלף און אַזוי ווייטער. אָבער די בערן טיילן זיך אויף סוב־מינים: ברוינע בערן, שוואַרצע בערן, ווייסע בערן. יעדער מין האָט זיינע באַזונדערע אייגנשפאטן. מענשן — באשעפענישן, וואָס גייען אויף צוויי פיס, וואָס האָבן אַ שפראַך, וואָס קענען דענקען, — זיי אַלע באַלאַנגען צו דעם מין באשעפעניש, וועלכן מיר רופן: מענש. אָבער די מענשן זיינען פאַרשיידן סיי פיזיש, סיי גייסטיק איינער פון דעם צווייטן. דער בושמען איז אַנדערש פונם פראַנצויז; דער קירגיז איז אַנדערש פונם ענגלענדער; דער רוס איז אַנדערש פון דעם יאַפּאַנעזער, און אַזוי ווייטער. דאָס איז אַ פאַקט וואָס מען קען ניט און מען מאָר ניט לייקענען.

די פראַגע איז, צי זיינען אַט־די אַנדערשקייטן ווינשנס־ווערט.

לאָמיר שטעלן די פראַגע אויף פאַרשיידענע מינים עפּל. וואָלטן מיר געוואָלט, אַז פון אַלע מינים עפּל זאָל, לאָמיר זאָגן, ווערן איין מין זיסע עפּל? געוויס ניט! — מיר וואָלטן אָנגעוואָרן דעם פאַרגעניגן וואָס מיר האָבן פון די אַנדערע מינים. היינט שטעלט זיך פאָר וואָס מיר וואָלטן אָנגעוואָרן, ווען פון אַלע פעלקער זאָל ווערן איין פאָלק, מיט איין שפּראַך, מיט די זעלבע זיטן, נייגונגען, אַרט דענקען, געפילן און אַזוי ווייטער? מיר וואָלטן ניט געהאַט קיין וויסנשאַפט, קיין קונסט; עס וואָלט פאַרקלענערט אונזער אינטערעס אין לעבן. אַ גרויס גליק האָט געטראָפן דער מענשהייט, וואָס די נאַטור האָט באַשאַפן די מענשן מיט פאַרשיידענע אייגנשאַפטן. אונזער לעבן ווערט דורך דעם אינטערעסאַנטער, פיל־פאַרביקער, רייכער און שענער.

יעדעס פאָלק איז אַ פּראָדוקט פון דער נאַטור. יעדעס פאָלק האָט זיין מיסיע, זיין שליחות אויף דער וועלט. אַזוי ווי די בלומען האָבן זייער מיסיע ארויסצוברענגען פאַרשיידענע ריחות און קאָלירן; אַזוי ווי די פרוכט־בוימער האָבן זייער שליחות ארויסצוגעבן פאַרשיידענע פרוכטן מיט פאַרשיידענע טעמים — אַזוי האָט דער מענש זיין מיסיע צו דערפילן אויף דער וועלט. (דעם אידנס מיסיע איז: „עשות משפט ואהבת חסד״, טאָן גערעכטיגקייט און ליב האָבן גנאָד).

מענשן מיט אַנטוויקלטע געפילן פאַר פרייהייט שעצן און אַכטן דאָס אָריגינעלע, דאָס אינדיווידועלע אין דעם מענשן, וואָס מאַכט דעם יחיד און דעם פאָלק אַנדערש פון אַנדערע יחידים און פעלקער, און וואָס באַרייכערט און פאַרשאַפט גייס־טיקן געניוס דער גאַנצער מענשהייט, — אַזעלכע מענשן האָבן די נייגונג צו דער פרייהייטלאַך־דעמאָקראַטישער שיטה אין דעם סאָציאַליזם און צו די פאַרשיידנקייטן פון קולטורן צווישן פעלקער — צום נאַציאָנאַליזם.

ציוויליזאַציע און קולטור

די נאַצישע גרוילטאַטן קעגן די אידן אין דייטשלאַנד האָבן ווידער אַוועקגעשטעלט אויפן טאָג־אָרדנונג די פראַגע: ציוויליזאַציע און קולטור.

מיר זיינען געוואוינט צו פאַרשטיין אונטער „ציוויליזאַציע" און „קולטור" אַלץ, וואָס איז פּראָגרעסיוו, אַלץ וואָס אַנטוויקלט און איידלט־אויס דעם כאַראַקטער פונם מענשן. שטעלט זיך די פראַגע: ווי קומט עס, אַז אין אַזאַ ציוויליזירטן לאַנד ווי דייטשלאַנד זאָלן קענען פאָרקומען אַזעלכע בלוטיקע, באַרבאַרישע פּאָגראָמען אויף אידן?

ווי אַזוי קען אַ ציוויליזירטער מענש פּייניקן אַן אַנדער מענשן, אַ אידן, מיט אַזעלכע אינקוויזיטאָרישע מיטלען, ווי מיט אַ באַרשט אַנגעשלאָגן מיט טשוועקעס רייסן דאָס לייב ביז די נשמה גייט אויס?

וואָס פאַר אַ גיפטיקער, בייזער גייסט מוז באהערשן אָט יענע דייטשן, וועלכע באַנוצן זיך מיט אַזעלכע מעטאָדן!

און דאָס איז דאָך ניט קיין פראַגע בלויז וועגן אַ קליינער דייטשער מינדערהייט. ווי קומט עס, וואָס דאָס גרויסע דייטשע פאָלק זאָל אָפּגעבן 52 פּראָצענט פון זיין שטימען־צאָל פאַר דעם היטלעריזם?

מילא, אַז דאָס רוסישע פאָלק האָט געמאַכט פּאָגראָמען אויף אידן, קען מען דאָס נאָך ווי עס איז פאַרשטיין. איז דאָך דאָס רוסישע פאָלק האַלב־ווילד; אַ פאָלק, וואָס איז פילע הונ־דערטער יאָרן געווען אונטערדריקט פון דער רעגירונג און פון די לאַנד־אייגנטימער, די פּריצים; אַ פאָלק, וואָס איז ערשט נעכטן אַליין געווען פאַרשקלאַפּט, וואָס קען ניט לייענען און שרייבן. אַז אַזאַ פאָלק זאָל מאַכן פּאָגראָמען, איבערהויפּט נאָך ווען עס ווערט אויפגעהעצט דערצו פון דער רעגירונג גופא, — דאָס איז ניט קיין גרויסער וואונדער.

אָבער דייטשלאַנד — די דייטשלאַנד פון דענקער און דיכטער, די דייטשלאַנד וואָס האָט זיך דערוואָרבן אַ נאָמען פון אַ גרויס קולטורעל פאָלק אין דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט, — ווי קומט צו איר אַזאַ ברוטאַליטעט, אַזאַ חיה׳שע רציחה, אַזאַ סאַדיסטישע הנאה פון פייניקן מענשן נאָר דער־פאַר וואָס זיי זיינען אידן?

עפּעס איז ניט גלאַט מיט דער דייטשער „ציוויליזאַציע", מיט דער דייטשער „קולטור", אַז דייטשן, קינדער פון דייטשן פאָלק, זאָלן אין אונזער צייט קענען אַזוי האַנדלען!

אַ סך דענקער האָבן זיך לעצטנס געכאַפּט, אַז עס מוז זיין אַ גרונטאָוונער אונטערשייד צווישן „ציוויליזאַציע" און „קול־טור" און צווישן פאַרשיידענע מינים „קולטורן" גופא.

„ציוויליזאַציע", זאָגן זיי, איז ניט דאָסזעלבע וואָס קולטור. „ציוויליזאַציע" באַציט זיך אויף אויסערלאכע דערגרייכונגען —

ווי, למשל, דערפינדונגען פון מאַשינען צו פאַרגרינגערן דעם מענשן זיין אַרבעט; ריינלאכקייט, סאַניטאַציע; שענערע מאַניערן און עפנטלאכע באַנעמונג א. א. וו. „קולטור”, אָבער, באַציט זיך אויף אינערלאכער אַנטוויקלונג — די ריייניקונג און פאַרפיינערונג פון דאָס אינערלאכע אין דעם מענשן, פון זיין נשמה, פון זיין מאָראַל, עטיק א. א. וו.

און אַז עס זיינען פאַראַן פאַרשיידענע מינים קולטורן, — דאָס האָט שוין ערנעסט רענאַן, דער גרויסער היסטאָריקער, אָנגעוויזן. די גריכישע קולטור און די אידישע קולטור, זאָגט רענאַן, זיינען געווען גרונט־פאַרשיידן איינע פון דער צווייטער. די גריכישע קולטור האָט געשטרעבט צו „רייכקייט” — צו דער באַרייכערונג פון דעם מענשנס גייסט מיט וואָס מער ויסן, מיט וואָס מער שיינקייט, עסטעטיק. די אידישע קולטור אָבער האָט געשטרעבט צו „ריינקייט” — צו דער אויסאיידעלונג פון דעם מענשנס נשמה, צו דער אַנטוויקלונג פון דעם גערעכטיג־קייטס־געפיל א. א. וו.

פאַרשטייט מען דעם דאָזיקן אונטערשייד צווישן „ציווי־ליזאַציע” און „קולטור” און צווישן פאַרשיידענע קולטורן, — דעמאָלט קען מען ערשט האָפן צו פאַרשטיין, ווי אַזוי עס איז מעגלאך פאַר דעם ציוויליזירטן, קולטורעלן דייטשן פאָלק צו באַגיין אַזעלכע אַקטן קעגן אידן, וואָס זיינען קאָפּירט געוואָרן ממש פון דעם ווילדן מענשן וועלכער האָט זיך אויפגעהאַלטן אין אור־וואַלד.

טראַכט מען זיך אריין אין דעם ענין, קען מען געפינען גענוג באשטעטיקונג פאַר דער הנחה, אַז עס איז פאַראַן אַ גרויסער חילוק צווישן אויסערלאכער ציוויליזאַציע, שיינע מאַניערן און עטיקעט, און צווישן אינערלאכער אמת'ער קולטורעלער רייכקייט, וואָס ווערט אָנגערופן מיט דעם פשוטן נאָמען „מענשלאכקייט”.

איינגערע מענשן ווייסן עס פון ביכער, אָבער עלטערע מענשן געדענקען נאָר, אַז מיט 80 יאָר צוריק האָט אין דער צאַרישער רוסלאַנד נאָך עקזיסטירט שקלאַפעריי. יעדער פריץ, יעדער לאנד־אייגנטימער, האָט געהאַט טויזנט אָדער מער פויערים־שקלאַפן, און ער האָט געהאַט דאָס יורידישע רעכט און די מאַכט צו באשטראָפן זיינע שקלאַפן ווי זיין משוגעת האָט אים דיקטירט, ניט זעלטן אַפילו מיטן טויט. עס זיינען געווען אַזעלכע שקלאַפן־אייגנטימער, וועלכע זיינען אין דער זעלבער צייט אויך געווען ליבהאָבער פון קונסט, פילאָזאָפיע, וויסנשאפט א. אז. וו. קראַפּאָטקין דערציילט, דאכט זיך, אין זיינע מעמואַרן, ווי אַזוי אַזאַ איינער זיצט מיט אַ פריינט אין זיין רייכער ביבליאָטעק און שמועסט וועגן הויכע ענינים, ווי פילאָזאָפיע, פּאָעזיע א. ד. גל. אין מיטן אָט אַזאַ געשפּרעך קומט אריין דער אויפזעער איבער זיינע שקלאַפן מיט אַ קלאַגע קעגן איינעם פון די שקלאַפן, וועלכער האָט זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט. אויסהערנדיק די קלאַגע, האָט דער פריץ תיכף ארויסגעגעבן אַ באפעל: „פּופּציק שמיץ!” און . . . ער האָט

זיך ווייטער פאַרטיפט אין דעם איבערגעריסענעם שמועס וועגן הויכע ענינים...

קען מען אַזאַ מענשן אָנרופן: קולטורעלער מענש? גע־וויס ניט! וויפיל שיינע מאַניערן ער זאָל ניט באַזיצן, וויפיל ער זאָל ניט אָפּהיטן די עטיקעט, ווי שיין ער זאָל ניט זיין גע־קליידט, וויפיל ער זאָל ניט זיין באַהאַוונט אין וויסנשאַפט און אַפילו אין קונסט — בלייבט ער אַלץ אַן אומקולטורעלע חיה, אַ מענש אָן מענשלאַכקייט — אָן יענער העכערער מענשלאַכ־קייט, וועלכע איז די איינציקע מאָס פון אמת'ער קולטור, פון דער קולטור פון גייסט.

שווער ווי דאָס זאָל ניט זיין פאַר אַ פּראָגרעסיווען מענשן צו זאָגן, — מוז איך אָבער זאָגן, אַז דער איינציקער וועג ווי אַזוי מ'קען פאַרשטיין דעם דייטשן כאַראַקטער און די ברוטאַלע אויפפירונג פון אַזוי פיל דייטשן, איז דורך דער אָנערקענונג, אַז דייטשלאַנד איז אפשר אַ „ציוויליזירט" פאָלק, אָבער ווייט ניט קיין פאָלק פון „קולטור".

דאָס דייטשע פאָלק איז שאָוועניסטיש. עס האָט זיך איינ־גערעדט, אַז ער איז דער פּעאיקסטער, דער קליגסטער, דער מאָדעל פון דעם צוקינפטיקן מענשן.

אָט־די פּוסטע גאווה, אָט די נאַרישע און זייער שעדלאַכע איינריידעניש האָט זיך אַזוי איינגעגעסן אין די ביינער און מאַרך פון דעם דייטשן פאָלק, אַז ער קוקט אויף זיך ווי אויף אַ העכערן וועזן און אויף אַלע אַנדערע פעלקער ווי אויף נידע־

ריקע ברואים, און דאָס פירט אים צו דעם אויספיר, אַז ער איז פון שיקזאַל אַליין באשטימט געוואָרן צו הערשען איבער די נידעריקערע פעלקער.

די דאָזיקע באַציאונג פון דייטשן צו מענטשן פון אַנדערע פעלקער קען מען באמערקן, הגם אין אַן איידעלערער פאָרם, אַפילו ביי געוויסע דייטשע ראַדיקאַלן, ביי סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן. עס ווערט זייער טרויעריק אויפן האַרצן ווען מ׳דאַרף דאָס זאָגן, אָבער די וואָס האָבן געלעבט צווישן די דייטשע ראַדיקאַלן וועלן מוזן צוגעבן אַז דאָס איז אמת.

דאָס דייטשע פאָלק מעג זיך זיין ציוויליזירט, מעג האָבן אַ סך גרויסע דענקער און דיכטער; אָבער אין נשמה־איידל־קייט, אין ריינקייט פון גייסט, אין מענשלאכקייט — איז עס ווייט הינטערשטעליק אין פאַרגלייך מיט אַ סך פעלקער, ספּע־ציעל די מערב־איראָפּעאישע און די אַמעריקאַנישע פעלקער. פשוט׳ער גערעדט, קען מען זאָגן, אַז דער דייטש האָט זיך נאָך ניט באַפרייט פון די ווילדע טויטאָנישע אינסטינקטן; פון דאָס חיה׳שע, דאָס ברוטאַלע, וואָס האָט באהערשט זיינע אור־עלטערן, די איינוואוינער פון וואַלד. אין בלוט פון דעם דייטשן פאָלק לעבט נאָך די בייזקייט פון דער חיה; זיינע געפילן פון מענשלאכקייט זיינען נאָך ניט גענוג אַנטוויקלט גע־וואָרן, אַז ער זאָל פילן די ליידן און ווייטאָגן פון אַנדערע מענשן, וואָס באַלאַנגען צו אַן אַנדער שבט אָדער פאָלק.

איך ווידערהאָל: עס איז זייער שווער פאר אַ פּראָגרע־

סיוון מענשן ארויסצוברענגען אַזעלכע געדאַנקען. אָבער איך קען זיך ניט העלפן. נאָר דורך אָט דעם בליק אויף דעם דייטשן פאָלק, קען מען דערקלערן, ווי אַזוי אַ מערהייט דייטשן האָבן געקענט שטימען פאַר היטלערן און היטלעריזם, און ווי אַזוי די היטלעריסטן גופא קענען זיך באַנוצן מיט אַזאַ ברוטאַ־ליטעט קעגן אַנדערע מענשן, קעגן די אידן.

וואָס איז אַנאַרכיזם?

זייער אָפט קומט אויס צו הערן פון אַנאַרכיסטן אַט אַזעלכע רייד:

„דער שטאַט שטעלט מיט זיך פאָר ניט מער ווי ברוטאַלע מאַכט", „דער שטאַט באשיצט דעם קאַפּיטאַליזם", „דער שטאַט קען קיינמאָל ניט ווערן קיין אינסטרומענט פון באפרייאונג", „אַנאַרכיע, שטאַטלאָזיגקייט, איז דער איינציקער וועג צו דער באפרייאונג פון דעם מענשן".

דערפון קען מען באקומען דעם איינדרוק, אַז „אַנאַרכיע", ד. ה. שטאַטסלאָזיגקייט, איז דער סאַמע פונדאַמענט פון אַנאַר־כיזם.

עס קען זיין, אַז עמיצער וועט אויסזוכן אַ פסוק ביי באַ־קונינען אָדער ביי קראָפּאָטקינען, וואו עס ווערט געזאָגט, אַז אַנאַרכיע, הערשאַפטסלאָזיגקייט, איז דער יסוד פון אַנאַרכיזם. איז אויב אַזאַ פסוק זאָל זיך ערגעץ געפינען, — ענטפער איך אויף דעם: „תורה לא בשמים היא" — די תורה איז ניט אין די הימלען, און ניט בלויז ביי די גאונים אונזערע. מיר אַליין האָבן דאָ אויך אַ שטיקל דעה. ווען עס קומט צו פאַרטייטשן און אויסטייטשן די תורה, דאַרפן מיר געברויכן שכל אויך; דאַרפן מיר זיך רעכענען מיט די אומשטענדן, וועלכע האָבן זיך

געענדערט זינט אונזער תורה איז געגעבן געוואָרן; מוזן מיר צופּאַסן אונזער תורה צו די נייע אומשטענדן.

די צרה איז מיט אַט־די אנארכיסטן, וואָס זיי פאַרגעסן, אַז קיין אַבסאָלוטעס איז ניט פאַראַן, ניט אין דער נאַטור און ניט אין דער מענשלאכער געזעלשאפט. אַלץ איז רעלאַטיוו, אַלץ איז אַ פראַגע פון גראַד, פון מאָס.

דער אַנאַרכיסטישער אידעאַל איז באַזירט אויף צוויי עיקרים: ערשטנס, די אָפּשאַפונג פון דער פּראָפיט־סיסטעם, די עקספּלואַטאַציע פון איין מענשן דורך אַ צווייטן; צווייטנס, די באפרייאונג פון דעם יחיד פון דער טיראַניי פון דער מערהייט, פון דער רעגירונג.

אָבער דאָס זיינען די ענדצילן, וועלכע עס איז ניט אַזוי גרינג צו דערגרייכן, און ווער ווייס ווי לאַנג עס וועט נעמען ביז מ'וועט זיי ענדלאך דערגרייכן. דערוויל אָבער איז יעדער איינער, וואָס גלויבט אין די דאָזיקע צילן, מחויב צו קעמפן פאַר יעדער דערגרייכונג, וואָס דערנענטערט צו די דאָזיקע צילן, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַן עטאַפּ, אַ נייע סטאַנציע אויף דעם וועג אין דער אַלגעמיינער ריכטונג פון די דאָזיקע ענדצילן.

דער אמת'ער אַנאַרכיסט, וואָס האָט כסדר אין אויג דעם ענדציל, וועט זיך בשום אופן ניט לאָזן איינשמועסן, אַז מער צענטראַליזם, מער שטאַטלאכער ווילקיר, טאָטאַליטאַרער שטאַט קען פירן צום ענדציל. ער מוז פילן אינסטינקטיוו, אַז די

טענדענץ אין אַזאַ ריכטונג מוז, פּאַרקערט, דערווייטערן פון ענדציל.

פּאַרקערט, ווידער, יעדע פאַרלייכטערונג אין דער עקס־פּלואַטאַציע פון מענש דורך מענשן; יעדע אָפּשוואַכונג פון דער צענטראַלער אויטאָריטעט, יעדע פאַרגרעסערונג פון דער פרייהייט פון דעם יחיד, יעדער וואוקס פון אויטאָנאָמיזם, — מוז פון דעם אמת׳ן אַנאַרכיסט באַטראַכט ווערן פאַר אַ טריט אין דער געהעריקער ריכטונג, אין דער ריכטונג פון דעם ענד־ציל, און ער מוז עס באַגריסן.

און אויב דאָס איז אמת, — דעמאָלט איז דאָך קלאָר, אַז דער אמת׳ער אַנאַרכיסט דאַרף ניט בלייבן פּאַסיוו ווען עס ווערט געפירט אַ קאַמף פאַר די דאָזיקע דערגרייכונגען, נאָר ער מוז נעמען אַן אַנטייל אין דעם דאָזיקן קאַמף.

מיט אַנדערע ווערטער: עס איז בשום אופן ניט קיין פאַרברעכן קעגן דעם אַנאַרכיסטישן ענדציל צו באַטייליקן זיך אין פּאָליטישן קאַמף, אַפילו אין וואַל־קאַמף, אויב דאָס קען פירן צו אַ גרעסערער מאָס פרייהייט פון די איינצלנע מיט־גלידער פון דער געזעלשאַפט. און אַוודאַי איז עס ניט קיין פאַרברעכן קעגן דעם אַנאַרכיסטישן ענדציל זיך צו באַטייליקן אין די טאָג־טעגלאכע קאַמפן פאַר די קלײנינקע פאַרבעסע־רונגען אין דער עקאָנאָמישער מערכה פון די מאַסן.

פּאַרקערט, עס איז די קלאָרע פליכט פון יעדן אַנאַרכיסט צו באַטייליקן זיך סיי אין דעם פּאָליטישן קאַמף, און סיי אין

דעם עקאָנאָמישן קאַמף. נאָר אַט דער וועג קען סוף־כּל־סוף פירן צו דער אמת'ער באפרייאונג פון דער מענשהייט. נאָר דורך דעם וועג פון דערגרייכן וואָס מער גליק פאַר מענשן שוין באַלד, אין אונזערע טעג, קען מען האָפן ווען עס צו דער־גרייכן דעם ענדציל — די פולשטענדיקע באפרייאונג פון דעם יחיד סיי פון פּאָליטישער געוואַלט און סיי פון עקאָנאָמישער עקספּלואַטאַציע.